YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i23

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 23
June 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 23)

Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/44

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפּלאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אומגערעכט".
וואודראָו ווילסאָן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאָירקערס יוניאן

Vol. I. No. 23. New York, Friday, June 20, 1919. פרייטאג, דעם 20טען יוני, 1919. PRICE 3 CENTS

צווייטער גרויסער זיעג פון דער קלאוקמאכער יוניאן

אגרימענט געשלאָסען מיט דער צווייטער מאנופעקטשורערס אסאָסיאיישאן. — די אסאָסיאיישאן גיט 50,000 דאלאר קעש סעקיורידי אז אין זייערע שעפער וועט אפּגעהיט ווערען אלע יוניאן סטאנדארדס. — נעקסט קומט די דזשאבערס אסאָסיאיישאן און א קליינע צאהל אינדעפענדענט שעפער — א באגייסטערטער מיטינג פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע נעהמט אן איינשטימיג דעם סעטעלמענט. — איצט וועט דער וואונדערבארער סטרייק זיין גאר גיך אין גאנצען געסעטעלט.

אונזער מעכטיגע קלאוקמאכער יוניאן פון ניו יארק האט ווידער צו פארצייכענען א גרויסען זיעג. נאך לאנגע קאנפערענצען, וועלכע האבען אנגעהאלטען איבער צוויי וואכען צייט אין האטעל מעקאלפין מיט דער צווייטער מאנופעקטשורערס אסאָסיאיישאן, וועלכע האט איבער 300 מיטגליעדער, צווישען וועלכע עס געפינען זיך גאנץ באדייטענדע מאנופעקטשורערס אין טרייד, זיינען די קאנפערענץ־קאמיטעען פון ביידע צדדים ענדליך געקומען צו א פארגלייך און א צייטווייליגער קאלעקטיווער אגרימענט איז געשלאסען געווארען.

דער אגרימענט מיט די מאנופעקטשורערס איז גאנץ פארזיכטיג אויסגעארבייט געווארען. אלע מיטלען זיינען אנגעווענדעט געווארען צו באזייטיגען אין טרייד אלע איבלען פון די קלענערע שעפער, וועלכע האבען פריהער אזוי פיעל פארטומערט דעם קלאוקמאכערס לעבען. דער אגרימענט איז געשלאסען געווארען מיטוואך פארנאכט, דעם 11טען יוני, 1919.

דעם זעלבען אווענד איז אין סענטראל אפּערא־הויז אפּגעהאלטען געווארען א באגייסטערטער מיטינג פון דער דזשענעראל סטרייק־קאמיטע, און דער אגרימענט איז איינשטימיג אנגענומען געווארען. דער אגרימענט האט די זעלבע יוניאן סטאנדארדס ווי דער אגרימענט, וואס איז געשלאסען געווארען מיט דער „פראָ־טעקשיון" אסס'ן מיט נאך איינינע אנדערע פונקטען בנוגע די קלענערע שעפער. דאס וועט פאקטיש אוממעגליך מאכען אויף ווייטער די עקזיסטענץ פון ניט קיין יוניאן שעפער אדער די זאגענאנטע „קאאפערײשאן"־שעפער, וועלכע זיינען געווען א פעסט אין דער אינדוסטריע.

עס איז דא א גאנץ וויכטיגער פונקט אין דעם אגרימענט, אז קיין מאנופעקטשורער אדער סאב־מאנופעקטשורער טאר אין קיין פאל ניט ארבייטען פאר א דזשאבער, וועלכער האט ניט געשלאסען קיין אגרימענט מיט דער יוניאן. דאס מיינט, אז ווען די יוניאן ערקלעהרט א סטרייק געגען א געוויסען דזשאבער, מוזען די מאנופעקטשורערס אדער סאב־מאנופעקטשורערס, וואס מאכען פאר איהם ארבייט, גלייך סטאפּען צו מאכען פאר איהם ערגענד וועלכע ארבייט.

אלס א גאראנטיע פאר דעם, אז די מיטגליעדער פון דער אסס'ן וועלען נאכקומען אלע פונקטען פון אגרימענט, האט די נייע אסס'ן דעפּאזיטעט מיט דער יוניאן 50,000 דאלאר אלס א קעש סעקיוריטי. די סומע וועט מוזען פארגרעסערט ווערען יעדען מאל, וואס א נייער מעמבער קומט צו אין דער אסס'ן.

פרעזידענט שלעזינגער, טראץ דעם וואס ער האט געדארפט זיין צו דער קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר אין אטלאנטיק סיטי, איז אבער געווען לעצטע וואך און אנפאנג פון דער וואך ביי די פארהאנדלונגען מיט דער אסס'ן, און איצט, ווען ער האט שוין געמוזט פאהרען צו דער קאנווענשאן, האט מען איהם טעלעפאנירט אלעס וועגען די „פינישינג טאטשעס" פון דעם סעטעלמענט.

ברודער מאָריס זיגמאן, דער מענעדזשער פונ'ם דזשאינט באארד, איז געווען דער טשערמאן פון דער קאנפערענץ קאמיטע, אין פרעזידענט שלעזינגער'ס אביועזענהייט, און ער איז גאנץ צופריעדען מיט'ן סעטעלמענט, נאך דער אונערמידליכער שווערער ארבייט, וואס ער האט אין דעם סעטעלמענט אריינגעטאן.

אט איז א פאר ווערטער, וואס בר. זיגמאן האט אונז איבערגעגעבען דורך'ן טעלעפאן איידער מיר געהען צום פרעס:

„מיט דער אויסנאהמע פון נאך איינינע סאב־מאנופעקטשורערס און עטליכע מאנופעקטשורערס, איז דער דזשענעראל סטרייק פון די קלאוקמאכער איצט פאלשטענדיג געענדיגט. נעקסט אויף דער טאגעס־ארדנונג שטעהען ביי אונז די דזשאבערס, און אויך וועגען זיי קען איך אייך זאגען, אז עס זיינען דא גלענצענדע אויסזיכטען, אז נאך די טעג זאל אן אגרימענט מיט זיי געשלאסען ווערען."

אויף דעם מיטינג פון דער דזשענעראל־

(שלוס אויף זייטע 6).

קלאוקמאכער יוניאן פון קליוולאנד גרייט צו א סטרייק!

פרעזידענט שלעזינגער וועט אין גיכען זיין אין קליוולאנד. — די לאגע ווערט דארט ערנסטער פון טאג צו טאג. — די יוניאן באשליסט די ארבייטער זאלען געבען א האלבען טאג שכירות פאר די פאראומגליקטע אידען פון יענער זייט ים.

די קלאוקמאכער יוניאן אין קליוולאנד מאכט אלע פארבערייטונגען פאר א דזשענעראל סטרייק, און ווי מיר הערען, ווערט דארט די לאגע ערנסטער פון טאג צו טאג.

ווי עס איז אלעמען באוואוסט, איז די כלל פון אונזער אינטערנעשאנאל, איהר טראדיציע און טאקטיק, ניט אנצופאנגען א קאמף איידער א פארזוך ווערט געמאכט צו שליכטען דעם טראבעל אויף א פריעדליכען וועג, דורך קאנפערענצען מיט די מאנופעקטשורערס. ווי אונזער אינטערנעשאנאל פיהרט זיך, ווערט א דזשענעראל סטרייק גערופען ערשט דאן, ווען אלע אנדערע מיטלען זיינען שוין אויספּרובירט געווארען. אזוי פירט זיך אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן אומעדום, און דאס וועט מסתמא אויך זיין אזוי אין קליוולאנד. פרעזידענט שלעזינגער וועט פון שיקאגא גלייך אפּפאהרען נאך קליוולאנד, גרינדליך צו באטראכטען די דארטיגע סיטואציע. דערווייל אבער איז גאנץ גוט, וואס די קלאוקמאכער יוניאן אין קליוולאנד מאכט זיך גרייט צו א סטרייק. ווי א זאך זאל זיך ניט מאכען, איז אימער גוט אז מען איז צוגעגרייט. ווארום עס איז גאנץ מעגליך, דאס אהן א סטרייק זאל מען זיך דארט ניט אויסדרעהען.

אלזא, דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין קליוולאנד געהט אן מיט זיין פארבארייטונגס־ארבייט פאר א סטרייק. עס איז שוין אפילו אויסגעקליבען געווארען א דזשענעראל סטרייק־קאמיטע פון 91 פערזאן און עס ווערט שוין פארפערטיגט די גאנצע סטרייק־מאשינערי.

וואס אנבאלאנגט די קליוולאנדער קלאוק־מאנופעקטשורערס, איז גאנץ צווייפעלהאפט צי זיי פארשטעהען די ערנסטקייט פון דעם איצטיגען מאמענט. ווארום זיי טוען אלץ וואס זיי קענען צו מאכען די לאגע אלץ ערגער, צו מאכען די באציהונגען צווישען זיי און דער יוניאן אלץ מעהר און מעהר אנגעצויגען. זיי זוכען כמעט מיט געוואלד ארויפצוצווינגען אויף די ארבייטער זייער אייגענע „יוניאן", וואס זיי, די בעלי בתים, האבען אליין אויסגעקליערט פאר די ארבייטער פון זייערע שעפער. דאס איז עפּעס א מין שקלאפעריי, וואס עקעלט פשוט די ארבייטער צו הערען וועגען דעם.

און דער רעזולטאט איז, אז וואס מעהר זיי ווילען אט די פארלעגענע סחורה אריינפיהרען צווישען זייערע ארבייטער, אלץ מעהר רייסען זיך די ארבייטער צו א סטרייק! אלץ מעהר רייסען זיך די ארבייטער אין קאמף פאר טאקע אמת'ע יוניאן־באדינגונגען, ווי דאס האבען די קלאוקמאכער אין אלע אנדערע שטעדט, וואו עס ווערט געמאכט קלאוקס.

די גאנץ נאהענטע צוקונפט וועט ווייזען וואס אין קליוולאנד וועט פארקומען.

אז די קלאוקמאכער יוניאן אין קליוולאנד שטעהט אויף א פעסטען באָ־

(שלוס אויף זייטע 18).

אמ. פעדערײשאן קאנווענשאן ביי דער ארבייט

די וויכטיגסטע ארבייט פון קאנווענשאן דיעזע וואך. — רעזאלושאן געגען פוילישע פאגראמען איינשטימיג אנגענומען. — פעדערײשאן פאדערט אז בורלסאן זאל ארונטערגעזעצט ווערען. — באשלוס צו ארגאניזירען די שטאל אינדוסטריע.

אויף אן אנדער פלאץ אין דיזען נומער וועט דער לעזער געפינען ספּעציעלע קארעספּאנדענצען פון דער קאנווענשאן גופא. דא ווילען מיר בלויז דערמאנען די וויכטיגסטע רעזאלושאנס וועלכע זיינען פארהאנדעלט געווארען אין פארלויף פון דיזער וואך.

ווי די לעזער וויסען פון דער „גערעכטיגקייט" פון לעצטער וואך האט די דעלעגאציע פון אונזער אינטערנעשאנאל אריינגעטראגען א רעזאלוציע וועגען שיקאגא, וועלכע לעזט זיך ווי פאלגט:

„באשלאסען, אז די אמ. פעד. אוו לייבאר, אויף איהר קאנווענשאן, וואס ווערט אפּגעהאלטען אין אטלאנטיק סיטי, אינסטרואירט איהר עקזעקוטיווען קאנסיל צו שטיצען די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן אין איהרע פרידליכע פארהאנדלונגען מיט די בעלי בתים פון דער שטאדט שיקאגא, און אויך אין אזעלכע פעלע וואו א סטרייק איז נויטיג אויף איינצופיהרען קאלעקטיווע בארגיינינג און א גלייכען סטענדארד אין די וויידזשעס, דרעס און סקירטס אינדוסטריען אין שיקאגא".

די דאזיגע רעזאלוציע איז איבערגעגעבען געווארען צו דער ארגאניזאציאנס קאמיטע, און די קאמיטע רעקאמענדירט צו שטיצען די אינטערנעשאנאל בלויז אין די פרידליכע פארהאנדלונגען, און די ווערטער „צו שטיצען זיי אויך אין פאל א סטרייק איז נויטיג" זאלען פון דער רעזאלוציע אויסגעמעקט ווערען.

באלד האבען זיך אונזערע דעלעגאטען גענומען אפּרעכענען מיט דער קאמיטע פאר אזא מין ניט־מילכיג־ניט־פליישיגען באריכט. מ. גרין, דער סעקרעטער פון די מיינערס, דזשאן וואלקער פון שיקאגא און גאמפערס אליין האבען זיך באטייליגט אין דער דעבאטע. ער האט רעקאמענדירט אז די פראגע זאל צוריק איבערגעשיקט ווערען צו דער קאמיטע, וועלכע איז אינסטרואירט געווארען אריינצוברענגען א מעהר גינסטיגען באריכט. דאס איז טאקי געווען א פאטש אין פנים דער קאמיטע, נאר זי האט עס כשר פארדינט. די רעקאמענדיישאן איז נאכדעם איינשטימיג אנגענומען געווארען.

די קאנווענשאן האט איינשטימיג אנגענומען אונזער רעזאלוציע געגען די פוי־

אינהאלט־פארצייכניס

נומער 23 „גערעכטיגקייט"

זייט 2. די וואך. — נ. בוכוואלד.
זייט 3. בריעף פון אטלאנטיק סיטי. — דזש. העללער.
זייט 4. א וואונדערבארער ארגאניזאציאנס־קאמפּיין ביי דער ריינקאוט מאכער יוניאן. — ס. פרידמאן. דער פליישסטרייק אין ניו יארק — א סטעפּ רעפארמער.
זייט 5. די דזשענעראל סטרייק קאמיטע ביי דער ארבייט. — ל. פינקעלשטיין.
זייט 6. די פריינד־וועלט — ראזע בעדריק (בלינדער).
זייט 7. די קלאוק סיטואציע אין שיקאגא; שיקאגאער קלאוקמאכער באגייסטערט פאר וואך־ארבייט. — ה. סקולמאן. געדאנקען וועגען שטיק און וואך־ארבייט. — מאָריס זיסקינד. ניט דערוואַרט זיך — נ. עדעלשטיין.
זייט 8. איינגעבארג — ב. קעלערמאן.
זייט 9. ראמאן; די קעמפענדעס יוניאן גרייט צו סטרייקען פאר וואך־ארבייט.
זייט 10. פון רעדאקטארס נאטיץ־בוכעל.
זייט 11. רעקאנסטרוקציאנס פראבלעמען — א. זעלדין.
זייט 12. וואלט וויטמאן — א. גלאנץ. וואס איז באלשעוויזם ? — א. וואהלינער.
זייט 13. קאפלאן (ערצעהלונג) — מ. שמואלזאהן. ליעדער — י. אדלער.
זייט 14. אסתר המלכה — דר. אסתר לוריע. גאסען־בילדער — באנקיר פאן יאסעלדארף.
זייט 15. פילאדעלפיער אפּטיילונג — א. נייבאוער.
זייט 16. צווישען די קלאוקמאכער אין באלטימאר — א. ה. גלושאקאוו. די פעטיקאט מאכער נעהמען זיך בעסער ארגאניזירען — א. מ. טשאטקא. קורצע שמועסען.
זייט 17, 18 און 19. — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. 4טער דזשובילי בייער אין דער זומער־היים פון לאקאל 25. די לאגע פון קלאוקמאכער סטרייק אין בראנזוויל — א. באבינסע.

זיינען געבליבען סקעבען אין'ם נאמען פון דער סאציאלער רעוואלוציאן

די ארבייטער פון אלטמאן'ס ווייסט שאפ ערקלערט אלס פשוט'ע סקעבס

ווי ווייט מענשען קענען פארפיהרט ווערען פון פראזען־שיסעריי און היסטעריקע קען מען זעהן פון'ם פאקט וואס האט פאסירט אין דעם ווייסט שאפ פון מ. אלטמאן, 28 וועסט 25טע סט.

עהרליכע ארבייטער זיינען פון עטליכע היטציקעפ פארפיהרט געווארען צו פשוט'ע סקעבעריי און דאס אלץ אין'ם נאמען פון דער סאציאלער רעוואלוציאן.

וואס האט פאסירט אין דיזען שאפ איז פאלגענדעס:

די קאטערס יוניאן לאק. 10 האט געשטעלט געוויסע פאדערונגען צום באלעבאס אין באצוג צו דער צוטיילונג פון ארבייט צווישען די קאטערס. די פאדערונגען זיינען גוט געהייסען געווארען פון קאטערס לאקאל נאך איידער דער דזשענעראל סטרייק איז גערופען געווארען. דעם באלעבאס האט עס ניט נאר געשמעקט, נאר ווארשיינליך וואלט ער זיין געצוואונגען נאכצוגעבען עס. אבער דא האבען די „היסטערישע הייז קעפ" פון שאפ געקומען איהם צו הילף. זיי האבען באשלאסען אז די פאדערונג פון דער קאטער'ס יוניאן איז אן אונגערעכטע און האבען ערקלערט אז אויב ער וועט נאכגעבען די פאדערונג וועלען זיי סטאפען פון דער ארבייט. גערעדט און געטאן.

א פארשטעהער פון דער ווייסט מאכער יוניאן איז אוועקגעגאנגען אין שאפ צו שליכטען דעם טראבעל, נאר אומזיסט איז געווען זיין ארבייט. אלע זיינע ערקלערונגען האבען ניט געהאלפען. די פיהרער פון שאפ האבען איהם ערקלערט אפען: אז זיי ווילען גאר ניט האבען צו טאן מיט דער יוניאן, אז זיי באלאנגען צו אן אנדער יוניאן, א. ז. וו.

אזוי ווי דער באס האט ניט נאכגעגעבען די פאדערונג האט די קאטערס יוניאן ארויסגערופען די קאטערס אין סטרייק.

ווי עס פיהרט זיך אין אלע אזעלכע פעלע האט דער מענעדזשער פון דער ווייסט מאכער יוניאן אויפגעפאדערט די ארבייטער צו סטאפען פון דער ארבייט און שטעהן אין סטרייק ביז דער באס וועט זיין געצוואונגען נאכצוגעבען, אבער די פיהרער פון שאפ האבען געענטפערט, אז זיי וועלען דאס ניט טאן. נאכדעם ווי זיי האבען געהאט א סטאפּעדזש פאר א טאג צייט זיינען זיי זיך צוזאמענגעקומען מיט'ן באלעבאס און פארשפרעכענדיג איהם צו שטיצען געגען דער יוניאן, האבען זיי זיך אומגעקערט צוריק צו דער ארבייט.

די יוניאן האט דאן געלאזט וויסען יעדען מעמבער, אז זיי זאלען ערשיינען פאר א קאמיטע פון דער עקזעקוטיוו באארד צו ערקלערען זייער האנדלונג. ווען ניט וועלען זיי אויסגעשלאסען ווערען פון דער יוניאן און פארעפענטליכט ווערען אלס סקעבס.

אנשטאט צו קומען צו דער יוניאן האבען זייערע פיהרערס אפגעהאלטען א מיטינג מיט זיי ביים באלעבאס אין שאפ.

דער עקזעקוטיוו באארד פון דער יוניאן, אויפ'ן לעצטען מיטינג, דינסטאג אבענד, האט באשלאסען צו באהאנדלען זיי ווי זיי פארדיענען, און דערפאר איז דער שאפ אויסגעשלאסען געווארען פון דער יוניאן.

די ארבייטער דארטען טוען פשוט'ע סקעבעריי, צו זיי טוען עס מיט די מאטיווען פון די סולקעס'ם אדער אין נאמען פון דער סאציאלער רעוואלוציאן—סקעבעריי איז סקעבעריי. עס איז די פליכט פון יעדען דענקענדען ארבייטער צו אפטרייסלען זיך פון אזעלכע מענשען.

עס איז אמת, אז ניט אלע ארבייטער פון שאפ זיינען איינפערשטאנען מיט אזא האנדלונג. די יוניאן קען אבער ניט מאכען קיין אונטערשיעד מיט זיי אזוי לאנג ווי זיי פארבלייבען סקעבען אין שאפ.

דער סטרייק וואס איז גערופען געווארען ביי דער קאטערס יוניאן, וועט זיכער געשטיצט ווערען פון דער ווייסט מאכער יוניאן. די יוניאן וועט ניט ערלויבען קיינעם פון איהרע מעמבערס צו סקעבען. די וואס סקעבען קענען אין דער יוניאן ניט זיין.

די מאכט פון די ארבייטער ליגט אין איינינקייט. עס איז די פליכט פון איין לאקאל צו שטיצען דעם צווייטען. וועגען דעם קענען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. ווען א פאר ארבייטער פון א שאפ נעמען זיך די רעכטע צו געהן געגען א באשלוס פון א יוניאן איז דאס אונגעהערטע חוצפה פון בלויז אונפאראנטווארטליכע פערזאנען. און מערקווירדיג אז אט די נפשות נעמען זיך נאך די העזה צו רעדען וועגען אינדוסטריעלע יוניאנס. „וואן ביג יוניאן"! פון איין זייט און סקעבען געגען א צווייטער יוניאן פון דער צווייטער זייט.

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקען דאס פאלגענדע:

די פיהרער פון דיזען שאפ — ווארשיינליך ניט מיט דער צושטימונג פון אלע ארבייטער פון שאפ — האבען ארויסגעלאזען א שווארצע בלעטעל אין וועלכער זיי באשולדיגען די פיהרערס פון די יוניאנס אין דינגען גענגסטערס און אין די אלע אנדערע באשולדיגונגען וואס באסעס לעגען ארויף אויף יוניאן־פיהרער. און דאס אלעס ווערט געטאן אין'ם נאמען פון דער סאציאלער רעוואלוציאן.

ארימע, ארימע רעוואלוציאן!

יוניטי־סאלאניע פון דער ווייסט מאכער יוניאן איז גרייט פאר איהרע געסט

א ספעציעלע סעלעברייש אן וועט פארקומען דעם 4טען דזשולי. איילט זיך צו מיט אייער רעדזשיסטריישאן.

„דער טיש איז געגרייט. מען דארף זיך נאר זעצען צו דער סעודה". דאס איז דער לעצטער מעסעדזש פון דער יוניטי־קאלאניע. דער סטיווארט איז שוין דארטען צוויי וואכען צייט און האט צוגעגרייט די קיך אין בעסטער ארדנונג. אראנזשמענטס זיינען געמאכט געווארען, אז דאס בעסטע עסען זאל הייאהר געגעבען ווערען. „מיר זיינען אין אן אייגענער היים — און מיר ווילען זיך פיהרען, און פיהלען ווי ביי זיך אין דער היים" — האט ערקלערט די יוניטי־קאמיטע.

די בילדער פון דער גאנצער גרופע הייזער, וועלכע שטעלען צוזאמען די יוניטי־הייז, רופען ביי אלעמען ארויס דעם אויסגעשריי: אזוי פיעל באקוועמליכקייט! און אלץ — אייגענס! א שעהנער טייך, א באזונדער פלאץ פאר שווימען, טעניס־קאורטס, שפאציר־אלעען, א שטאל מיט אמת'ע פערד און קיה, א גרויסע פארם מיט אלערליי גרינצייג! און דאס אלץ איז ניט קיין געבארגטעס אדער געדונגענעס, נאר אייגענס! דאס אייגענטום פון דער יוניאן און פון יעדען מיטגליעד פון דער יוניאן!

איז דען א וואונדער, וואס די מעהרסטע ווייסטמאכער גלויבען קוים זייערע אייגענע אויגען? און ווען זיי שטעלען זיך פאר, אז זיי אליין וועלען דארטען לעבען און פארברענגען, אז זיי אליין וועלען זיין די בעלי־בתים איבער דער גאנצער „ווילא", אז זיי וועלען דארטען פריי און זארגלאז ארומשפאצירען איבער די ברייטע אלעען צווישען לאנקעס און בוימער, און וועלען זינגען און זיך פרעהען — ווען זיי שטעלען זיך איצט דאס אלעס פאר אין זייער פאנטאזיע, וועלכע וועט אין א פאר וואכען ארום ווערען א ווירקליכקייט, דעמאלט באגרייפען זיי, די טויזענטער ווייסטמאכער און ווייסטמאכערינס, אז ז י י ע ר יוניטי־הויז איז און וועט תמיד זיין דער ליכטיגסטער פונקט אין זייער שווערען ארבייטער־לעבען.

אין מאנאט דזשון פאהרען ניט קיין סך מענשען אין דער קאנטרי. און אויב איהר ווילט האבען א שטילען, רוהיגען וואקיישאן, רעדזשיסטרירט אייך באלד פאר'ן מיטען מאנאט דזשון אין אונזער יוניטי הויז. די, וואס וועלען דאס טאן, וועלען זיכער ניט האבען קיין חרטה.

פאר'ן 4טען דזשולי ווערט צוגעגרייט א ספעציעלע סעלעברייש אן מיט א קאנצערט און טאקע א ריכטיגע הוליאנקע. דאס וועט זיין א „טרים" פאר שאפ־טשערלייטע, נאר אויף די איינצעלהייטען מוזט איהר ווארטען ביז קומענדער וואך.

ווער פון אייך וועט עס פארפעהלען צו פאהרען אין דער אייגענער היים? איהר מוזט זיך אבער איילען מיט אייער רעדזשיסטריישאן. אז ניט איז זעהר מעגליך, אז איהר וועט דארט קיין פלאץ ניט האבען. די ווייסטמאכער־משפחה, די איהר ווייסט, איז א גאנץ היבשע און דער וואס קומט צוערשט — וועט פאהרען צוערשט. רעדזשיסטריישאן איז אפען פאר אלע מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל. פרעגט זיך נאך פאר איינצעלהייטען אין דער ליידיעס ווייסט און דרעססמאכערס יוניאן לאקאל 25 אין 16 וועסט 21טע סטריט.

ווערט בירגער פון דעם לאנד!

(א בריעף פון דער „נעטשוראליזיישאן אייד ליעג").

ווערטע רעדאקציאן „גערעכטיגקייט":

ערלויבט מיר א שטיקעל פלאץ אין אייער צייטונג פאר די פאלגענדע פאר ווערטער מכח דעם וואס אזוי פיעל ארבייטער פארנאכלעסיגען צו ווערען בירגער פון דעם לאנד.

אידען האבען קיין היים ניט. זיי זיינען איבעראל פרעמדע. זיי האבען אין ערגעץ ניט דיזעלבע רעכטע מיט די קריסטען. אמעריקא איז די איינציגע גאלדענע אויסנאהמע. דא איז דער איד פריי. דא האט ער גלייכע רעכטע מיט אנדערע פעלקער, און ער דארף ווייזען דער וועלט, אז ווען ער וואהנט אין א לאנד, וואס גיט איהם אזעלכע רעכטע, ווייס ער ווי דאס צו שעצען.

אידען האבען איבעראל שונאים, אין אפילו אין אמעריקא זיינען דא נארישע, שמאל־הערציגע מענשעלעך, וואס זאגען, אז דער איד קומט אהער מאכען געלד, און דערנאך פאהרט ער צוריק קיין רוסלאנד, קיין גאליציע, קיין רומעניען. דאס איז ניט אמת. דער איד האט ליעב אמעריקא און ער דארף דאס באווייזען. ער דארף זיך אנשליסען אן דער גרויסער סאסייעטי „יונייטעד סטייטס אוו אמעריקא".

און נאך אן אורזאכע איז דא ווארום דער איד אין אמעריקא דארף ווערען א בירגער.

אין דער אלטער „היים" ווערען די אידען שלעכט באהאנדעלט; ווערען די אידען געדריקט און געשטיקט. מען דארף אפט האבען, אז אמעריקא זאל זיך אננעמען פאר אונזערע ברידער אויף יענער זייט ים. ווי אזוי אבער קען מען דאס אויספיהרען? מען קען דאס אויספיהרען בלויז דאן, ווען די אידען אין אמעריקא וועלען זיין אמעריקאנער אידען, אנשטאט רוסישע, גאליציאנער אדער רומענישע אידען. מען קען דאס אויספיהרען בלויז דאן, ווען די היגע אידען וועלען אלע זיין היגע בירגער. זייער שטימע וועט דאן געהערט ווערען. מען וועט זיך רעכענען מיט זייער ווארט. זיי וועלען האבען אן איינפלוס און זיי וועלען קענען העלפען זייערע ברידער אויף יענער זייט ים.

און ניט נאר אלס אידען, זאנדערן אלס מענש, אלס ארבייטער, דארף דער ניט־בירגער זיין פאראינטערעסירט און ווערען א בירגער.

אמעריקא איז טאקע דאס פרייעסטע, דאס שענסטע לאנד אין דער וועלט. עס איז אבער דא א סך ארימקייט א סך דלות וואס מען וואלט געקענט אפשאפען, מען וואלט געקענט מאכען בעסער'ע געזעצע און איינפיהרען אין דעם לאנד א שענערען לעבען.

אז איהר זייט קיין בירגער ניט, האט איהר קיין דעה ניט, קענט איהר ניט מאכען, א דאס לאנד זאל זיך פיהרען אנדערש. איהר זייט א פרעמדער, אן אנגעווארפענער, און מען הערט זיך צו אייך ניט צו. אז איהר זייט יא א בירגער, זייט איהר אן אייגענער, איהר האט דא א דעה, אהר זייט א באלעבאס.

ווערט, אלזא, א בירגער!

די „נעטשוראליזיישאן אייד ליעג", וועמעס אויפגאבע עס איז צו מאכען אונזערע אימיגראנטען פאר בירגער, און וועלכע האט שוין געהאלפען צעהנדליגע טויזענדע מענשען ווערען בירגער, וועט באהילפיג זיין יעדען איינעם ווער עס וועט זיך ווענדען אין־דעם הויפט אפיס פון דער ליעג, וועלכער געפינט זיך אין „פארווערטס" בילדינג, 175 א. בראדוויי, רום 1, און וועלכער ווערט געהאלטען אפען יעדען טאג. אויסער זונטאג, פון 1 ביטאג ביז 9 אוהר אבענדס.

אלע דיענסטע ווערען געלייסטעט אומזיסט.

די קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערייש אן אוו לייבאר

(שלוס פון זייטע 1).

רען פון דער רעגירונג „אמנעסטי" פאר אלע פאליטישע ארעסטאנטען אין אמעריקא, וועלכע זיינען פאראורטיילט געווארען אויפ'ן גרונד פון די ספעציעלע געזעצע, וואס זיינען דא פארפאסט געווארען אין צייט פון מלחמה.

אונזער דעלעגאציע האט פארגעשלאגען נאך צוויי רעזאלוציעס, וועלכע באציהען זיך ספעציעל צו דער ליידיס־גארמענט אינדוסטריע.

אט זיינען אלע פיער רעזאלוציאנען:

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 13, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

רעזאלוציאן וועגען פאגראמען אויף אידען און וועגען רעכט פאר די קליינע פעלקער.

„זיי עס באשלאסען, אז די אמעריקען פעדערייש אן אוו לייבאר, פארזאמעלט אין קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי, פארצייכענט איהר פראטעסט געגען די פאגראמען און ברוטאליטעטען, וועלכע זיינען אויסגעאיבט געווארען אויף דער אידישער באפעלקערונג פון פוילען, אוקראינא און אנדערע לענדער אין מזרח אייראפא, און פאדערט אויף די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען אנצואווענדען אלע מעגליכקייטען און צו געברויכען איהר גאנצען איינפלוס מיט די רעגירונגען פון דער וועלט צו מאכען א סוף צו אזעלכע טהאטען און פאסירונגען און אז די נאציאנאלע מינאריטעטען אין יעדען לאנד פון דער וועלט זאלען פארזיכערט ווערען פולע ציווילע און פאליטישע רעכטע און שוץ".

רעזאלוציאן פאר אמנעסטיע פאר אלע פאליטישע ארעסטירטע.

„זיי עס באשלאסען, אז די אמעריקאן פעדערייש אן אוו לייבאר, פארזאמעלט אויף דער קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי, פאדערט אויף די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען צו באוויליגען א פאלשטענדיגע אמנעסטיע פאר אלע פאליטישע ארעסטירטע, וועלכע זיינען פארמשפט געווארען אונטער די ספעציעלע געזעצע וואס דער קאנגרעס האט אנגענומען דורך דער צייט פון מלחמה, און דאס צוריקרופען פון די אלע געזעצען וועלכע שטערען נארמאל זיך צו באנוצען מיט די אמעריקאנער פרייהייטען וואס ווערען גאראנטירט דורך דער קאנסטיטוציאן".

רעזאלוציאן וועגען קליוולאנד.

„זיי עס באשלאסען, אז די אמעריקאן פעדערייש אן אוו לייבאר, פארזאמעלט אויף דער קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי פאדערט אויף דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער פעדערייש אן ער זאל געבען זיין פולען סופארט צו אלע אנשטרענגונגען פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן איינצופיהרען קאלעקטיוו בארגיינינג און יוניאן ארבייטס באדינגונגען אין דער קלאוק, סוט און סקוירט אינדוסטריע פון קליוולאנד, אהייא".

רעזאלוציאן וועגען שיקאגא.

„זיי עס באשלאסען, אז די אמעריקען פעדערייש אן אוו לייבאר, פארזאמעלט אויף איהר קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי, באאויפטראגט איהר עקזעקוטיוו קאונסיל מיטצוהעלפען דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן אין איהרע פרידליכע פארהאנדלונגען מיט די בעלי בתים פון דער שטאדט שיקאגא, און אויך אויב עס וועט נויטיג זיין, צו רופען א סטרייק אום איינצופיהרען קאלעקטיוו בארגיינינג און יוניאן סטענדארדס אין דער ווייסט, דרעס און סקוירט אינדוסטריען פון שיקאגא".

די אלע רעזאלוציאנען זיינען אריינגעבראכט געווארען נים פון איינצעלנע דעלעגאטען, נאר פון דער גאנצער דעלעגאציע פון אונזער אינטערנעשאנאל. יעדע רעזאלוציאן באזונדער האט אויף זיך די אונטערשריפטען פון אלע אונזערע דעלעגאטען, ווי פאלגט: פרעזידענט שלעזינגער, י. פיינבערג, לאקאל 1; מ. גארענשטיין, לאקאל 10; דזש. העללער, לאקאל 17; מיסס מאלי פרידמאן, לאקאל 25 און א. לאפארטע, לאקאל 48.

בריעף פון אטלאנטיק סיטי

פון דזש. העללער

טהייערע חברה !

וואס זאל איך אייך ווייטער שריי־בען? איך זאל אייך אנהויבען שרייבען פון א ל ע ס וואס עס טוט זיך דא אפ? ועט דאך דאס זיין א מעשה פון מ'יזענד און איין נאכט. איך וועל אייך דאריבער בלויז שרייבען אט אזוי זיך, וואס איך גערעדט, וואס מיר געפעלט, און גלאט אזוי, ביז איך וועל ענדיגען מיין בריעף.

וואס זאל איך אייך זאגען, דא האט שוין געשטאפט דער רעגען און עס איז געווארען אביסעלע ליכטיגער אין גאס. (איך וואלט געזאגט ג א ס ע ן, נא־מעהר ווי איין גאס האב איך נאך נים געזעהן). דער עולם האט זיך שוין אנגע־פאנגען צו באדען און מיר זיינען שוין גאנץ ווייט אריינגעשוואומען אין קאנ־ווענשאן. דאס פאלק האט זיך אויפגע־כאפט פון זיין לעטארגישען (א באקאנ־טער ווארט) שלאף, און עס דונערען דא „קאנאנען", פון פאלק אויף דער ביהנע, און פון דער ביהנע אויפ'ן פאלק, אז עס נעהם א רויך. אי וואלט איך דא געקענט האבען „פאן" ווען אונזערע לצים וואלטען געווען פאראייניגט! נו, איז דאך נים באשערט.

אבער נים צו פארזינדיגען. אפילו מיט אונזערע „צושפליטערטע" קרעפ־טען, רייסט זיך צייטען־ווייז ארויס א „סטיכיינער זשאלאב", אז עס גיט דיר א „קאלאטשקע" אין הערצעלע.

* * *

האבען מיר דא א דעלעגאט מיט'ן נאמען טימאטי הילי. ער קומט פון ניו יארק און פארטרעט די פייער־פייטערס פון אמעריקא. שטעהט ער אויף פלוצלינג דינסטאג אין דער פריה און בעט איינ־שטימיגע ערלויבניס פארצולעגען א רע־זאלוציאן צום קאנווענשאן פאר באלדיגע האנדלונג. ווען ער האט ערקלערט וועגען וואס די רעזאלוציאן האנדעלט, האט קיי־נער נים געהאט וואס אויסצוזעצען און ער האט אנגעהויבען לעזען זיין רעזאלו־ציאן. אבער מיין גאט וואס טוט זיך דא? כאפט זיך אויף א ברודער דעלעגאט פון מאריסאן'ס ארגאניזאציאן און רעדט געגען און מאכט א גוואלדיגען איינדרוק. טוט זיך א כאפ הילי, דער פייער־פייטער און כאפט לעשען דעם פלאם. דאנקען דער ערשטער וויים־פרעזידענט נעמט די קיש־קע מיט היץ, סטאפט אין איהם אפ די וואסער. קומט צו לויפען מאריסאן אליין און צווינגט זיך אז די רעזאלוציאן זאל אנגענומען ווערען, קומען צולויפען די מא־שיניסטען דעלעגאטען און מען צוקלאפט איהם און'רחמנות'דיג, און, ברידער, די רעזאלוציאן איז דורכגעפאלען. אי וואס דארטען האט זיך אפגעטאן? דאס איז גע־ווען א דובינקע פאר דעם פרעסטיזש פון דער אדמיניסטריישאן, האט איהר גע־הערט, ד א נ ק ע ן און מ א ר י ־ ס א ן ביידע אין שלאכט געגען די פליי־נינקע דעלעגאטען און זיי האבען פאר־לארען.

דעם אינהאלט פון דער רעזאלוציאן ווילט איהר וויסען? גארנים. דאס איז געווען אן אויפפאדערונג צו דער פעדע־ריישאן צו זעהן ברויכען איהר איינפלוס אויפ'ן קאנגרעס נים צוריקציהען דעם גע־זעץ וועגען „ליכט שפארען", אין אידיש מיינט עס, אז דער זייגער זאל ב ל י י־ ב ע ן איבערגערוקט א שטונדע, אזוי ווי מיר האבען יעצט. ט י מ א ט י ה י ל י האט געוואלט, אז דער זייגער זאל בלייבען איבערגערוקט, כדי די אר־בייטער אין ניו יארק זאלען סטאפען פריהער און קענען פאהרען נאך דער אר־בייט אין קוני איילענד, און די איבריגע חברה האבען נים געוואלט, ווייל ער־שטענס זאגען זיי, דארפען די פארמערס אויפשטעהן מיט א שטונדע פריהער ווי אימער צוליעב דעם געזעץ, און דאן איז נאך די זון נים ווארעם גענוג, אויסצוטרי־קענען דעם טוי פון די גראז, און זיי קע־נען נים אנפאנגען ארבייטען. ווידער איז די „וועסט" געגען דעם ווייל די וועסטערן צייט איז לויט דיזען געזעץ גערוקט גע־ווארען מיט 2 שטונדען פריהער, און ווען אן ארבייטער נעהט דארטען 8 א זייגער צו דער ארבייט, מיינט עס 6, און זיי האבען דערפון געברענטע צרות.

א פראגרעסיווער דעלעגאט האט נאר געהאט אזא מין סארט טענה. אז דער זייגער איז גערוקט געווארען צוריק אויף א שטונדע צוליעב דעם, כדי די אר־בייטער זאלען האבען מעהר אדער ווייני־גער אביסעל צייט אין אווענט צו פאר־ברייננען, דערווייל וועלען זיי פארגעסען צו פאדערען א קירצערען ארבייטס־טאג. נו, האט איהר זיך אמאל גערעכנט צו הא־בען אזוי פיעל צרות מיט'ן זייגער ?

וואס זיים איהר ? א „נאסער" צי א „טרוקענער"? איין זאך איז זיכער, אז לויט דעם באשלוס פון קאנווענשאן זיינען מיר א ל ע „נאסע". נאך מעהר. איהר זאלט וויסען זיין, אז דער געזעץ וואס פארבאט א ביסעלע בראנפען אין אמעריקא איז א באשריינקונג אויף די פרייהייט פון די בירגער פון אמעריקא.

נאך מעהר: אז דער פארבאט פון דעם געברויך פון די מים המררים (שנאפס בלע"ז) וועט ז י כ ע ר ברענ־גען באלשעוויזם אין אמעריקא. איהר הערט, באלשעוויזם אליין וועט קומען ! און דער לעבעדיגער ביישפיעל איז — דאס פארפלוכטע רוסלאנד. מען האט דארטען אפגעשאפט „וואדקא" איז געקו־מען באלשעוויזם, וואס אלע גיבען דא צו איז פיעל ערגער ווי א 60גער „בוטעלקע" איז געווען אונטער דעם צאר.

לעזט א שטיקעלע פון דער רעזאלו־ציאן געגען פראהיבישאן וועט איהר אמת נחת האבען.

„באשלאסען אז דער עקזעקוטיוו קאנסיל פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר ווערט דערמיט אינסטרואירט איבערצוגעבען, דורך א קאמיטע, צום פרעזידענט פון דער יונייטעד סטייטס און צום קאנגרעס אין וואשינגטאן אונזער געגנערשאפט צו פראהיבישאן, און די קאמיטע זאל טאן אלעס אין איהר מאכט צו ראטעווען פאר דעם אמעריקאנעם פאלק זיין פרייהייט, גלייכהייט און גע־רעכטיגקייט". אמן.

איך האב אייך דא איבערגעגעבען די מעהר וויכטיגע ארגומענטען געגען פראהיבישאן, כדי איהר זאלט וויסען וואס צו טאן אין פאל איהר באגעגענט אן אנהענגער פון די „טרוקענע", און ווי־דער טאקע איינפלאנצען אין אייך בא־גייסטערונג פאר דיזער היילינער זאך. איהר זאלט ווערען געטרייע סאלדאטען אין די רייהען פון די „נאסע" קעמפער. איהר זאלט איינמאל פאר אלע מאל פאר־שטעהן, געדענקען און איינקריצען טיעף, טיעף אין אייערע נשמות, אז דער קאמף פאר דעם ביטערען טראפען, נעמט זיך נים אזוי פיעל פון אונזערע ענטאזיאסטישע פערזענליכע פארלאנגען פאר די לאכעדי־גע וואסער, ווי פון דעם היילינען פייע־רעל פאר פרייהייט, גערעכטיגקייט און ד ע מ א ק ר א ס י, וואס איז אזוי ש ע נ ד ל י ך פארלעצט געווארען אין דעם פראהיבישאן אמענדמענט צו דער קאנסטיטושאן.

נידער מיט די „טרוקענע", עס לע־בע די ניע, די פרייע וועלט פון די „נאסע"! לאנג לעבען זאל „פרידאם", „לי־בערטי" און „דעמאקראסי"! ברידער און שוועסטער, לחיים! לחיים! לחיים!

שא, נו, וואס קאכט איהר זיך דאר־טען אזוי? וואס הודזשעט איהר דאר־טען ווי די ביהנען? איהר הערט אויף מיט אייערע קלאץ קשיות, צו נים ? איהר פאנגט שוין מיר אן צו דרעהען א קאפ מיט'ן גראבען פיננער, — וואס איז שייך דעמאקראסי צו שנאפס? הערט אויף, ווילט איהר? איך דערצעהלען עפעס מאכט איהר שוין א גאנצען טומעל. זאל זיין שטיל, א דאגה האט איהר. אונזערע דעלעגאטען האבען געשטימט באוואוסט־זיניג אהן קיינע פרעטענזיעס.

מיר ווייסען אז מאנכעס מאל נאך דער ארבייט, אדער זונטאג צו דינער, איז גוט צו האבען אביסעלע ביער. נו, האבען מיר זיי געגעבען אונזערע 905 ציבעלעס (וואוטס) פאר דער רעזאלושאן. ווייטער ווייסען מיר נים פון קיין זאך, און האדיע.

יא, איך מוז אייך דערצעהלען אז אלע דעלעגאטען זיינען שבת אפגעפאה־רען אין וואשינגטאן צו פראטעסטירען געגען דער גזרה פון פראהיבישאן. מיר האבען זיך אבער צום ג ר ו י ס ע ן א ו מ ג ל י ק פארשלאפען (עס רעדט זיך אזוי). מיר האבען אבער מקיים גע־ווען די מצוה דא אין אטלאנטיק סיטי. מיר זיינען געווען נ א ס א גאנצען טאג. מיר האבען געקושט דעם ים און זיך געהאליובעט מיט זיינע שווימינג בוואליעס, ביז די זון האט אונז אביסעל אפגעזשארעט און ארויפגעלעגט זיין רויטליכען שטעמפעל אויף אונז, די פאר־פאלגטע קינדער פון דעם פאלק ישראל...

רעדענדיג וועגען דער גרויסקיים פון אידישען פאלק, ווייל איך פארביינעהענ־דיג דערצעהלען, אז מיר האבען דא גע־האט א גרויסען גאסט. סעקרעטערי אוו לייבאר, ווילסאן, איז אונז געקומען צו באזוך און האט געהאלטען א שעהנע רעדע, און האט אונז געגעבען א סך קאמפלימענטען און האט אונז באוויזען אז באלשעוויזם איז גאר נים אזוי אי־אי, אי, און האט גערעדט נים צו סטריי־קען פאר מוני'ן, און האט באזונגען די נייע וועלט וואס עס קומט אן און די גליקליכע צוקונפט וואס דער ארבייטער קען ערווארטען. איך האב אויך ארויס־גענומען פון זיינע ווערטער, אז עס וואלט איהם שטארק הנאה געטאן אז מען זאל זעהן אז די ארבייטער זאלען שליכטען זייערע צוויסטיגקייטען מיט די בעלי־הבתים אויפן פרידליכען אופן אין נאמען פון ציוויליזאציע. ער האט גערעדט לאנג און ברייט און האט געקראגען א גאנץ שעהנע אוואציע. דער עולם פיהלט זיך דא זעהר שטאלץ מיט איהם, ווייל ער האט נאך י ע צ ט זיין יוניאן־בוך פון די מיינערס יוניאן און גאמפערס רופט איהם — ביל.

און נאך מעהר, ב י ל ו ו י ל־ ס א ן רופט אונז אלעמען חברים יוניאן לייט, אזוי אז עס איז שווער צו דערקע־נען ווער איז ווער, און וואס איז וואס. איהר זעהט? אבער דאס איז נאך גאר נים, איך האב אייך גאר געוואלט דער־צעהלען אן אנדער זאך וועגען איהם. איהר הערט? אין אווענט ווען מיר זיינען געשטאנען אין גאס האבען מיר דעם סעקרעטער אוו לייבאר, ווילסאן, ג ע־ כ א פ ט שפאצירענדיג געארעמט מיט א דעלעגאט פון דער קאנווענשאן און ווען ער איז אונז פארביינעגאנגען האט ע ר געצוינען זיין העט פאר אונז און אונז באגריסט מיט א „גוד איווונינג" !

* * *

איהר ווייסט? מיר האבען דא אלע געוויינט א געוויסען נאכמיטאג. איך אויך. אבער מיט אמת'ע טרערען. עס איז אפילו נים שעהן אויסצוזאגען, אבער וואס קען מען זיך העלפען, אז איהר זעהט פאר זיך א וויינענדע פרוי פאר די אויגען, וואס גיסט טרערען און בעט זיך ביי דעם גרויסען ריעז פון אמעריקא, דעם ארביי־טער קלאס, צו ראטעווען איהר אונשולדי־גען מאן פון דעם לעבעדיגען קבר אין וועלכען די האסער פון די ארבייטער הא־בען איהם אריינגעווארפען דורך א שפינ־וועבס פון ליגען, פאלשקיים און באטרוג.

אך, ווי די הארץ האט געבלוטעט צוצוקוקען. מרס. רינא מוני שטעהט אויפן פלאטפארם און וויינט, דערצעהלט פון איהר עלענד אויף דיזער וועלט אהן איהר געליעבטען „טאם". זי דערצעהלט פון די אלע געמיינע מיטלען וועלכע עס זיינען אנגעווענדעט געווארען אום ארויפצעווארפען די פעטליע פון „גערעכ־טיגקייט" אויף איהר און איהר מאן'ס העלזער.

עס קלינגען מיר נאך יעצט אין די אויערן איהרע ווערטער. איך וועל קיין ווארט פון דעם וואס זי האט געזאגט נים קענען פארגעסען פאר א לאנגער צייט. אבער שטארקער פון אלעמען האט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון איהר קרעכץ — ראטעוועט מיין טאם פון לעבעדיגען קבר. דאס איז געווען דער קרעכץ פון דערשטיקטע און בערויבטע ליעבע, די ריינע הערליכע און היילינע ליעבע פון מאן און פרוי, וועלכע איז אזוי שעהן און ערהאבען אין א מאמענט פון אן אומגליק און טרויער...

מיר האבען איהר שטארק אפלא־דירט. אלע זיינען געווען אויף זייערע פיס ווען זי האט געענדיגט איהר תפילה צו דעם אלמעכטיגען ארבייטער קלאס, פאר דער פרייהייט פון איהר מאן, אויף א מיטגליעדער פון דעם ארבייטערס ווער־טעל. וועט אבער די האנדלונג ביים קאנ־ווענשאן צייגען די ערנסטקיים פון דער אפלאוז? אדער מיר וועלען זיך באגנו־גען מיט דער סענטימענטאלער ארויס־שפרעכונג פון סימפאטיע צו מרס. מוני און דערמיט וועט זיך אלעס ענדיגען ?

* * *

איהר האט דאך שוין מסתמא גע־הערט אז מיר, אונזער דעלעגאציאן מיין איך, האבען דא געמאכט א „היט". דאס איז אן אמת. מיר זיינען געווען אין די ערשטע ליניע טרענטשעס און מיר זיי־נען ארויסגעקומען גאנץ ווי נים, מיט מעדאלען פון דער מאיאריטעט פון די דעלעגאטען, פאר „בריווערי". איך זאג אייך, גענאסע יאנאווסקי האט אנגעקוועל־לען פון אונז.

אלזא, זיים וויסען אז מיר האבען דא געמאכט א טומעל און מיט גרויס ער־פאלג. דאס אבער וואס עס איז געווען געשריבען אין די קאפיטאליסטישע צייר־טונגען מיט גרויסע קעפלעך וועגען דעם „פיים" וואס מיר האבען אנגעפיהרט, איז טאקע א ליגען.

יעדענפאלס, די אמת'ע געשיכטע איז געווען ווי פאלגט: אונזער דעלעגא־ציע האט אריינגעשיקט א רעזאלוציאן, וועלכע לעזט זיך ווי פאלגט :

„באשלאסען אז די קאנווענשאן אינסטרואירט דעם עקזעקוטיוו קאנסיל צו געבען שטיצע צו דער אינטערנעשיא־נאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן אין איהרע פרידליכע פארהאנדלונגען מיט די ארבייטסגעבער פון שיקאגא ווי אויך אין פאל אז א סטרייק מוז גערופען ווערען אום כדי איינצופיהרען יוניאן־באדינגונגען אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע פון יענער שטאדט".

די ארגאניזיישאן קאמיטע האט בא־ריכטעט וועגען דיזער רעזאלושאן פריי־טאג דעם 13טען דזשון. אין איהר בא־ריכט האט די קאמיטע פארגעשלאגען די פאלגענדע צוויי אמענדמענטס צו דער אויבענדערמאנטע רעזאלוציאן :

ערשטענס, זאל דאס ווארט „אינ־סטרואירט" איבערגעביטען ווערען אויף „אנצייגען" (דירעקטס אין ענגליש), און, צווייטענס, זאלען די ווערטער פון דער רעזאלוציאן, וועלכע לעזען „און אויך אין פאל א סטרייק וועט נויטיג זיין" ארויס־גענומען ווערען אין גאנצען. די רעזאלו־ציאן לויט ווי זי איז אמענדירט געווא־רען וואלט געהאט דעם געדאנק, אז די קאנווענשאן וועט אונטערשטיצען דער אינטערנעשיאנאל אזוי ווייט ביז פריד־ליכע מיטלען וועלען העלפען. אין פאל אבער מען וועט אויך מוזען רופען א סטרייק, דאן, נאטירליך וועט די פעדע־ריישאנס אינדארסמענט אויפהערען.

דאס האט אונז אלעמען אויפגע־שטעלט אויף די פיס. מיר האבען נאטיר־ליך נים געקענט אלע ריידען מיט אמאל און אויף מיר איז אויסגעפאלען דער גורל צו געבען דעם ערשטען שאס. איך האב געטרייעט איבערצוגעבען די דעלעגאטען, אז דער צוועק פון דער גאנצער רעזאלו־ציאן ווערט פארלארען דורך דעם אמענד־מענט פון דער קאמיטע. איך האב אויך געטרייעט פרעגען דער קאמיטע ווארום זי האט אזוי מורא אריינצושטעלען די ווער־טער וועלכע זיי האבען געוואלט ארויס־ווארפען פון דער רעזאלוציאן. איך האב אויך געטרייעט צו באווייזען פאר די דע־לעגאטען אין וואס פאר א לעכערליכער לאגע די קאמיטע וועט אוועקשטעלען די פעדעריישאן פאר דער גאנצער וועלט, וועלכע וועט אויסטייטשען די האנדלונג פון דער קאמיטע, אז די א. פ. א. ל. איז געגען סטרייקס אין אלגעמיין.

איך גלויב אז מיר איז געלונגען אנ־צעווארעמען די דעלעגאטען אורטיילענ־דיג נאך די אויפמערקזאמקיים וואס די קאנווענשאן האט מיר געשענקט און נאך דעם באנדעל „פעטש" וואס איך האב גע־קראגען.

אין אלגעמיין וויל איך דא באמער־קען, אז מיר קריגען אימער צו אויפמערק־זאמקייט. עס איז אמת, אז פיעלע מאל, ווי דאס איז געווען ביי דער לעצטער קאנ־ווענשאן, גיט מען אונז א הוקע, אבער הערען, הערען זיי זיך איין צו דעם וואס מיר זאגען. קענטיג אז אונזערע חברה האבען דא א רעקארד פאר גוטע ציגלאך.

נאכהער, איז געקומען מאלי פריד־מאן מיט איהר אפענסיווע. זי האט די ערשטע זאך א בעט געטאן, אז מען זאל פארקירצען דעם נאמען אמעריקאן פע־דעריישאן אוו לייבאר, אויסמעקענדיג דעם ווארט „לייבאר". דאן האט זי גע־זאגט, נעמט זי זיך איבערדענקען צו עס לוינט זיך אין גאנצען צו באלאנגען צו דער פעדעריישאן, ווייל פאר סיך בעגי־

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Secretary-Treasurer; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. No. 23. Friday, June 20, 1919.

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879. Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

ליטע פּאָליטען אויף אידען און גאָמפּערס
האָט פאַרזיכערט אַז די פעדערײשאָן וועט
טאָן אַלעס וואָס זי קען אַז די רעזאָלוציאָן
זאָל דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען.

די נעגער דעלעגאַטען האָבען געפאָ-
דערט אַז נעגערס זאָלען צוגעלאָזען און
אריינגענומען ווערען אין אַלע יוניאָנס.
פיעלע דעלעגאַטען זיינען דאַן אויפגע-
שטאַנען און האָבען ערקלערט אַז די טי-
רען פון ייערע יוניאָנס זיינען אָפען פאַר
נעגערס און אַז זיי מאַכען ניט קיין אונ-
טערשיעד פון ראַסען, נאַציאָנען און הויט-
פאַרבען. די דעלעגאַטען פון יוניאָנס,
וועלכע נעמען קיין נעגערס ניט אריין זיי-
נען געבליבען זיצען פאַרשעמטע און האָ-
בען זייער פּאָליסי ניט פאַרטיידיגט.

א באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרען
אַז וואו נעגערס ווערען ניט אריינגענומען
אין די יוניאָנס זאָלען אָרגאַניזירט ווערען
אונאָפּהענגיגע נעגער יוניאָנס פון די באַ-
טרעפענדע טריידס.

זעהר א שטאַרקען אפּלאָוז האָט ארויס-
גערופען מאָלי פרידמאַן, פון אונזער דעלע-
גאַציע, בעת זי האָט ערקלערט אַז אין די
פאַרש דרעגע אינט. לײדיס גאַרמ. וואָר-
קערס יוניאָנס געפינען זיך איבער 6000
נעגער-מײדלאך, וועלכע זיינען גוט אָר-
גאַניזירט.

די קאָנווענשאָן האָט איינשטימיג
באַשלאָסען צו אינדאָסירען דעם קלאָוק
מאַכער סטרייק אין קליוולאַנד, אָהייאָ, און
האָט באַשלאָסען צו אונטערשטיצען די
פאָדערונג פון קאָלעקטיוו באַרגיינינג צווי-
שען די האָסעס און ארבייטער אין די לײ-
דיס גאַרמענט אינדוסטריע.

אויף דער אויפפאָדערונג פון נאָמ-
פּערס'ן האָבען פאָרטרעטער פון 24 אינ-
טערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס אָפּגע-
האַלטען א קאָנפערענץ וועגען אַן אָרגאַני-
זאַציאָנס-קאַמפּיין אין דער שטאָהל אינ-
דוסטריע.

די אַרבייטער פיהרער האָבען גענומ-
מען שוידערליכע בילדער וועגען דער
שרעקליכער לאַגע פון די שטאָהל אַרבייטער
און זיי האָבען דערצעהלט, אַז ניט נאָר
זיינען די אַרבייטער באַדינגונגען שלעכ-
טע, זאָגאַר אין די שטאָהל אינדוסטריע
געפינען איז אויך פאַרבאָטען פרייע
רעדע, פרייע פאַרזאַמלונגען און פרייע
פּרעסע.

עס איז באַשלאָסען געוואָרען גלייך
נאָך דער קאָנווענשאָן ארויסצושיקען א
גאַנצע רייהע אָרגאַנייזערס פון דער אַמ.
פעד. אָוו לייבאָר און אויב נויטיג זאָלען
די אָרגאַנייזערס זיין גרייט צו געהן אין
פּריזאָן פאַר צוזאַמענרופען מיטינגען און
פאַר אָרגאַניזירען די אַרבייטער.

די פראַגע פון טאָמאַס מוני איז
אויפגענומען געוואָרען. די קאָמיטע האָט
רעקאָמענדירט אַז מען זאָל טאָן אַלעס
מעגליכעס פאַר איהם. זי האָט אָבער צו-
ריקגעוויזען דעם פאָרלאַנג פון א דזשענע-
ראַל סטרייק. די קאָנווענשאָן אין אַלגעמיין
האָט זיך אויסגעשפּראָכען געגען דער אינ-
טערנעשאָנאַל וואָרקערס דעפענס ליגע.

די האַנדלונג פון מאַנכע מוני'ס
פאַרטיידיגער איז ניט געווען אַזאַ וואָס
זאָל ארויסרופען די סימפּאַטי פון דער
קאָנווענשאָן. אויסער דעם זיינען קלאַגען
געמאַכט געוואָרען אַז די ליגע נוצט אויס
מאַנכע פון די געלדער פאַר אַנדערע צוועק-
קען און ניט דירעקט פאַר מוני'ס פאַר-
טיידיגונג.

א רעזאָלוציאָן איז אריינגעטראָגען
געוואָרען אַז די אַמ. פעד. אָוו לייבאָר זאָל
פּייערען דעם 1טען מאַי אלס דעם אַרביי-
טערס טאָג אַנשטאַט לייבאָר דעי. די רע-
זאָלוציאָן, נאָכדעם ווי גאָמפּערס האָט גע-
רעדט דאַגעגען, איז צוריקגעוויזען געוואָ-
רען.

די קאָנווענשאָן פון אַמעריקאַן פעד.
אָוו לייבאָר האָט איינשטימיג אָנגענומען
א רעזאָלוציאָן אויפפאָדערנדיג דעם פּרע-
זידענט צוריקציהען פון זיין אַמט פּאָסט-
מאַסטער דזשענעראַל בוירלסאָן.

צווישען אַנדערעס זאָגט זיך אין דער
רעזאָלוציאָן, אַז,

„די אַמ. פעד. אָוו לייבאָר, רעדענ-
דיג דירעקט פאַר די 4 מיליאָן אָרגאַניזיר-
טע ארבייטער און זייענדיג איבערצייגט
אַז זי פאַרטרעט די מיינונג און די געפיה-
לען פון גאַנצען אַמעריקאַנער פאָלק פאָ-
דערט אויף דעם פּרעזידענט זאָפאָרט ארונ-
טערצוזעצען פון אַמט דעם פּאָסטמאַסטער
דזשענעראַל בוירלסאָן“.

נאָך פיעלע וויכטיגע פראַגען זיינען
געבליבען פאַר דער קאָנווענשאָן צו פאַר-
האַנדלען; נאָר זאָל זיך דער לעזער ניט
שרעקען. צו ווייט וועלען די רעזאָלוציעס
ניט פיהרען. איהר קענט זיך פאַרלאָזען
אויף די פיהרער פון קאָנווענשאָן אַז קיין
רעוואָלוציעס מאַכען וועלען זיי ניט דער-
לאַזען [illegible].

די גזאַד

פון נ. בוכוואַלד.

דער צושטאַנד פון דעם טעלעגראַף סטרייק.

עס איז אפילו צום באַדויערען,
אָבער מען מוז צוגעבען אַז דער גענע-
ראַל סטרייק פון די טעלעגראַפיסטען איז
ניט קיין גלענצענדער ערפאָלג. די הויפּט
צרה איז וואָס ניט אַלע טעלעגראַפיס-
טען האָבען זיך אָפּגערופען אויף דעם
סטרייק-רוף. ווי עס ווייזט אויס, איז
בלויז א קליינער פּראָצענט ארויס אין
סטרייק, און די קאָמפּאַניעס פיהרען אָן
זייערע געשעפטען אָהן זעהר גרויסע
שוועריגקייטען.

דאָס מיינט נאָך ניט אַז דער סטרייק
איז א פאַרלאָרענער און אַז די קאָמפּאַ-
ניעס קענען זיך באַגעהן אָהן די סטריי-
קענדע ארבייטער. עס איז אין לאַנד
ניטאָ קיין איבערפלוס פון טעלעגראַפיס-
טען, זייער אַרבייט איז ניט אַזאַ וואָס
מען קען ביי איהר אַנשטעלען „גרינע“.
עס פאָדערט זיך א סך ערפאַהרונג און
שטודיום צו זיין א גוטער טעלעגראַף-
אָפּערייטאָר.

עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז די
קאָמפּאַניעס וואָלטען געווען העכסט צו-
פרידען נאָכצוגעבען אייניגע פאָדערונגען
פון די סטרייקערס כדי דעם סטרייק
וואָס גיכער צו ענדיגען. די „פּאָסטאַל טע-
לעגראַף קאָ.“ איז באַזונדערס געטראָפען
פון סטרייק. די בעאַמטע פון יענער קאָמ-
פּאַניע גיבען אַליין צו אַז זייערע ביזנעס
זיינען „בעלאָו דהי נאָרמאַל“, און פון
דעם קען מען דרינגען, אַז דער סטרייק
האָט טאַקע דאָס אָנגעמאַכט א חורבן.
די „וועסטערן יוניאָן“ האָט פאַרלאָרען
א סך אַרבייטער, אָבער ניט גענוג, אום
אונטערצוברעכען איהרע ביזנעס. ביידע
קאָמפּאַניס זיינען איינגעשפּאַרט אויף
איין פּונקט — די אַנערקענונג פון דער
יוניאָן. ביידע קאָמפּאַניס איילען זיך ניט
נאָכצוגעבען די אַרבייטער צופיעל, ווייל
זייערע פּראָפיטען זיינען גאַראַנטירט פון
דער רעגירונג.

לעצטען מאָנטאָג האָבען די „בראָ-
קערעדזש“ טעלעגראַפיסטען, דאָס הייסט,
די וואָס זיינען באַשעפטיגט אין באַריכ-
טען די נייעס פון די בירזשעס צו פּרי-
וואַטע פינאַנסיסטען און באַנקירען, גע-
זאָלט ארויס אין סטרייק. זיי האָבען
אָבער אין דער לעצטער מינוט באַשלאָ-
סען דערווייל זיך צוריקצוהאַלטען, און
די „קאָמוירשעל טעלעגראַפערס“ שטעהען
נאָך אַלץ אַליין אין קאַמף.

לעצטען שבת האָט פּאָסטמאַסטער-
דזשענעראַל בוירלסאָן אויפגעפאָדערט די
טעלעפאָן-קאָמפּאַניעס צו אַנערקענען די
רעכט פון די טעלעפאָן אַרבייטער זיך
צו אָרגאַניזירען און פאַרהאַנדלען מיט
דער קאָמפּאַניע אלס א גאַנצע קערפּער-
שאַפט. כאָטש דאָס איז א גרויסער גע-
ווינס פאַר די טעלעפאָנען אַרבייטער, זיי-
נען די פיהרער פון די טעלעגראַפיסטען
ניט אין גאַנצען צופרידען מיט דעם,
ווייל זיי האָבען גערעכנט ארויסצורופען
אויך די טעלעפאָן אַרבייטער אין סטרייק
כדי צו פאַרשטאַרקערען זייערע אייגענע
רייהען. איצט אַז די טעלעפאָניסטען הא-
בען אָהן א קאַמף געקראָגען דאָס רעכט
זיך צו אָרגאַניזירען וועלען זיי שוין אין
סטרייק מסתמא ניט ארויס.

די פיהרער פון דער טעלעגראַפיס-
טען יוניאָן גרייפען שטאַרק אָן בוירלסאָ-
נען פאַר זיין האַנדלונג. זיי זעהען ניט
איין, זאָגען זיי, וואָרום בוירלסאָן האָט
אויך ניט אַנערקענט זייער רעכט זיך צו
אָרגאַניזירען. זיי זיינען דאָך אונטער
דעם רשות פון דער רעגירונג אַזוי גוט
ווי די טעלעפאָנען אַרבייטער און די
קאָמפּאַניעס וואָלטען געמוזט פאָלגען זיי-
נע באַפעהלען אויך אין באַצוג צו זיי.
עס טראָגען זיך זאָגאַר אַרום קלאַנגען אַז
בוירלסאָן האָט פאַרשפּראָכען די טעלע-
גראַפיסטען זייער יוניאָן צו אַנערקענען
און אַז דאָס האָט אָפּגעהאַלטען די „בראָ-
קערעדזש“ טעלעגראַפיסטען פון א סימ-
פּאַטי סטרייק. איצט, הייסט עס, זאָל עס
בוירלסאָן האָבען געבראָכען זיין וואָרט.
אויף ווי ווייט די קלאַנגען זיינען באַגרינ-
דעט ווייסען מיר ניט, אָבער עס איז גאַנץ
מעגליך אַז עס איז טאַקע אַן אמת'ע
מעשה.

די פיהרער פון די טעלעגראַפיסטען
האָבען זיך באַקלאָגט פאַר א סענאַט-קאָ-
מיטע אַז די רעגירונג שטעלט צו די קאָמ-
פּאַניס געלד אויף צוצוברעכען דעם
סטרייק. אייניגע סענאַטאָרען האָבען פאַר-
שפּראָכען „צו מאַכען אַן אונטערזוכונג“.

מען מאַכט געזעצען מיט דער שנעל-קייט פון „א מייל א מינוט“...

אבי מען זאָגט, אַז אונזערע געזעץ-
מאַכער זיינען אונפעהיג, אַז זיי פּטר'ן
אוועק ציים אומזיסט, אַז זיי שטויסען
וואַסער א. ז. וו., א. ז. וו. אָט זיינען
זיך די ניו יאָרקער געזעץ-מאַכער צוזאַ-
מענגעקומען אין אַלבאַני און האָבען אין
עטליכע שעה אויפגעטאָן מעהר ווי אַנ-
דערע מאָל אין מאָנאַטען.

וואָס עפּעס אַזאַ איילעניש מיט א
מאָל? — וועט דער לעזער פרעגען. איז
דער תירוץ — די היץ. מען האָט ניט
געוואָלט זיצען און שוויצען און טרינקען
אייז-קרים סאָדאַס און צאָהלען אַן עקס-
טראַ פּעני טעקסעס, האָט מען זיך אונ-
טערגעאיילט און אָפּגעפּטר'ט אַלעס מיט
אַנאַנדער אין א משך פון עטליכע שעה.

די מעשה דערפון איז אַזוי:

גאָווערנאָר סמיטה האָט גערופען אַן
עקסטרא סעשאָן פון דער לעדזשיסלײ-
טשור, אום צו פאַרהאַנדלען דעם אַמענד-
מענט וועגען פרויען שטימרעכט, וואָס
איז אָנגענומען געוואָרען פון קאָנגרעס און
סענאַט. אייגענטליך איז זיך ניט געווען
וואָס צו איילען, ווייל דער אַמענדמענט
וועט ניט אָנגענומען ווערען פון די נוי-
טיגע 36 סטייטס אײדער די ניו יאָר-
קער לעדזשיסלײטשור וועט זיך צוזאַמענ-
קומען אין איהר רעגולערער זיצונג. אָבער
אַזוי ווי די ניו יאָרקער פרויען האָבען
שוין שטימרעכט, און מען דאַרף זיך מיט
זיי רעכענען אין די קומענדע וואַהלען,
דאַרף מען מאַכען חנ'דלעך צו זיי. האָט
זיך אונזער גאָווערנאָר אונטערגעאיילט
און גערופען אַן עקסטרא זיצונג.

דער אַמענדמענט איז נאַטירליך אָנ-
גענומען געוואָרען. דאָס זאָנדערבאַרע
דערביי איז, וואָס ער איז אָנגענומען גע-
וואָרען א י י נ ש ט י מ י ג. די אַלטע
איבערצייגטע געגנער פון פרויען-שטימ-
רעכט האָבען געשטימט צוזאַמען מיט די
הייסע אָנהענגער פון אָט דער רעפאָרם.
אָבער אַז עס געהט אין פּרנסה איז דאָך
ניט שייך.

פאַר איין וועג האָט מען שוין דורכ-
געשמוגעלט א שטיקעל געזעץ-געבונג,
וואָס יועט אביסעל אָפּהאַלטען די צווי-
שעטע, ווילד-געוואָרענע לענדלאָרדס,
וועלכע האָבען פאַר דער לעצטער צייט
געבושוועט ווי א בייזע מגפה און אָנגע-
מאַכט פיעל צרות צווישען אַלע קלאַסען
טענענטס. דער נייער געזעץ, וואָס מען
האָט דורכגעשמוגעלט, גיט דעם טענענט
פון צוואַנציג ביז פערציג טעג צו זוכען
א נייע וואָהנונג אין פאַל דער לענד-
לאָרד שיקט איהם א לך-לך צעטעל. אַנ-
דערע פּונקטען אין דעם אָנגענומענעם גע-
זעץ וועלען געבען א מעגליכקייט די סוי-
ווינגס בייגקס צו לייהען געלד פאַר נייע
בילדינגס.

דער געזעץ איז א גאַנץ גוטער, כאָטש
ער ענטהאַלט אייניגע פּונקטען וואָס זיי-
נען ניט אַזוי אי-אי-אי. אָבער דאָס וויכ-
טיגסטע איז, וואָס אונזערע געזעץ-מאַכער
האָבען אין א קורצער צייט אויפגעטאָן
א סך אַרבייט.

הלואי אויף ווייטער.

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 20, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

באָלשעוויזם ווידער אויף דער טאָגעס-אָרדנונג.

אין די אָפיציעלע קרייזען אין אַמע-
ריקאַ האָט מען זיך ווידער גענומען צו
באָלשעוויזם. מען זוכט, מען נישטערט,
מען קעהרט וועלטען און עס לאָזט זיך
אויס בוידעם מיט בוידעם. די לעזער גע-
דענקען מסתמא די „באַריהמטע“ אווער-
מאַן קאָמיטע פון דעם סענאַט. די קאָ-
מיטע האָט אויף זיך גענומען די אויפ-
גאַבע צו דערגרונטעווען די טיעפענישען
פון דייטשער פּראָפּאַגאַנדע און רוסישען
באָלשעוויזם אין רוסלאַנד און אין אַמע-
ריקאַ. לעצטע וואָך האָט די קאָמיטע ענד-
ליך פאַרעפענטליכט איהר באַריכט, און
פון דעם באַריכט קען מען זעהן, אַז די
גאַנצע אונטערזוכונג איז געווען איבעריג.
קיין נייעס וועגען דער דייטשער פּראָ-
פּאַגאַנדאַ האָבען אונזערע חכמים,
סענאַטאָרען, ניט אויסגעפונען; אין זייער
באַריכט וועגען דעם פּרט קייען זיי איי-
בער דאָס וואָס ציימונגס-לעזער האָבען
שוין לאַנג פאַרגעסען, און וואָס אַמבע-
לאַנגט באָלשעוויזם האָט מען געוויזען ניט
גערעפּט מאַכען קיין אונטערזוכונג,
ווייל דער באַריכט איז געווען פאַרטיג
נאָך איידער די קאָמיטע האָט אָנגעהויבען
איהרע זוכענישען. דער טאָן פון דעם
באַריכט איז עבסט אונפאַסענד פאַר אַן
אָפיציעלער קאָמיטע פון שטאַאַטסלײט.
עס איז א טאָן פון גאַל און פאַראַכטונג,
פון כעס און פאַרביטערטקייט. עס איז
דער טאָן פון דער „ניו יאָרק טיימז“. די
אַלגעמיינע האַלטונג באַשולדיגונגען גע-
גען די באָלשעוויקעס זיינען ניט איבער-
צייגענד און ניט אויפקלעהרענד. א שטי-
קעל נישט געלונגענע אַנטי-באָלשעוויס-
טישע אַגיטאַציעס און מעהר גאָרניט.

מילא, אונז וואָלט ווייניג געקימערט
אָט די אַטאַקע אויף באָלשעוויזם. מיר
ווילען זיך די באָלשעוויקעס קריזודע
בכלל ניט אָננעמען, אָבער אין דעם באַ-
ריכט ווערען אויך געמאַכט אייניגע „רע-
קאָמענדיישאַנס“ צום קאָנגרעס. די אונ-
טערזוכער רעקאָמענדירען דאָס אין דער
צוקונפט זאָל די פרעמד-שפּראַכיגע פּרע-
סע קאָנטראָלירט ווערען. די סענאַטאָרען
געבען אפילו צו אַז איינגאַנצען צו אונ-
טערדריקען די „פרעמדע“ צייט-שריפטען
איז ניט ווינשענסווערט; נאָר מען דאַרף
זעהן אַז די פרעמדע זאָלען ניט פאַר-
שפּרייטען קיין געפעהרליכע געדאַנקען,
און דאָ ליגט דער הונד באַגראָבען.

אַן אַבלאַווע אויף די סאָוועטען-פאַרשטעהער.

די ניו יאָרקער געזעצמאַכער זיינען
אויך ניט אבי ווער. אַז מען אונטערזוכט
באָלשעוויזם וועלען זיי ניט שטעהן אַן א
זייט און גאָרנישט ניט טאָן. אַלזאָ, האָט
די ניו יאָרקער לעדזשיסלײטשור אָנגעמעל-
טען ערוועהלט א קאָמיטע און איהר גע-
געבען דרייסיג טויזענד דאָלער, און צו
איהר אַזוי געזאָגט: „געה און געפין
אויס און ראָט אויס דעם באָלשעוויזם
אין אונזער גרויסען שטאַאַט ניו יאָרק“.

און דער ערשטער שריט פון דער
דאָזיגער קאָמיטע איז געווען אַן אַבלאַווע
אויף די אָפיסעס פון ק. מאַרטענס, דעם
אָפיציעלען פאַרשטעהער פון דער רוסי-
שער סאָוועטען רעפּובליק. און עס איז גע-
ווען אַן אַבלאַווע מיט אַלע קליפּערלעך.
עס זיינען געקומען דעטעקטיווס („פּרי-
וואַטע“ מיט „סטייט-טרופּערס“) אַדער,
סטרייק-קאָזאַקען, ווי מען רופט זיי גע-
וועהנליך, און זיינען באַפאַלען די אָפי-
סעס פון די סאָוועטשיקעס, האָבען פאַר-
נומען אַלעס מיט אַנאַנדער, האָבען אַרעס-
טירט אַלעמען און הײדא אין אויטאָמאָ-
ביל אַריין, ס'הייסט, אין סיטי האָל, וואו
די קאָמיטע האָט זיך פאַרזאַמעלט.

דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער
געשיכטע פון עפענטליכע אונטערזוכונ-
גען, אַז אַזעלכע גוואַלדטאַטען זאָלען באַ-
גאַנגען ווערען. מען באַשולדיגט די סאָ-
וועטען-פאַרשטעהער אין גאָרנים, מען
פאַרדעכטיגט זיי אין גאָרנים, מען וויל
בלויז זיי אויספרעגען אלס עדות, וואָס
זיי ווייסען וועגען באָלשעוויזם אין ניו
יאָרק שטאַאַט.

מאַרטענס, נואָרטעווא און די איבע-
ריגע מיטגלידער פון דער סאָוועטען „גע-
זאַנדשאַפט“, זיינען געווען שטאַרק אויפ-
געבראַכט אויף די ניו יאָרקער פאַראַנד-
קעס. „סטייטש“, האָבען זיי נע'טענה'ט,
„מיר האָבען אין רוסלאַנד באַהאַנדעלט
די אַמעריקאַנער פאַרשטעהער מיט דעם
גרעסטען דרך ארץ, מיר האָבען זיי באַ-
שיצט אפילו אין די ערגסטע צייטען, און
דאָ קומט מען און מען באַהאַנדעלט אונז
— אָפיציעלע פאַרשטעהער פון דער רו-
סישער רעגירונג — ווי פאַרברעכער,
גזלנים, קעשעניקעס. וואו איז יושר? וואו
איז אַנשטענדיגקייט?“

אויף דעם איז דאָ אַן ענטפער —
סענסאַציע. מען דאַרף דאָך האָבען וועג-
נען וואָס צו פּויקען. מען דאַרף דאָך אַד-
ווערטייזען די קומענדע קאָמעדיע פון
דער באָלשעוויסטישער אונטערזוכעניש.

נואָרטעווא האָט געזאָגט, אַז עס
איז געווען די גרעסטע נאַרישקייט צו
פאַרכאַפּען די דאָקומענטען און קאָרעס-
פּאָנדענץ פון די סאָוועטען-פאַרשטעהער.
„אונזערע פּאַפּירען“, האָט ער געזאָגט,
„זיינען אָפען פאַר יעדען איינעם וואָס
אינטערעסירט זיך מיט זיי. ווען די פאַר-
שטעהער פון דער קאָמיטע וואָלטען אונז
געבעטען צושטעלען וועלכע עס איז דאָ-
קומענטען וואָס געפינען זיך ביי אונז אין
אָפיס וואָלטען מיר דאָס מיט פאַרגנינגען
געוועזן געטאָן. מיר האָבען ניט וואָס צו
באַהאַלטען“.

נו, איז א נאַרישקייט, אבי זיי האָ-
בען געגוג „נוירוז“, אבי מען האָט די קאָ-
מיטע גוט אַדווערטייזט. אי, וואָס דורך
אַזעלכע מעטאָדען קריגען די באָלשעווי-
קעס אויך די גרעסטע אַדווערטייזמענט?
איז אויך רעכט. עס איז דער אַמעריקאַ-
נער שטאַנדפּונקט: „ליוו ענד לעט ליוו“.

די דזשענעראל סטרייק קאמיטע ביי דער ארבייט

פון ל. פינקעלשטיין.

דער גרויסער קלאוקמאכער סטרייק, וועלכער איז שוין איצט אין זיינע לעצטע טעג, האט ארויסגערופען פיעל באוואונדערונג פון דער ערשטער מינוט וואס ער איז גערופען געווארען. די גאנצע פרעסע פון ניו יארק האט זיך פשוט ניט געקאנט גענוג אפוואונדערען פון דער שטילקייט, רוהיגקייט און פון דעם זעלטענעם טאקט מיט וועלכען דער סטרייק איז געפיהרט געווארען. און איצטער, ווען עס ווערט פאר אלעמען אלץ קלערער און קלערער די גרונטאווגע איבערקעהרעניש וואס דער סטרייק האט געמאכט אין דער גאנצער קלאוקס אינדוסטרי, ווערט דער וואונדער נאך גרעסער, און אונזער אינטערנעשאנאל און די מעכטיגע קלאוק מאכער יוניאן, ווערען איבעראל שטארק געלויבט פאר דער מערקווירדיגער ארדנונג מיט וועלכער דער סטרייק איז געפיהרט געווארען.

אלזא, אז פרעמדע מענשען וואונדערען זיך איז קיין חידוש ניט, זיי קאנען ניט אונזער ארגאניזאציאן פון נאהענטען. דער אמת איז אבער, דאס די ערשיינונג רופט ארויס גרויס באוואונדערונג פון אייגענע, וועלכע שטעהען נאהענט צו דער ארגאניזאציע, פונקט אזוי גוט ווי פון די פרעמדע וואס שטעהען פון ווייטען. מען מוז אריינקומען אין דער העכסטער באגייסטערונג ווען מען באטראכט די פיבערהאפטע טעטיגקייט און די מערקווירדיגע, סיסטעמאטישע ארבייט וואס ווערט געטאן פון די באזונדערע קאמיטעס פון דער גרויסער, אלגעמיינער דזשענעראל סטרייק-קאמיטע, און דאס איז דאך דער סאמע פונדאמענט פון דער גרויסער ארדנונג און פון דער רוהיגקייט פון דעם סטרייק.

ווען איהר קומט, למשל, אריין אין די העדקוואדערס פון דער ארגאניזיישאן קאמיטע אין בעטהאווען האל, און אין די העדקוואדערס פון דער סעטלמענט קאמיטע אין קאנטינענטאל האטעל, און איהר זעהט די קאנצעלאריעס וואס זיינען דארט איינגעשטעלט געווארען, איז זיך שווער צו גלויבען, אז איהר געפינט זיך אין אן אפיס פון א סטרייק קאמיטע, וואס איז איינגעשטעלט געווארען בלויז אויף דער-ווייל, ווי לאנג דער סטרייק וועט געדויערען. גיכער מאכט עס אויף אייך דעם איינדרוק, ווי איהר וואלט זיך געפינען אין א גוט איינגעפונדעוועטען, לאמיר זאגען, רעגירונגס-אפיס, וואס עקזיסטירט שוין פון פיעלע יאהרען.

אט זיינען מיר אויף דעם אונטערשטען פלאר אין בעטהאווען האל, די הויפט קאנצעלאריע פון דער ארגאניזיישאן קאמיטע. עס איז איינגעפיקסט געווארען א „סוויטש באארד“-ביי וועלכען עס זיצט א טעלעפאן אפערייטאר און ענטפערט כסדר די פילע „קאלס“ וואס קומען אריין פון די פארשידענע אנדערע דעפארטמענטס פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע. אין זעלבען אפיס געפינען זיך אייניגע „טייפ-דרייטערס“, און מיידלאך זיצען און קלאפען כסדר אויף די ביינדלאך. א חוץ דעם זיצען ביי א לאנגען טיש באים און יונגע לייט וואס טוען „קלעריקאל“ ארבייט, מען זיצט און מען שרייבט. אויסער דעם שטעהען דארט מענשען ביי עטליכע קליינע פענסטערלאך און גיבען „אינפארמיישאן“ צו טויזענדער סטרייקער וואס קומען אהין פרעגען וועגען געוויסע אנגעלעגענהייטען. ברודער סאול מעטץ איז דער „טשיעף“, דער טשערמאן פון דער קאמיטע און ברודער דזש. רובין איז זיין אסיסטענט.

איהר האט באדארפט זעהען וואס אין דעם אפיס טוט זיך! צו זאגען אז אין יעדען ווינקעלע פון דעם אפיס שווירבעלט און גריבעלט מיט לעבען און טעטיגקייט, וואלט הייסען נאר ניט געזאגט. אין דעם אפיס נעהמט אן א גרויס איילעניש; אלע זיינען זעהר „ביזי“, און ווער שמועסט נאך, מעטץ און רובין, — צו זיי קאן מען קוים צו קומען רעדען א ווארט.

אין דעם אפיס איז איינגעשטעלט געווארען א פאלשטענדיגער „רעקארד דעפארטמענט“, מיט א „קארד סיסטעם“, און דער רעקארד, גוט אהער שלעכט, פון יעדען קלאוק, סקווירט אדער ביפער שאפ אין ניו יארק געפינט זיך דארטען. אלעס איז אראנזשירט נאכ'ן אלף-בית, איהר דארפט בלויז זאגען דעם נאמען פון דער פירמע, און איהר קאנט באלד וויסען אלעס וואס באלאנגט יענעם שאפ. אויב ער-איז געווען בעפאהר דעם סטרייק א גוטער יו־ניאן שאפ, צי א שלעכטער, צי עס פלעגט זיין אפט טראבעל צי ניין, — קורץ, אלעס וואס באלאנגט דעם צושטאנד פון דעם שאפ אין באצוג יוניאן אנגעלעגענהייטען.

אויף דער ארגאניזיישאן קאמיטע איז אין דעם סטרייק אויסגעפאלען צו טאן א סך שווערע ארבייט, און עס דארף דא געזאגט ווערען, דאס אלעס אין דעם אפיס ווערט געטאן מיט'ן גרעסטען פלייס, פינקטליך און איבערגעבען אויפ'ן העכסטען ארט.

די זעלביגע ארגאניזיישאן קאמיטע האט אייניגע אפטיילונגען, וועלכע געפינען זיך אויף באזונדערע פלארס אין דער זעלבער בילדינג. ברודער מעטץ, איז דער טשערמאן פון דער גאנצער קאמיטע, און אלע אפטיילונגען זייגען אונטער זיין אויפזיכט; ער פאסט אויף אויף אלעס וואס ווערט געטאן אין יעדען ברענטש באזונדער. אבער יעדער אפטיילונג האט א באזונדער „טשיעף“, ווי פאלגט:

ברודער ס. בעלינסאן פון לאקאל 23 איז דער הויפט פון דעם דעפארטמענט וואס ניט זיך אפ מיט'ן ארגאניזירען און איינשטעלען די סקווירט און דרעס שעפער.

ברודער קארל שאצבערג, פון לאק. 3, איז דער הויפט פון דער „אינסטראקשאן“ אפטיילונג. אין דער אפטיילונג ווערט געגעבען צו די שעפער, וועלכע קערען זיך אום צוריק צו דער ארבייט אלע אינפארמיישאנס און אינסטראקשאנס וועגען די נייע באדינגונגען אין די שעפער.

ברודער הייט, פון לאק. 9, האט אונטער זיין אויפזיכט די שעפער פון דעם דאונטאון דיסטריקט.

ברודער הערי לעווין, פון לאק. 35, גיט זיך אפ מיט די שעפער וואס זיינען בעפאר דעם סטרייק ניט געווען קיין יוניאן-שעפער. עס פארשטעהט זיך, דאס איידער אזא שאפ ווערט געשיקט צו דער ארבייט, ווערט ער א פריהער געמאכט פאר א יוניאן שאפ. די ארבייטער מוזען אלע ווערען גוטשטעהענד און דער שאפ ווערט אין גאנצען יוניאניזירט.

ברודער אב. גאלדבערג, לאק. 9, איז דער „פילער“, ד. ה., ער האט די אויפגאבע אויסצושטאטען די שעפער מיט גענוג ארבייטער. לויט דעם נייעם אגרימענט דארפען א סך שעפער פארגרעסערען די צאהל ארבייטער און ער האט די אויפגאבע אויסצופילען די ליידיגע פלעצער. ער שטעהט אין דירעקטער פארבינדונג מיט דער האל-קאמיטע, און ווען ער דארף פאר א שאפ נייע מענשען באקומט ער דאס פון די „יתומים“, דאס הייסט, פון די סטרייקער וועלכע זיינען ניט געווען באשעפטיגט ווען דער סטרייק איז גערופען געווארען, און זיי האבען ניט קיין שעפער ביי וועלכע זיך אנצוהאלטען. דיזע ארבייטער ווערען צושיקט אין די שעפער וואס מוזען זיך פארגרעסערען און די ארמעע „אומבאשעפטיגטע“ פון צווישען די סטרייקער ווערט אזוי נאך, אלץ קלענער און קלענער.

* * *

די ארגאניזיישאן קאמיטע איז ענג פארבונדען מיט דער סעטלמענט קאמיטע. און ביידע קאמיטעס ארבייטען האנד אין האנד. זיי זיינען צווישען זיך אזוי ענג פארבונדען, דאס מען קאן ניט רעדען פון איין קאמיטע און עס זאל אייך גלייך ניט ארויפקומען אויפ'ן זינען די צווייטע. די סעטלמענט קאמיטע פארנעהמט א טייל פונ'ם ערשטען פלאר אין דעם שעהנעם קאנטינענטאל האטעל, 41טע סטריט און בראדוויי. דער טשערמאן פון דער קאמיטע איז ברודער מאריס זיגמאן, דער מענעדזשער פון דזשאינט באארד. ברודער מאקס פינקעלשטיין, דער מענעדזשער פון דעם פראטעקטיוו דיוויזשאן איז דער סעקרעטער, און ברודער נינפא, דער מענעדזשער פון לאקאל 48, איז דער וויים-טשערמאן.

ווען מען קומט אריין אין די העדקוואדערס פון דער קאמיטע מאכט אויף אייך דער זעלבער איינדרוק ווי מען קומט אריין אין די העדקוואדערס פון דער ארגאניזיישאן קאמיטע. איהר געפינט אויך דא אן איינגעפונדעוועטען אפיס מיט טעלעפאנס, מיט טייפדרייטערס, מיט קלוירקס און מעסענדזשערס, א קאנצעלאריע! און איהר פארגעסט גאר בעת מעשה, אז איהר זייט דאס אין קאנטינענטאל האטעל, אין א פלאץ וואו די יתומים האט אריינגעטופט בלויז פאר א ווילע, ביז דער סטרייק וועט אפגעסעטעלט ווערען. אויך דא געפינט איהר א „קארד סיסטעם“ מיט „פיילינג קעבינעטס“, מיט „רעקארדס“ און אלע אנדערע זאכען וואס מען געפינט געוועהנליך אין א גוט איינגעשטעלטען מאדערנעם אפיס. און אויך דא שווירבעלט און גריבעלט מיט לעבען און טעטיגקייט אין יעדער רום וואס די קאמיטע פארנעהמט.

די גאנצע סעטלמענט קאמיטע איז פארטיילט אין „טיעמס“, און יעדער „טיעם“ באזונדער איז פארנומען מיט מאכען סעטלמענטס. אין איין רום געפינט איהר די ברידער סאפין און בערקאוויטץ, אין א צווייטער רום, שוסטער און סטאנקעוויטש, אין א דריטער רום, טשארלי פיין און ארלאנדא, אין פערטער רום, בראדסקי און דובין און אלע, אלע זיינען פארנומען מיט סעטלען שעפער. ברודער ווארשאווסקי איז דער „טשיעף“ אין רעקארד דעפארטמענט פון דעם אפיס.

לאמיר איצט זעהן, ווי אזוי די צוויי קאמיטעס ארבייטען אין שטענדיגער בארירונג איינע מיט דער אנדערער.

ווען א מאנופעקטשורער מעלדעט זיך צום סעטלען הייסט מען איהם געהן א היים און ווארטען ביז ער וועט באקומען א בריעף ווען ער זאל קומען פאר דער סעטלמענט קאמיטע.

אין דעם זעלבען מאמענט לאזט וויסען די סעטלמענט קאמיטע דער ארגאניזיישאן קאמיטע, אז די און די פירמע וויל סעטלען.

נעהמט זיך גלייך די ארגאניזיישאן קאמיטע צו איהר רעקארד דעפארטמענט און פילעט אוים א לאנגען ליסט מיט ערקלערונגען וועגען דעם שטאנד פון דער פירמע אין באצוג יוניאן אנגעלעגענהייטען.

און איהר האט געדארפט זעהן וואס פאר א ליסט די ארגאניזיישאן קאמיטע שטעלט צו צו דער סעטלמענט קאמיטע אין יעדען באזונדער'ן פאל! איהר וואלט זיך דאן ניט געקאנט אפגלויבען, מיט וועלכער פארזיכטיגקייט יעדער סעטלמענט ווערט געמאכט.

אויב דער באס וואס האט זיך געמעלדעט צום סעטלען איז א קאנטראקטאר, אדער א סאב מאנופעקטשורער, ווערט אין דעם ליסט אנגעגעבען אלע פירמען פאר וועלכע דער שאפ ארבייט, אדער האט געארבייט. דאן קומט א פולער רעפארט וועגען דעם צושטאנד פון דעם שאפ.

למשל: וויפיעל מאשינען עס „לויפען“ אין דעם שאפ. אויב דער באס האט אין דעם שאפ א באטאן-האל מאשין. צי די סקווירטס ווערען געמאכט אין דעם שאפ אדער ווערען ארויסגעגעבען צו מאכען אין אנדערע שעפער. ווערען דארט באשעפטיגט קאטערס? אויב יא, וויפיעל? ווערען דארט באשעפטיגט עקזאמינערס? איז דער שאפ סאניטארי? זיינען פאראנען אירגענד וועלכע יוניאן קלאגען פון די ארבייטער אין דעם שאפ נעגען דער פירמע? און נאך אייניגע אזעלכע פראגען. דאן גיט דער טשערמאן פון דער ארגאניזיישאן קאמיטע זיין רעקאמענדאציע צו דער סעטלמענט קאמיטע, וועגען דעם סעטלמענט מיט דער קאמיטע בכלל, וויפיעל „סעקיריטי“ די פירמע דארף געבען אז זי וועט האלטען די באדינגונגען, א. ז. וו.

אלזא, ווען די סעטלמענט קאמיטע באקומט אט דעם ליסט מיט דעם רעקארד, מיט אלע ענטפערס, ווייסען זיי שוין גאנץ גענוי ווי מיט דער פירמע צו סעטלען, און אזוי גיך ווי דער סעטלמענט ווערט געמאכט, לאזט די סעטלמענט קאמיטע דאס וויסען דער ארגאניזיישאן קאמיטע, און דאן פאנגט די קאמיטע אן „אויסצושטאטען“ דעם געסעטעלטען שאפ אויף צו געהן צו דער ארבייט.

קודם כל לאזט די סעטלמענט קאמיטע וויסען ברודער האלפערין, דעם „קוואדער מאסטער“, דעם טשערמאן פון די האל קאמיטע, וואס האט אין איהר רשות אלע סטרייקער אין די האלס; — אז דער און דער שאפ זאל גלייך געשיקט ווערען אין בעטהאווען האל פאר א שאפ-מיטינג. א פארטרעטער פון דער ארגאניזיישאן קאמיטע פיהרט דעם מיטינג און ער געפינט אויס צי אלע ארבייטער פון דעם שאפ זיינען יוניאן לייטע, אויב זיי זיינען הינטערשטעליג אין דיוס און אזוי ווייטער.

ווען דאס אלעס ווערט איינגעשטעלט פאנגט זיך אן א סדרה פון פריזען אויפשטעלען. דער שאפ טשערמאן נעהמט ארויף אויף א ליסט אלע ארבייטער פון דעם שאפ און מען רעכענט און חשבון'ט וויפיעל יעדער איינער און יעדע איינע אין דעם שאפ דארף באקומען לויט דעם נייעם סקייל פון יוניאן שכירות, און אזוי ווייטער. און א שאפ ווערט צוריקגעשיקט צו דער ארבייט נור דעמאלט, ווען אלעס איז ריכטיג ווי עס באדארף צו זיין — איינגעשטעלט לויט אלע כללים פון דעם נייען אגרימענט מיט די מאנופעקטשורער.

קורץ, פון דאס געשילדערטע קאנט איהר זיך שוין אנשטויסען וואס פאר א פאראנטוואורטליכע ארבייט עס האבען ביידע קאמיטעען, די ארגאניזיישאן קאמיטע מיט דער סעטלמענט קאמיטע אפצוסעטלען אין דעם היינטיגען סטרייק די שעפער. איהר קאנט אויך פון דעם זעהן, מיט וועלכער פארזיכטיגקייט יעדער שאפ באזונדער ווערט געסעטעלט, ווען אפילו, די פירמע באלאנגט צו א מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן. אלע שעפער מוזען דורכמאכען די זעלביגע פראצעדורע, און יעדער שאפ וואס קעהרט זיך אום צו דער ארבייט, קעהרט זיך אום אין דער בעסטער מעגליכער ארדנונג. עס נעהמט אפשר אביסעלע לענגער ווי עס פלעגט אמאל נעהמען, דערפאר ווערט אבער די ארבייט געטאן א סך בעסער, א סך גרינדליכער און דאס וועט האבען א מעהר דויערענדען ווערטה, און וועט זיכער אלעמען ברענגען בעסערע רעזולטאטען, אי די ארבייטער אין די שעפער, אי פאר די יוניאן.

און וועגען דעם לעצטען פונקט איז כדי צו זאגען א פאר ווערטער.

דער שרייבער פון די שורות האט גערעדט מיט א סך ארבייטער פון שעפער וואס זיינען שוין צוריק ביי דער ארבייט, און אלע, אלע אהן אויסנאהמע זיינען געווען העכסט באגייסטערט פאר דער יוניאן און פאר'ן סעטלמענט וואס זיי האבען באקומען דורך זייער מאכט פון אייניגקייט. מיר האבען שוין מיטגעמאכט אייניגע סעטלמענטס אין דער יוניאן נאך דזשענעראל סטרייקס אין דער קלאוק אינדוסטרי, און נאך קיין מאל בעפאהר האט מען געקאנט זעהן צווישען די ארבייטער אזא שעהנעם גייסט, אזא מערקווירדיגע צופרידענהייט! עס איז א האר ניט איבערטריבען צו זאגען, דאס דורך דעם סטרייק און די איצטיגע סעטלמענטס, האבען די קלאוקמאכער א סך ליבער נעקראגען זייער יוניאן, זייער פעסטונג דורך וועלכער זיי האבען געוואונען דעם גרויסען זיעג.

און נאך וואס: מען דארף איצט קיינעם ניט ערקלעהרען אז ער האט געזיעגט — אלע ארבייטער וואס קעהרען זיך אום צו דער ארבייט פיהלען דאס און וויסען דאס. פיעלע פון זיי נעהמען ערשט איצט ריכטיג באגרייפען די שטילע רעוואלוציע וואס איז דורך דעם סטרייק געמאכט געווארען; מאנכע פון די זאגענאנטע „גענגער פון וואך-ארבייט“ גיבען שוין איצט אפען צו אז זיי האבען א טעות געהאט מיט זייער קוק אויף דער זאך, מיט זייער שטעלונג צו דער פראגע און זיי ווערען שוין איצט באגייסטערטע אנהענגער פון דעם נייעם ארבייטס-סיסטעם. עס איז ניטא דער מינדעסטער צווייפעל אפילו, אז אט דער גוטער סענטימענט פאר דער יוניאן, וועט, אונטער די נייע ארבייטס-באדינגונגען וואקסען און שטארקער ווערען. עס וועט זיכער זיין אזוי, ווי די אלע פראפאגאנדיסטען אין אונזער יוניאן פאר א וואך-ארבייטס סיסטעם האבען שוין פריהער פאראויסגעזאגט.

יא, דער איצטיגער וואונדערבארער קלאוקמאכער סטרייק און סעטלמענט וועט אויף אייביג פארבלייבען א גרויסע היסטארישע פאסירונג אין דעם לעבען פון די קלאוקמאכער, און אלע פערזאנען וואס האבען זיך אקטיוו באטייליגט סיי אין דער צייט פון סטרייק און סיי בעפאהר, ווען מען האט געדארפט פיהרען אן אגיטאציע דערפאר, אום דאס קלאהר צו מאכען פאר די ברייטע מאסען, וועלען דערמאהנט ווערען מיט ליעבע און אכטונג.

* * *

ס'איז דא נאך א סך צו זאגען וועגען דער גרויסער ארבייט פון די אנדערע קאמיטעס וועלכע שטעלען צוזאמען די דזשענעראל סטרייק קאמיטע. וועגען יענע וועלען מיר רעדען אין א באזונדער ארטיקעל.

פיט און טויטען בענעפיס, וועט זי פיליכט קענען קריגען אנדערע סאסייעטיס צו באלאנגען. ווייטער האט זי געטרייעט געבען א לעסאן אין טרייד יוניאניזם. אין גאנץ גוטען ענגליש האט זי געזאגט, אז לויט איהר ערפאהרונג גלויבט זי, אז ווען מען קען גאר ניט קריגען פון באסעס סט גוטען, מוז מען געברויכען שטארקע מיטלען. זי האט געשילדערט די גאנצע לאגע אין שיקאגא, די ליידען פון די סטרייקערינס פון לעצטען סטרייק און די אינדזשאנקשאנס פון די שיקאגאער קאורטס וועלכע האבען געבראכען דעם סטרייק. נאכהער האט זי געפרעגט א פראגע צו וועט די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג דולדען אזעלכע אומשטענדען אין דער שטאדט שיקאגא?

צוגעגרייט צום פייער האבען מיר שוין געהאט מאקס גארענשטיין און לאפארטא, און נאטירליך, וואלטען זיי אויך געהאט עטוואס צו זאגען. דא האט זיך דערוויל געמעלדעט צום ווארט דזשאן וואקער פון דער שיקאגאער סטיט פעדערײשאן אוו לייבאר, איינער פון די איינפלוסרייכסטע פערזאנען אויף דיזער קאנווענשאן. מיר האבען באשלאסען צו לאזען וואקער'ן רעדען פריהער פאר אונזער רעזערוו.

איבריג צו זאגען, אז אין דיזען מאמענט האבען מיר שוין געהאט די קאנווענשאן אויף אונזער זייט. מיר האבען דאס געקענט זעהן פון די אפלאדיסמענטען און פון דער געשפאנטער האלטונג פון די דעלעגאטען. ווען אויף אזא גרויסער פאזאמלונג געלינגט נאר אימיצען צו האלטען אלעמענס אויפמערקזאמקייט דאן איז שוין די קייס 90 פראצענט א געוואונענע.

דאן האט זיך גאמפערס ארייגגעמישט און דאס האבען די ענגלישע צייטונגען אויסגענומען, אז גאמפערס האט געראטעוועט די קאנווענשאן פון א פאסטקע וואס די ראדיקאלען האבען פאר איהר אוועקגעשטעלט.

ער האט זיך גענומען די מיה אונז צו ערקלערען די צוועקען פון די אמ. פ. או לייבאר. ער האט אויך דערצעהלט וועגען זיין סימפאטיע מיט אונזער אינטערנעשיאנאל אין אלגעמיין און ווי אזוי ער האט גערעדט צו אונזערע מעמבערס אין מעדיסאן סקווער גארדען און האט צו אונז אפעלירט אז מיר זאלען ערלויבען אז די רעזאלושאן זאל צוריקגעשיקט ווערען צו דער קאמיטע צו זעהן אויסבעסערען דעם רעפארט. גאמפערס האט גוט פארשטאנען דריי זאכען, דעם סענטימענט פון דער קאנווענשאן, די נארישע רעקאמענדיישאן פון דער קאמיטע און אז מען מוז זעהן ראטעווען דעם פרעסטיזש פון דער קאמיטע, און דער איינציגער וועג דאס צו טאן איז געווען איבערצושיקען די רעזאלוציאן צוריק צו דער קאמיטע און זעהן נאכדעם געבען אן אורזאכע ווארום זיי האבען געהאנדעלט ניט שכל'דיג און נאכהער ערקלערען אז אונטער די נייע אומשטענדען געפינען זיי פאר נויטיג צו ענדערען זייער מיינונג. דאס איז אן אלטער מיטעל אין אזעלכע פעלע.

אבגעזעהען פון דעם וואס מיר האבען אין הארצען אנערקענט אז עס וועט בלייבען ווי גאמפערס וויל האט זיך גארענשטיין דאך אוועקגעשטעלט און גענומען פראטעסטירען געגען דער צוריקשיקונג פון דער רעזאלוציאן. איהם האט זיך זעהר ניט געוואלט געבען דער קאמיטע א געלעגענהייט ארויסצודרעהען זיך, ווען מיר האבען שוין געהאט די קייס א געוואונענע. ער האט געשריען, אז ער זעהט ניט איין מיט וואס די קייס קען קלעהרער געמאכט ווערען ווי נאך די פארשידענע רעדען פון אונזערע דעלעגאטען.

אבער גרין, דער פרעזידענט פון די מיינערס יוניאן און א ווייס-פרעזידענט פון דער א. פ. א. ל. האט געמאכט דעם פארשלאג לויט גאמפערסעס רעקאמענדיישאן און די רעזאלוציאן איז צוריקגעשיקט געווארען צו דער ארגאניזיישאן קאמיטע.

לויט אלע סמנים, און אורטיילענדיג נאך דעם סענטימענט פון די דעלעגאטען און פון דער צאהל גראטולאציאנען וואס מיר האבען געקראגען, וועט די קאמיטע געבאך מוזען קומען צוריק, דאס מאל מיט דער פולער רעזאלוציע ווי מיר האבען איהר ארייננגעבראכט.

אבער וועגען דעם און נאך אנדערעס, נעקסטע וואך.

האט מיר א גוטען,

אייער ארימער ברודער,

דזש. העללער.

א וואונדערבארער ארגאניזאציאנס קאמפיין ביי די ריינקאוט מאכער יוניאן לאקאל 20

פון ס. פרידמאן.

די ריינקאוט מאכער יוניאן לאק. 20 האט פאר די לעצטע עטליכע וואכען, אונטערנענומען אן ארגאניזאציאנס-קאמפיין צו ארגאניזירען די אוט אוו טאון שעפער וואס זיינען ביז יעצט געווען אויסער דער יוניאנס קאנטראל, אום איינמאל פאר אלע מאל אוועקצומאכען מיט דער שטענדיגער געפאהר און אונזיכערהייט וואס דיזע שעפער האבען געהאט אויפ'ן אלגעמיינעם טרייד.

דורך דער ענערגישער אקטיוויטעט פון דער יוניאן האבען מיר אפגעסטאפט און צוקריפעלט די „קארפארײשאן"-שאפ אין מאונט ווערנאן, וועלכע איז געווען צוזאמענגעשטעלט פון א 14 לייטע, געוועזענע „יוניאן לייט", וועגען וועלכע עס איז שוין מיט איניגע מאנאטען צוריק געווען באריכטעט אין דער „גערעכטיגקייט". דיזע חברה האבען זיך פארמאסטען געגען דער יוניאן און מיט דער הילף פון דער מאונט ווערנאן פאליציי געטרייעט מאכען איניגע „פריים אפס" געגען אונזער יוניאן. זיי האבען זיך אבער שנעל איבערצייגט, אז זייער שפיעל איז פאר'ן טייוועל, און ווי עס שיינט, קלייבען זיי זיך שוין צו קומען בעפאר דער עקז. באארד אז מען זאל זיי ערלויבען ווידער צו ווערען יוניאן לייט, און זיי פארגעבען אלע זייערע זינד. א וואונדער ווי די לייטע וועלען קענען קוקען די מיטגלידער פון'ם עקז. באארד אין די אויגען, וועלכע האבען זיי געווארנט מיט א 4 מאנאטען צוריק, אז זיי זאלען זיך ניט לאזען פארפיהרען פון סקעב-„קארפארײשאנס".

אונז איז אויך געלונגען אפצוסטאפען, די ניט-יוניאן שעפער פון וועסט-האבאקען און יוניאן היל און בעי שאר, לאנג איילאנד, אין וועלכע עס איז געווען איינגעפונדעוועט דער סעקשאן סיסטעם און די קלעגליכע ארבייטס-באדינגונגען. דיזע שעפער זיינען דאס ביז איצט געווען די נעסטען פון סקעבעריי פאר די ניו יארקער פירמעס, וועלכע האבען געהאט טראבעל מיט דער יוניאן. ווי עס ווייזט אבער אויס האבען די ארבייטער פון די דערמאנטע שעפער געפיהלט די שאנדע וואס איז אויסגעפאלען אויף זייער גורל, און ביים ערשטען רוף פון דער יוניאן האבען זיי געווארפען די ארבייט.

א דאנק דער גוטער האלטונג פון די סטרייקער, וועלכע האבען ווירקליך איבערטראפען אלע אונזערע ערווארטונגען, זיינען די בעלי הבתים געווען געצוואונגען צו קומען אין דער יוניאן און נאכגעבען די אלע באדינגונגען וואס די יוניאן פארלאנגט. די פאדערונגען פון דער יוניאן זיינען: די אפשאפונג פון סעקשאן ארבייט, א באדייטענדען רעיז אין די וויידזשעס, אלגעמיינע יוניאן באדינגונגען און א פארזיכערונג דורך א קעש סעקיוריטי פאר דאס נאכקומען פון דעם אגרימענט.

אין צוזאמענהאנג מיט דיזען ארגאניזאציאנס קאמפיין האט אונזער יוניאן ערקלערט סטרייקס געגען איניגע ניו יארקער פירמען וועלכע האבען זיך ענטזאגט צו סטאפען שיקען זייער ארבייט אין נאן יוניאן שעפער. אזוי איז מיט א צוויי וואכען צוריק ערקלערט געווארען א סטרייק געגען דער נעפטשון ריינקאוט קאמפ. 16 איסט בראדוויי און געגען די נארמאן גארמענט קאמפ. 32 יוניאן סקווער, געגען די ווערבעסט ריינקאוט קאמפ. 151 וועסט 19טע סט. און געגען איניגע קלענערע פירמען.

דער סטרייק ביי דער נעפטשון ריינקאוט קאמפ. איז שוין געסעטעלט געווארען. א דאנק דער פריינדליכער באמיהונג פון ה. ל. הערים, פון דער הערים ריינקאוט פירמע, וועלכער האט צוזאמענגעבראכט ביידע צדדים צו א קאנפערענץ וואס איז אפגעהאלטען געווארען פרייטאג דעם 13טען דזשון אין אימפיריאל האטעל. ביי דער קאנפערענץ איז אונזער יוניאן געווען פארטראטען דורך די ברידער ל. וועקסלער, ס. פרידמאן, א. ווייסמאן, מ. סטעמפער, און מ. פאלינסקי און דער אינטערנעשיאנאל ווייס-פרעזידענט עלמער ראזענבערג. ביי דעם קאנפערענץ האט די פירמע איינגעשטימט אז קיין ארבייט טאר ניט געשיקט ווערען אין ניט-יוניאן שעפער און אז דער קאטינג דעפארטמענט זאל קאנטראלירט ווערען פון דער קאטערס יוניאן לאק. 10 צוזאמען מיט אונזער לאקאל. דאס ווערט באטראכט ביי אונז פאר זעהר א גרויסען גערווינס, וויל די מערסטע ארבייט וואס די סקעב-שעפער פון בונים'ס אין בעי שאר לאנג איילענד און פון הערי' הערים אין סאוט נארפאלק, קאנג. האבען געקראגען, זיינען געווען פון די נעפטשון ריינקאוט קאמפ. יעצט האט זיך די פירמא פארפליכטעט מעהר אין דיזע שעפער קיין ארבייט ניט צו שיקען, און דאס איז פאר אונז א גרויסער געווינס.

* * *

די לעצטע עטליכע מיטינגען וואס זיינען אפגעהאלטען געווארען פון אונזער לאקאל זיינען געווען אויסגעצייכענט באזוכט, ספעציעל דער לעצטער מעמבער-מיטינג פון לעצטען דאנערשטאג אבענד, אין מאנהעטען לייסעאום. ביי דעם מיטינג האבען מיר אויפגענומען די לעצטע נאמינײשאנס פאר באצאהלטע בעאמטע און עקז. באארד מעמבערס.

עס איז ווערט צו באמערקען וועגען די גרויסע באגייסטערונג און ליעבע וואס די מעמבערס האבען ארויסגעצייגט צו אונזער מענעדזשער בר. לואיס וועקסלער, וועלכער האט זיך ענטזאגט ווייטער אנצונעמען די נאמינײשאן פאר דעם מענעדזשער-אמט. די מעמבערס האבען מיט שטורמישע אוואציעס איהם אויפגעפאדערט ווייטער אנצונעמען די נאמינײשאן. און דאס איז גאר קיין וואונדער ניט.

פאר דער צייט וואס בר. וועקסלער שטעהט מיט דער ריינקאוט מייקער יוניאן האט ער געוואונען דעם גרעסטען רעספעקט אין דער יוניאן — אי פון די אייגענע ארבייטער און אי פון די בעלי-הבתים. די קאנדישאנס אין טרייד זיינען באדייטענד פארבעסערט געווארען און עס איז געלונגען צו ארגאניזירען אזעלכע שעפער וואס מען האט זיך פאר די לעצטע פאר יאהר ניט געקענט צוזיהרען צו זיי. מיר האפען דאריבער אז ברודער וועקסלער וועט ווייטער פארבלייבען מיט אונז פארטצוזעצען די גוטע ארבייט וואס ער האט אנגעפאנגען פאר אונזער יוניאן.

* * *

איהר, וועט מיר ערלויבען דורך די „גערעכטיגקייט" אין נאמען פון אונזער עקז. באארד צו באגריסען אונזער אינטערנעשיאנאל מיט דעם גרויסען געווינס פון דער קלאוק מאכער יוניאן, פאר דער איינפיהרונג פון וואך ארבייט אין דער קלאוקס אינדוסטריע. פון זיעג צו זיעג! פאר א שענערער בעסערער און פארנונפטיגערער געזעלשאפטליכער ארדנונג.

סעם פרידמאן,
סעקרעטער לאק. 20.

דער פלייש סטרייק אין ניו יארק ווערט א פאלקס-באוועגונג

דער פלייש סטרייק אין ניו יארק געגען די אידישע בוטשערס, די אידען אין יארמולקעס, וועלכע האבען זיך פארנומען צו שינדען די הויט, ניט פון די בהמות אין שלאכט-הויז, נאר טאקע פון זייערע אייגענע שוועסטער און ברידער, זייערע קאסטימער, וואס ווילען דוקא עסען א כשר שטיקעל פלייש, צווואקסט זיך מיט יעדען טאג, ווערט אלץ גרעסער און אנגעזועהענער. מען קאן זאגען, אז דער פלייש סטרייק איז דא געווארען א פאלשטענדיגע פאלקס באוועגונג, אין וועלכען עס זיינען פאראינטערעסירט אלע קלאסען פון אידישען פאלק אין ניו יארק. די פרוי פון דעם מיטעל-קלאסיאן קעמפט זייט ביי זייט מיט דער ארבייטס-פרוי צו ברעכען דעם „כשר'ען" טראסט פון די בוטשערס אססאסיאיישאן, דעם טראסט פון הכשר, פלאמבע און יארמולקע, וואס צאפט אום'ברחמנותדיג דאס בלוט פון אלעמען וואס ווילען עסען א כשר שטיקעל פלייש. אלע אידישע פרויען קומט געוויס גרויס קרעדיט פאר דעם בראווען קאמף וואס זיי פיהרען געגען די הארצלאזע, כשר'ע בוטשערס. צו זיי פארקויפען אין זייערע סטארס כשר'ע פלייש איז שווער צו וויסען, אבער אז זיי אליין זיינען טריפה, טאקע ביז אין ביין אריין, איז גאנץ זיכער.

דער פלייש סטרייק איז ניט קיין ארגאניזירטע באוועגונג. קיינער האט איהם ניט ארגאניזירט, אדער אגיטירט פאר דעם. ער איז ארויסגעשפרונגען פון זיך אליין, פון דער גרויסער אונגערעכטיגקייט פון די אידישע בוטשערס. אודאי האבען צוערשט דאס דערפיהלט די ארימע פרויען, די פרויען פון די ארבייטער און גלאט ארימע לייט. זיי זיינען געווען די ערשטע צו פראטעסטירען געגען די שרעקליך הויכע פרייזען אויף די כשר'ע פלייש. באלד אבער זיינען אויך צוגעשטאנען די פרויען וועלכע זיינען בעסער אפ. מיט דער שנעלינקייט פון א וואלד-פייער האט דער סטרייק ארומגעכאפט די פרויען פון אלע שיכטען פון'ם אידישען פאלק און דער סטרייק האט גיך גענומען וואקסען פון טאג צו טאג.

ווי עס ווייזט זיך ארויס, איז אין דער לעצטער צייט געפאלען די האלסייל-פרייזען אויף פלייש. אבער די אידישע, כשר'ע בוטשערס האבען זיך דערפון ניט וויסענדיג געמאכט און געריסען דיזעלבע פרייזען ווי בעפאר. פארקערט, זיי האבען זיך פארקוקט אויף די בלוטזויגערישע „לענדלארדס" און בארבארישע „ליסטערס" און נאך גענומען העכערען די פרייזען אויף פלייש. ווי עס ווערט אנגעוויזען פון מענשען וואס וויסען וואס עס טוט זיך אין מארקעט פרייזען, האבען די אידישע בוטשערס געריסען פון 40 ביז 50 סענט פאר א פונטעל פלייש, וואס זיי קאסט סך הכל פון 14 ביז 16 סענט א פונט. וואס אנדערש קאן מען טאן, אונטער אזעלכע אומשטענדען, אויב ניט ערקלערען א ביטערען קאמף געגען אזעלכע פאראזיטען? און דיזע פאראזיטען זיינען נאך זעהר איינגעשפארט און ווילען נאך אלץ ניט ארונטערלאזען פון די רויבערישע פרייזען!

אלזא, דער פלייש סטרייק האט זיך אנגעהויבען גאנץ שטיל, אלס אן אויסדרוק פון פאלקס צארן, און ער האט קוים באקומען א קליין נאטיצעל ערגעץ אויף דער לעצטער זייט פון א טעגליכער צייטונג. היינט האט שוין דער פלייש סטרייק אריבערגעמופט אויף די ערשטע זייטען פון די אידישע צייטונגען און ער באקומט שוין טאקע פולע דריי קאלומדיגע קעפ מיט גרויסע בוכשטאבען.

דער פלייש סטרייק ווערט איצט געפיהרט פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, פון די צוויי „קאנסומערס ליעגס", פון די ראדיקאלע פרויען אין די בראנקס און נאך אנדערע פרויען ארגאניזאציאנען. די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען קומט זיכער א סך קרעדיט פאר אויפנעמען דעם קאמף און העלפען די בראווע אידישע פרויען דערברענגען דעם סטרייק צו א פאלשטענדיגען זיעג.

מיר האלטען פאר איבריג צו דערמאנען די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" אין ניו יארק אז זיי דארפען מיט אלע מעגליכקייטען שטיצען און העלפען דעם פלייש סטרייק. מיר האפען אז אין זייערע הייזער קומט איצט ניט אריין קיין ברעקעל כשרע פלייש און דאס זיי וועללען העלפען דערפיהרען דעם סטרייק צו א זיעגרייכען ענד.

זאל קיינער ניט קויפען קיין כשר פלייש ביז דער פלייש סטרייק וועט געוואונען ווערען!

ווען מיר געהען צום פרעס ווערט באקאנט געמאכט, אז דער פלייש סטרייק וועט ניט פארבלייבען בלויז א פראטעסט, דאס דער סטרייק נעמט שוין אן א פראקטישען פארם. די בראווע סטרייקערינס נעמען זיך אויפמאכען קאאפעראטיווע פלייש-סטארס, וואו די בעסטע פלייש וועט פארקויפט ווערען מיט 10 סענט אריבער דעם האלסייל מארקעט פרייז, דאס וועט אויסמאכען צו 26 סענט א פונט די בעסטע פלייש.

די ערשטע סטאר ווערט געעפענט דעם דאנערשטאג אין 1745 בעטהגייט עוו. בראנקס און פרייטאג וועט מען שוין דארטען קענען קויפען פלייש. די סטאר וועט זיין אפען פאר יעדען צו אונטערזוכען סיי אין ריינקייט, סיי אין כשרות.

אין גיכען וועט מען אנאנסירען וועגען נאך אזעלכע קאאפעראטיווע סטארס. מען קען נאך ניט זאגען וואו די אנדערע סטארס זיינען גענומען געווארען, כדי די בוטשער באסעס זאלען ניט קענען שטערען די עפענונג.

א סטעף רעפארטער.

די קלאוק סיטואציע אין שיקאגא

שיקאגא'ער קלאוקמאכער באגייסטערט פאר וואך־ארבייט

פון ה. סקולמאן

אז א געוויסער טייל פון אונזערע מעמבערס האבען שוין פאר א לאנגע צייט אגיטירט און געוואלט אז וואך־ארבייט זאל איינגעפיהרט ווערען, האבען מיר אלע מאל געוואוסט, נאר אז נאך א גרעסערע צאהל זאל זיין אזוי באגייסטערט פאר וואך־ארבייט, דאס האבען מיר זיך ערשט דערוואוסט, ביי איינעם פון אונזערע דזשאינט באארד מיטינגען, וואו אויך ברודער שלעזינגער איז אנוועזענד געווען.

פרעזידענט שלעזינגער האט אונז בא־ריכטעט וועגען דעם וואונדערבארען זיעג, וואס אונזערע ניו יארקער ברידער האבען געקראגען, און דער עולם — נאהענט פון א הונדערט פערזאן — האבען דיעזען בא־ריכט אויפגענומען מיט באגייסטערונג. נאך מעהר, עס איז באשלאסען געווארען, דאס דער דזשאינט באארד, און אלע עק־זעקוטיוו באארדס, פארפליכטען זיך מיט לייב און לעבען צו ארבייטען דאפיר, דאס דיזעלבע קאנדישאנס וואס עס עקזיסטירט אין ניו יארק, מוז אויך דא אין שיקאגא נאך דיזען סיזאן דורכגעפיהרט ווערען. און יעדער איינער פון אונז האט ביי זיך אליין אפגעמאכט צו ווערען אן אגיטא־טאר, פאר דער איינפיהרונג פון וואך־ארבייט, און פאר עטאבלירען דא ביי אונז דיזעלבע באדינגונגען ווי אין ניו יארק.

אין צוויי טעג שפעטער האבען מיר פאררופען א מאססמיטינג, וועלכער איז גע־ווען א געוואלדיגער ערפאלג. ברודער שלע־זינגער האט געהאלטען די בעסטע רעדע איבער דער פראגע פון וואך־ארבייט, און דער גרויסער עולם האט איהם הערצליך אפלאדירט. דיזער מיטינג איז געהאלטען געווארען שבת נאכמיטאג, און פון נאך דיזער פארזאמלונג, ביז דעם קו־מענדען פרייטאג, ווען דער רעפערענדום האט שטאטגעפונען, האט מען אין די קלאוק מאכער קרייזען ניט גערעדט, ווע־גען קיין אנדער פראגע ווי „וואך אדער שטיק". איבעראל, ביי די מיטינגס, אזוי גוט ווי אין „מארקעט" איז די וואך אר־בייט פראגע געווען די איינציגע טעמא. עס איז געקומען אזוי ווייט, דאס גאנץ פרעמדע מענשען האבען זיך פאראינטע־רעסירט אין דיזער וויכטיגער פראגע, און סצענקעס פון יעדען כאראקטער האט ניט געפעהלט.

פרייטאג און שבת האבען אונזערע מעמבערס געשטימט, און וואס עס האט זיך אפגעטאן אין אונזערע העדקוואדערס, איז פאר מיר אונמעגליך צו באשרייבען, די לאגע האט עררייכט איהר העכסטען פונקט. פארשידענע השערות זיינען גע־מאכט געווארען אין שייכות מיט דעם אויסגאנג פון דיזען רעפערענדום. ענדליך זיינען די שטימען געצעהלט געווארען. און דער רעזולטאט? דער בעסטער וואס האט געקענט ערווארטעט ווערען, צוויי און א האלב שטימען געגען איינס, פאר וואך־ארבייט, און העכער 50 פראצענט פון דער מעמבערשיפ האבען זיך באטייליגט.

עס איז געווען שפעט אין אבענד ווען די קאמיטע האט דעם רעזולטאט פון די־זען רעפערענדום רעפארטעט צום דזשאינט באארד, און קיין לאנגע רעדעס זיינען ניט געהאלטען געווארען. יעדער אייגער האט אבער געפיהלט, דאס יעצט מוזען פאר־שווינדען אלע מיינונגס־פארשידענהייטען און מיר מוזען זיך נעמען מיט אלע אונזע־רע קרעפטען דורכצופיהרען וואך־ארבייט אין לעבען. יעדער אנוועזענדער האט בא־גריפען וואס פאר אן איבערקערעניש עס קומט יעצט אן אין אונזער טרייד, און עס וועט זיך נויטיגען דאס יעדער אקטי־ווער מעמבער, זאל מיטהעלפען צו פאר־ווירקליכען אלע נייע רעפארמען, וועלכע די וואך־ארבייט וועט און מוז מיט זיך מיטברייננגען.

---

145 זיינען זיי, מערסטענס פרויען, קומען זיי אין אפיס צאהלען זייער דיוס און מאכען ניט קיין איבריגע טענות, נאר זינגט די הריגות אויף די אידען אין פוילען האבען זיך אנגעפאנגען, איז עפעס אן ענ־דערונג אי ביי אונז, אי ביי זיי פארגעקו־מען. זיי, „סמולקים לאנדסלייט" זיינען לפנים נאך שטילער געווארען, און מיר זיינען לפנים נאך מעהר פריינדליכער גע־ווארען, עס שיינט אז ביידע צדדים שטרייגגען זיך אן אום אויסצומיידען עט־וואס אונאנגענעהמעס, עטוואס שרעקלי־כעס. דאס אלעס איז שייך נאר אין דער יוניאן, אין די שעפער אבער איז נאר ניט אזוי פרעהליך. עס געהט ניט אוועק א טאג אז א טראבעל צוליעב א פוילישען זאל ניט פארקומען. דער גרויסער עולם אונזע־רער לאזט זייגע געפיהלען גאנץ פריי ווען זיי הערען א מיאוסע אנצוהערעניש פון אירגענד וועלכען פוילישען מאן אדער פרוי, וועלכע ווערען אויף א העסליכען אופן, אנגעהעצט פון דער פוילישער פרע־סע, און עס קומט אונז אן מיט יסורים, קאמפליינס פון דיזען כאראקטער, צו שליכטען.

עס וואלט דאריבער געווען זעהר און זעהר ווינשענסווערט, דאס אונזערע מעמ־בערס זאלען פארשטעהען אז אויסצומיי־דען טראבעל אין דיזען פאל, אויב נאר מעגליך, איז דורכאוס נויטווענדיג, פאר־שטעהט זיך, אז זיך לאזען שפייען אין פנים, דארף מען פון קיינעם זיך ניט לאזען.

איינער פון אונזערע בעלי הבתים, משמעות צוליעב זיין גוט־הארציגקייט, אדער פיעלייכט וועלענדיג ווערען מיט איינמאל א גרויסער מענש, האט ערפונדען א „נייעם" מיטעל ווי אזוי צו באפרייען זיינע ארבייטער פון שקלאפעריי. ער האט זיי נעמליך געמאכט פאר זיינע פארטנערס פאר דער אונבאדייטענדער סומע פון 500 דאלער, וועלכע דער גרעסטער טייל, פון זיינע „מענשען", האבען שוין איינגע־צאהלט.

אבי מיר טומלען זיך, און דרעהען זיך און אנדערע א מח, ווי אזוי מיר קע־נען פארבעסערען אונזער לאגע. מיר הא־בען פאר דיזען צוועק אויפגעבויט יוניאנס און פארטייען מכל המינים. צו וואס דאס אלעס ווען די גאנצע „פראלעטאריאט פראבלעמע" קען געלייזט ווערען אזוי לייכט און שנעל אויף אזא פשוט'ען אופן. נאר אזוי ווי אין אלעס קען דאך ניט זיין דורכאויס גוטעס אהן א קאפיטשקע שלעכ־טעס, אזוי האט דא אויך פאסירט, דאס א פאר בעלי מלאכות, ניט קענענדיג, אדער טאקע ניט וועלענדיג איינצאהלען די גוי־טיגע סומע, האבען זיך ענטזאגט צו אר־בייטען א מאשין נעבען א מאשין מיט זייערע נייע אויפגעקומענע ארבייטער־באסעס, און זיינען געקומען אין אפיס זיך איין עצה האלטען. חברה אין שאפ האבען אבער באלד דערשמעקט, אז די יוניאן וועט אזא זאך ניט ערלויבען און אז עס איז דא א געפאהר אז זיי זאלען זייער באפרייאונג דאך ניט קריגען, זיינען זיי געקומען צולויפען אין דער יוניאן און געלייקענט שטיין און ביין. זיי ווייסען, זאגען זיי, פון קיין זאך ניט, אז די גאנצע מעשה איז לא היה ולא נברא. נאר ווי עס ווייזט אויס, וועט זיי יעצט קיין זאך ניט העלפען, ווייל וויפיעל מיר זאלען זיי ניט וועלען גלויבען, וועלען מיר נאר דאן זיין איבערצייגט אז זיי זאגען דעם אמת, ווען זיי וועלען פארלאזען דיזען שאפ און זיך זוכען אנדערע בעלי הבתים מיט ווייניגער הומאנע אידעען ווי הערי גראין און קאמ־פאני.

געדאנקען וועגען שטיק און וואך ארבייט

פון מאריס זיסקינד

זיצענדיג ביי דעם גרויסען קלאוק־מאכערס מיטינג, אין שיקאגא פאר צוויי וואכען שבת און הערענדיג גענאסע שלע־זינגער'ן ריידען צו די מעמבערס וועגען די וויכטיגקייט פון איינפיהרען וואך־אר־בייט, האב איך פאר מיר געזעהן א קלאוק מאכער וואס קעמפפט געגען זיך אליין. איך האב געזעהן א קלאוק מאכער וואס טיילט זיך אויף צווייען אין אן ארביי־טער און א מענש. דער ארבייטער בא־טראכט די פראגע פון שטיק און וואך ארבייט פון דעם שטאנדפונקט פון א ביזנעססמאן וועלכער פארקויפט סחורה און וואס מעהר סחורה ער פארקויפט אלץ בעסער איז איהם, אלץ בעסער פיהלט ער, אלץ מעהר פראפיטירט ער. דער ארבייטער־קלאוקמאכער באטראכט זיינע הענד, זיינע פיס, זיינע נערוועז, זיין הארץ און זיין בלוט, אזוי פיעל סחורה און וואס מעהר ער גיט אפ צום באסס, אלץ גליקליכער איז ער.

דער מענש אין קלאוק מאכער זאגט צום ארבייטער־ביזנעסמאן־קלאוקמאכער — איך האב ניט קיין סחורה צו פארקוי־פען אויפ'ן שטיק, איך קען ניט אפטהיי־לען מיינע כחות, מיינע הענד, מיינע פיס מיין הארץ און מיין בלוט פון מיר. איך בין ניט קיין ביזנעסמאן און איך האנדעל ניט מיט קיין מענשען־פלייש, איך בין א לעבעדיגער מענש, ניט קיין סחורה און איך וויל זיך ניט פארקויפען פער אקשען שטיקלעכווייז, אזוי פיעל א שטיק און ווערען צוריסען אויף שטיקער, נאכהער זאל אין א קורצע צייט פון מיר גאר ניט בלייבען.

דיזע געדאנקען זיינען צו מיר גע־קומען ווען איך האב זיך צוגעהערט צו די פראגען פון די ארבייטער וועלכע הא־בען ביי זיך נאך ניט באשלאסען אז זיי זיינען מענשען חוץ דעם וואס זיי זיינען ארבייטער.

הערענדיג די רייד פון די וועלכע זיינען פאר שטיק ארבייט אין פארגלייך מיט די ארגומענטען פאר וואך ארבייט, איז באשטעטיגט געווארען די סאציא־ליסטישע ווארהייט, אז דער ארבייטער איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי א סחורה, און נור דאן וועט דיזער כאראק־טערצוג פון דעם מאדערנעם ארבייטער פארשווינדען, ווען מען וועט אפשאפען פראדוקציאן פאר פראפיט.

ווען מען זיצט און מען הערט זיך צו צו די סכסוכים און דעבאטען וועגען דער וויכטיגער פראגע פון שטיק און וואך־ארבייט, ווערט מען קלאהר ווארום די ארבייטער זיינען שקלאפען צו קאפיטאל, צום דאלאר פאר פראפיט. נאר ווען מען הערט אויס ביידע זייטען זעהט מען דעם גרויסען אונטערשיעד אין דער פסיכא־לאגיע פון דעם ארבייטער וואס בא־טראכט זיך פאר א מענש און דער מענש וועלכער איז בלויז אן ארבייטער.

דער וואך ארבייטער טענה'ט: איך בין א מענש, איך האב א גרויסע מאס קראפט און ענערגיע, איך האב א בא־שרענקטע צאהל יאהרען צו לעבען. איך האב א באגרענצטע פיזישע מאס כחות און איך וויל פאר דיזען לעבען מיינעם, פון דיזע מענשליכע ענערגיע ארויסקריי־גען וואס איך דארף צום לעבען. איך וויל אבער לעבען לענגער, איך וויל ניט אויסשעפען מיינע כחות אויף שנעל, איך פארמאג נאר מיין ארבייטס קראפט, דאס איז מיין פארמעגען, דאס איז מיין קאפיטאל, ווארום זאל איך מיט אזא הייליגען, טהייערען פארמעגען, ווי מיין לעבען איז, פעדלען און ווערען אן אוק־שעניר יעדעס מאל ווען א משוגענער דעזיין קומט אן? ווארום זאל איך זיך אויסשטעלען צום פארקויף יעדע מינוט ווען א נייע סטייל קומט אן? ווארום זאל איך זיך דארפען זיינגען עטליכע מאל אין טאג מיט מיינע קונים?

ווארום ניט וויסען פאראויס וויפיעל איך קריעג אלס מיין מינימום איך זאל קענען זיצען רוהיג, ווי א מענש אפאר־בייטען מיין וואך און ניט דארפען זיך דינגען איבער מיין פלייש און בלוט?

אויסער דעם וואס איך בין אן ארביי־טער, טענה'ט דער שכל'דיגער קלאוק־מאכער און אלע אנדערע מאכערס, בין איך א מענש. עס איז אמת, אז אונטער היינטיגען סיסטעם, איז דער וואך אר־בייטער אזוי גוט ווי דער שטיק ארביי־טער אונטערווארפען די באדינגונגען פון א לוין שקלאף. אבער דער שטיק אר־בייטער לייגט אזוי דעם מענשען אויפ'ן פאליצע און ער בלייבט בלויז אן ארביי־טער. ער פארגעסט אין זיין אימפעט פון שטיק־מסחור אז דאס וואס ער פאר־קערפערט אין יעדער שטיק ארבייט איז

ניט דערוואַרט זיך

פון ג. עדעלשטיין.

מיט מיין ערשטער לאנגער קליידעל, האב איך אנגעפאנגען חלום'ען וועגען מיין געליעבטען. ער וועט זיין הויך און שלאנק, מיט א פאר ברוינע לאכעדיגע אויגען, א קאפ ברוינע אדער שווארצע גע־קרייזעלטע האר. אין שטוב איז האלב דונקעל, אויף דער פריש־באצויגענער סאפקע וועט ער זיצען, און אויף דעם שטול, וואס איז צווישען פענסטער און סאפקע, וועל איך זיצען; אין האנט וועל איך דרעהען מיין פריש־געפרעסטע טא־שענטוך. אויסטראכטענדיג עפעס א תירוץ, וועל איך ארונטערשיקען מיינע אינגערע ברידערלעך און מיר בלייבען אליין... איך פיהל זיינע אויגען אויף מיר און פארשעמט לאז איך מיין קאפ שטארק ארונטער. נערוועז דרעה איך מיין טא־שענטוך, און באלד גליצט עס זיך ארויס פון מיין האנט, און פאלט נעבען זיין פוס. מיר וועלען זיך ביידע אין איין צייט איינבויגען. מיינע האר וועלען שעלמיש באריהרען זיין שטערען. אונזערע הענט וועלען זיך פארפלאנטערן, זיין האנט וועט ארומכאפען מיינע, וועלכע וועט לייכט ציטערען, און ער וועט מיט א לייכטען ציטער אין זיין שטימע זאגען: אך, ווען איך קען דיין צארטע ווייסע האנט אייביג אין מיינע האלטען! און איך וועל מיט דעו פרייער האנט זיין קאפ צערטליך אנריהרען.

אזוי האב איך מיין פלאן פון מיין יוגענדליכען ראמאן אויסגעלייגט, און מיין קינדערשע הערצעל האט שטארק אנגע־פאנגען צו בייגקען נאך דעם העלד. איך האב איהם געזעהן אין די שעהנע לבנה־נעכט, אין די ווארעמע פריהלינג־מאר־גענס ווען אלעס פרעהט זיך און ליעבט, און גאנץ דייטליך פלעג איך זיין געזיכט זעהן אין דעם קלאר־פליסענדען טייכעל; און יעדען טאג פלעג איך מיט א קלא־פענדען הארץ ווארטען אויף איהם...

און איין טאג איז צו אונז געקומען א קליינער בלייכער מאן מיט מאטע אויס־געלאשענע אויגען. אביסל העלע האר האט באדעקט זיין פאטילניצע. ער האט מיר צושראקען באגריסט, און ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער פריש־באצויגי־נער סאפקע. מיין הארץ איז מיר פון שרעק שטעהען געבליבען. עס איז אונ־מעגליך! דאס איז ניט דער, אויף וועל־מען איך ווארט. דעם האב איך קיינמאל ניט געזעהן; ער איז א גאנץ פרעמדער, דעם וועל איך קיינמאל ניט ליעב האבען.

קינד מיינס! — האט מיך מיין מו־טער צערטליך געטרייסט, — דאס קומט שפעטער!

דאס קומט שפעטער: האט ווי איין עכא אפגעקלונגען אין מיין יונגען בייג־קענדען הערצעל. און איך האב זיך בא־רוהיגט. און ווען מיינע חבר'טעס האבען באוואונדערט מיינע כלה־מתנות, האב איך ביי זיך געטראכט: אך! דאס איז גארניט; אבער דאס, וואס וועט קומען שפעטער... וועט שיינען העלער, ווי דער גרעסטער דיאמאנט, זיין ליכט וועט פאר־דונקלען די זון, און מיט דעם זיסען סוד טיעף אין מיין הארצען האב איך געהאפט און געווארט... יאהרען זיינען פארשוואונ־דען זייט דאן, פיעלעס האט זיך געענ־דערט און איך האב געהאפט און גע־ווארט...

אין איין דונקלען הערבסט־טאג, ווען בלעטער פאנגען אן צו פאלען, האב איך זיך פארזיכטיג אין שפיגעל בא־טראכט. ווייסע האר האבען אנגעפאנגען צו באדעקען מיינע שווארצע. ארום די אויגען־ווינקלען דינענקע ווי זייד קנייטשלאך; טיעפע פאלדען ארום די ווינקלען פון מויל. א שרעקליכען ווייטאג האב איך אין הארצען דערפיהלט. איך האב געפיהלט אז איך האב דאס שענסטע און ליעבסטע פארלארען. דער, אויף ווע־מען איך האב מיין לעבען לאנג געווארט, וועט ניט קומען...

די פרויען וועלט

פון ראָזע בעדריק (בלינדער).

ווי אַזוי די סאוט „באַשיצט" די עהרע פון איהרע פרויען.

די סאוט, וועלכע איז באַריהמט איבער'ן גאַנצען לאַנד (און, אפילו, מעבר לים) מיט איהר אַלטער פאַר'עפּוש'טער אריסטאָקראַטיע, מיט איהר שמאָל־קעפּינקייט און ענג־הערציגקייט, מיט איהר פינסטערער רעאַקציע און פּאָליטישער צוריקגעשטאַנענקייט, מיט איהר הארצלאָזער עקספּלואַטאַציע פון פרויען־ און קינדער־ארבייט, און, ועל כולם, מיט איהרע שטענדיגע לינטשערייען און „מאָב־רול" — אָט די „געבענטשטע" סאוט באַזיצט פונדעסטוועגען איין גרויסע מעלה, וועלכע קיין אַנדער טייל פון די פאַראייניגטע שטאַאטען פאַרמאָגט ניט — וועניגסטענס, ניט אין אַזאַ גרויסער מאָס. די סאוט איז אויסגעהאַלטען, פּאָלשטענדיג קאָנזעקווענט אין איהר באַגריף און אַנווענדונג פון רעכט און גערעכטיגקייט. ניט אכטענדיג אויף די טיעפע ענדערונגען און איבערקערענישען וואָס די לעצטע גרויסע וועלט־פּאַסירונגען האָבען ארויסגערופען אומעטום, אין די פאַרוואָרפענסטע ווינקלען פון די ווייטסטע וועלט־טיילען, בלייבט די סאוט אומגעענדערט און ניט גערירט אויף קיין האָאר אין איהר אַלטער, ווילדער, בעסטיאַלישער באַהאַנדלונג פון איהרע טונקעל־הויטיגע בירגער. אומשולדיגע נעגער, יונגע און אַלטע, ווערען מאַסענווייז אומגעבראַכט יעדען יאָהר פון צווישעטע ווייסע „מאָבס" אין דער סאוט, אונטער'ן אויסרייד, אַז זיי, די נעגער, האָבען באַליידיגט, אָדער געוואָלט באַליידיגען, אָדער שיער־ניט געוואָלט באַליידיגען, די עהרע פון אַ וועלכער עס איז ווייסער פרוי.

די „ארבייט" פון „באַשיצען" די עהרע פון ווייסע פרויען איז אין דער סאוט געוואָרען אַ מין „ספּאָרט", אַ סאָרט צייט פאַרטרייב, ווי, אַ שטייגער, „פּריז־פייט", „בעיס־באָל" וכדומה. דער חילוק איז נאָר דאָס, וואָס דער וואַקכאַנאַלישער שפּיעל פון „באַשיצען די עהרע פון די ווייסע פרויען" באַשטעהט געוועהנליך פון הענגען, שיסען, בראָטען און פאַרברענען לעבעדיגערהייד אומשולדיגע און שוצלאָזע מענשען, וועמענס „חטא" — איז זייער קאָלירטע הויט, און וועמענס איינציגער פאַרברעכען איז דאָס, וואָס זיי דרעהען זיך ארום אויף דער זעלבער ערד מיט די ווייסע מענשען פון דער סאוט.

וויפיעל אונזער אויג און מוח זאָלען זיך ניט האָבען שוין צוגעוועהנט צו די אַלע גרויליכקייטען פון טויטען און פאַרניכטען מענשליכע לעבענס; וויפיעל מיר האָבען זיך שוין אין די לעצטע עטליכע יאָהר, פון מלחמה, רעוואָלוציעס, קאָנטר־רעוואָלוציעס און פּאָגראָמען, ניט אָנגעלייענט און אָנגעזעהן מיט די ווילדסטע ברוטאַליטעטען, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרען און ווערען נאָך איצט באַגאַנגען צווישען מענש און מענש, צווישען קלאַס און קלאַס און צווישען פאָלק און פאָלק, — קענען מיר פאָרט ניט בלייבען גלייכגילטיג צום פינסטערען גורל פון די אומגליקליכע נעגער אין דער סאוט.

לייענענדיג וועגען די אכזריות'דיגע מעטאָדען און שוידערהאַפטע מיטלען, מיט וועלכע די „נאָבעלע" ווייסע מענשען־קינדער פון דער סאוט באַנוצען זיך אין זייער „שפּיעל" פון מאָרדען און פאַרטיליגען אומשולדיגע נעגער, הויבט אָן צו קאָכען דאָס בלוט אין די אָדערען, און אַ פלוך זידט ארויס פון'ם האַרצען אויף דער אָרדנונג און געזעלשאַפט, וואָס דולדען אַזוינס און באַמיהען זיך ניט צו מאַכען אַ סוף צו אָט דעם ווילדען טייפעל־שפּיעל, וואָס הייסט „לינטש־געזעץ".

אַ קורצע אויספאָרשונג פון איינינע לינטש־מאָרדען, וואָס זיינען דאָ ניט לאַנג באַגאַנגען געוואָרען געגען נעגער אין איינינע שטעדט פון דער סאוט, האָט ארויסגעבראַכט דעם קלאָרען און אונבאַשטרייטבאַרען פאַקט, אַז די קרבנות זיינען געווען פּאָלשטענדיג־אומשולדיגע און פריעדליכע נעגער. אָט איז איין פאַל אַזעלכער:

אין מאָנראָו, לואיזיאַנא, איז אַ נעגער מיט'ן נאָמען דזשאָרדזש באָלדען באַשולדיגט געוואָרען אין האָבען געשריבען אַ באַליידיגענדען בריעף צו אַ ווייסער פרוי. איינע אנגעזעהענע בעלי־בתים פון שטאָדט האָבען אפילו געשוואָרען, אַז דער באַשולדיגטער האָט אויף זיין לעבען ניט געקענט שרייבען, און אַז אויף די טשעקס וועלכע זיי פּלעגען איהם אָפט אויסצאָהלען, האָט זיך באָלדען תמיד גע'חתמ'עט דורך אוועקשטעלען אַ צלם. דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטען דעם „מאָב" פון ארויסשלעפּען דעם אָרימען נעגער אויף דער גאַס און אריינשיסען אין איהם עטליכע קוילען. דער נעגער איז געבליבען ליגען באַוואוסטלאָז, און די שיסער, מיינענדיג אַז ער איז טויט, האָבען איהם איבערגעלאָזט און זיינען אוועקגעגאַנגען. דער פאַרוואונדעטער איז שפּעטער געבראַכט געוואָרען אין אַ האָספּיטאַל, וואו אַן אונטערזוכונג האָט געוויזען, אַז איין פוס פון'ם פאַרוואונדעטען איז געווען דורכגעלעכערט אין עטליכע פּלעצער, און מען האָט צוליעב דעם געמוזט אָפּשניידען דעם גאַנצען פוס, וואָס איז טאַקע באַלד געטאָן געוואָרען.

דערווייל האָט זיך דער „מאָב" דערוואוסט, אַז זייער קרבן לעבט נאָך, און אַז ער געפינט זיך אין האָספּיטאַל. די העלדישע באַשיצער פון פרויען־עהרע האָבען ארומגערינגעלט די האָספּיטאַל געביידע, און, וויפיעל די דאָקטוירים און די נוירסעס האָבען זיך ביי זיי ניט געבעטען, אַז זיי זאָלען ניט אריינקומען אינווייניג, ווייל דאָרט געפינען זיך איינינע פּאַציענטען אין אַ זעהר קריטישען צושטאַנד, האָבען די באַנדיטען ניט געהערט. זיי זיינען אריין אין האָספּיטאַל, האָבען על־פּי טעות אַ כאַפּ געטאָן אַן אַנדער קראַנקען נעגער, וועלכער איז אויך געווען ערשט נאָך אַן ערנסטער אָפּעראַציע. זיי האָבען זיך אָבער באַלד ארומגעזעהן, אַז זיי האָבען געמאַכט אַ טעות, און זיי האָבען דעם קראַנקען אוועקגעוואָרפען. דער דאָזיגער נעגער איז אין עטליכע שטונדען ארום געשטאָרבען פון אַ האַרץ־שלאַג.

באָלדען איז אין דער צייט געווען באַהאַלטען אין אַ זייטיג צימער. אויף מאָרגען האָט דער האָספּיטאַל איהם איבערגעגעבען צו זיין פרוי און איהר געראָטען צו נעהמען איהר מאַן און מיט איהם באַלד אוועקפאָהרען אין אַן אַנדער שטאָדט. די פרוי האָט אַזוי געטאָן; זי האָט גלייך פון'ם האָספּיטאַל אוועקגעשלעפּט איהר קראַנקען מאַן צו דער באַהן און איז מיט איהם אריין אין'ם ערשטען צוג, וואָס האָט זיך געלאָזט אוועקגעהן. די באַנדיטען האָבען איהר נאָכגעשפּירט, און זיי זיינען אריין אין'ם זעלבען צוג.

אין מיטען וועג האָבען זיי איבערגעריסען דעם דראָט פאַר געפאָהר־סיגנאַלען, וועלכער ציהט זיך דורך אַלע וואַגאָנען צום לאָקאָמאָטיוו. דער צוג האָט אָנגעהויבען צו געהן לאַנגזאַמער. די ווייסע באַנדיטען זיינען דאַן אריין אין באָלדען'ס וואַגאָן, האָבען איהם פון דאָרט ארויסגעשלעפּט, אריינגעשאָסען אין איהם פרישע עטליכע קוילען און איהם ארונטערגעשליידערט פון'ם צוג, וועלכער האָט נאָך אַלץ געהאַלטען אין געהן. ווען מען האָט שפּעטער אויפגעהויבען באָלדען'ס קערפּער, איז ער געווען אין גאַנצען דורכגעלעכערט ווי אַ זיפּ.

דאָס האָט פּאַסירט דעם 12טען מאַי, 1919.

דעם באַליידיגענדען בריף צו דער ווייסער דאַמע האָט — ווי די אויספאָרשונג האָט באַוויזען — געשריבען אַ ווייסער, וועלכער האָט אונטערגעשריבען באָלדען'ס נאָמען. געטאָן האָט דאָס דער ווייסער „דזשענטלמאַן" דערפאַר, וואָס דער נעגער באָלדען, וועלכער האָט געאַרבייט אין'ם זעלבען פאַך וואָס ער, איז געווען באַקאַנט אַלס אַ קינסטלערישער בעל־מלאכה, וואָס האָט ניט געהאַט קיין גלייכען צו זיך אפילו צווישען די ווייסע מעכאַניקער פון יענער שטאָדט. אַ „חוצפּה" פון אַ נעגער?!

און אָט איז נאָך אַ פאַל, נאָך אַ שוידערליכערער פון'ם ערשטען. שוידערליכער דערמיט, וואָס, ערשטענס איז אָט דער קרבן אַ 19־יעהריגער נעגער־אינגעל, און צווייטענס, וואָס אין ד ע ם פאַל האָבען די מערדער איינפאַך געצוואונגען אַ ווייסע פרוי צו „דערקענען" אין'ם יונגען מערדער דעם מאַן, וואָס האָט עס געוואָלט האָבען געמאַכט אַ פאַרזוך צו באַליידיגען איהר עהרע. אָט איז די געשיכטע:

דעם 14טען מאַי, 5 אזייגער פאַרטאָג, האָט מעטי האַדסאָן, אַן 18־יעהריגע ווייסע מיידעל, אין וויקסבורג, מיסיסיפּי, אויפגעהויבען אַ געשריי, אַז אַ נעגער איז געווען ביי איהר אין שלאָף־צימער און האָט געמאַכט אַ פאַרזוך זיך אריינצוכאַפּען צו איהר אין בעט, און, אַז ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און גענומען שרייען איז דער נעגער אַנטלאָפען.

אין אַ פּאָאָר שטונדען ארום איז שוין דאָס גאַנצע שטעדטעל געגאַנגען אויף רעדלאַך. פון דער נאָהענטסטער שטאָט זיינען געבראַכט געוואָרען צוויי געלערנטע בלוט־הינט און זיי זיינען ארויסגעלאָזט געוואָרען איבער'ן נעגערשען קוואַרטאַל צו זוכען דעם אַנטלאָפענעם נעגער. אויף די נעגער פון'ם שטעדטעל איז אָנגעפאַלען אַ טויט־שרעק. זיי האָבען זיך פאַרשלאָסען אין די הייזער און געוואַרט אויף אַן אומגליק. זיי האָבען געוואוסט, אַז אויב איינעם פון די הינט זאָל חלילה איינפאַלען צו בלייבען שטעהן אויף אַ ווילע ביי אַ טיר פון אַ נעגער'ס הויז, איז דער נעגער אַ פאַרלאָרענער....

די הינט זיינען דורכגעלאָפען דעם גאַנצען נעגערשען קוואַרטאַל, האָבען זיך פאַרקירעוועט צו אַ גאַס, וואו עס וואוינען ווייסע, און זיינען ארויפגעלאָפען אויף די טרעפּ פון אַ הויז, וואָס האָט באַלאַנגט צו אַ ווייסען. דאָ האָט אָבער דער אייגענטימער פון די הינט, וועלכער האָט זיי די גאַנצע צייט געהאַלטען אויף אַ לאַנגען שטריק, זיי באַלד פון דאָרט צוריקגעשלעפּט, און עס האָט געהייסען, אַז די הינט האָבען ניט געפונען דעם אַנטלאָפענעם.

ביי די וויקסבורגער נעגער איז אַ שווערער שטיין אַראָפּ פון'ם האַרצען. זיי האָבען געמיינט, אַז דאָס געפאַהר איז שוין פאַראיבער. אָבער זיי האָבען זיך נעבאַך אומזיסט געפרעהט.

אויפ'ן וועג צוריק איז דער ענטוישטער און צורייצטער „מאָב" פאַרביינגעגאַנגען אַ הויז, וואו עס האָט געוואוינט אַ נעגערשע פאַמיליע מיט דעם נאָמען קלעי. דערהערענדיג עפּעס אַ געפּילדער אויף דער גאַס און ניט וויסענדיג וואָס דאָס באַטייט איז דער נייגעריגער 19־יעהריגער נעגער־אינגעל, לאָיד קלעי, ארויסגעקומען פון זיין הויז צו זעהן וואָס דאָס איז פאַר אַ „פּאַראַד". אַזוי באַלד ווי ער האָט זיך נאָר באַוויזען פאַר'ן צויושעטען „מאָב" איז זיין שיקזאַל פאַרחתמ'עט געוואָרען. עס איז באַלד געוואָרען אַ ליאַרם: „געכאַפּט דעם לומפּ!" מען האָט איהם אוועקגעשלעפּט צו דער ווייסער מיידעל, מעטי האַדסאָן, צי זי וועט איהם דערקענען אַלס איהר אַנגרייפער. אָבער די מיידעל האָט ערקלעהרט מיט זיכערקייט, אַז לאָיד קלעי איז ניט דער מאַן, וועלכען זי האָט און דער פרי געזעהן ביי איהר אין שלאָף־צימער. קלעי'ס בני־בית האָבען אויך אַלע געשוואוירען, אַז לאָיד איז די גאַנצע נאַכט געווען אין דערהיים, און אַז ער האָט ניט ארויסגעטראָטען פון הויז ביז דעם מאָמענט, ווען דער „מאָב" איז פאַרביינגעגאַנגען. אָבער דאָס האָט גאָרנים געהאָלפען. דער ווילדער המון פון ווייסע מערדער האָט געוואָלט אַ קרבן, און דער נעגער איז געווען ביי די מערדער אין די הענט.

מען האָט אויפ'ן אינגעל צוריסען די קליידער, איהם געשלאָגען מכת־רצח ביז ער איז פאַרוואַשען געוואָרען מיט זיין אייגען בלוט. דערנאָך ערשט האָט מען איהם, קוים אַ לעבעדיגען, צוגעשלעפּט צו אַ בוים אין מיטען שטעדטעל, און גענומען מאַכען הכנות פאַר אַ „רעגולער לינטש־פּאַרטי." מען האָט צום לינטש־פּלאַץ געבראַכט די ווייסע מיידעל, און איהר דאָרט „געגעבען צו פאַרשטעהן", אַז זי מוז דעם יונגען נעגער „דערקענען" אַלס איהר „אַנגרייפער". ווען זי האָט ענדליך צוגעשטימט, אַז זי „דערקענט" איהם אַלס דעם מאַן, וואָס האָט געוואָלט זי אַנגרייפען, האָט זיך ערשט אָנגעהויבען די רעכטע שמחה. מען האָט איהם מיט אַ שטריק, צוגעבונדען צו זיינע הענט, ארויפגעצויגען אויף אַ בוים. איינער האָט פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל איהם באַלד דערשיסען. אָבער צעהנדליגע קולות האָבען געשריען: „ניט שיסען, ער מוז געפּייניגט ווערען מיט אַ לאַנגזאַמען טויט!" און דער אָרימער נעגער איז געפּייניגט געוואָרען גענוג ביז ער האָט אויסגעהויכט זיין לעצטען אָטעם. מען האָט זיינע פיס באַגאָסען מיט קעראָסין, און אונטער זיי צולעגט אַ פייער, און דער ווילדער „מאָב" האָט געקוקט און אָנגעקוואָלען צו זעהן, ווי דער יונגער נעגער האָט זיך לאַנגזאַם געבראָטען לעבעדיגערהייט. זיין געזיכט האָט זיך שרעקליך פאַרקרימט, די אויגען זיינען איהם ארויסגעקראָכען פון'ם קאָפּ, די הויט אויפ'ן קערפּער האָט זיך אָנגעהויבען בלאָזען, די פיס, ווי אָפּגעברענטע שפּענדלאַך, האָבען זיך צונויפגעדרעהט אין אַ קנויל, און אַזוי איז ער געבליבען הענגען אַנדערהאַלבען שעה אין דעם שיין פון דער לבנה.

. . . .

אָט אַזוי „באַשיצט" אונזער סאוט די עהרע פון איהרע פרויען.

און די פרויען דאָרט, אין דער סאוט? וואָס דענקען ז י י וועגען אָט די „העלדענטאַטען" פון זייערע ווייסע מענער?...

זיי דענקען ניט... ווי עס זעהט אויס, זיינען זיי גאַנץ צופריעדען מיט אָט דער אַרט „באַשיצונג" פון זייער עהרע.

צווייטער גרויסער זיעג פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן

(שלוס פון זייטע 1).

ראַל סטרייק־קאָמיטע אין סענטראַל אָפּעראַ־הויז, ווי שוין באַמערקט, האָט געהערשט גרויס באַגייסטערונג. עס איז געווען אַ געמיינזאַמע טיעפסטע איבערצייגונג, אַז דאָס איז דער גרעסטער געווינס, וואָס די קלאָוקמאַכער האָבען ווען עס איז געהאַט.

„עס איז עפּעס, וועגען וואָס מיר האָבען אפילו ניט גע'חלומ'ט מיט אַ זעקס חדשים צוריק", האָט אויסגערופען איינער פון די אַנוועזענדע אין גרויס באַגייסטערונג. דאָס איז דער קירצעסטער סטרייק, וואָס די קלאָוקמאַכער האָבען ווען געהאַט. דערביי קריגענדיג די גרעסטע געווינסען וואָס זיינען ווען געוואונען געוואָרען אַלס אַ רעזולטאַט פון אַ דזשענעראַל סטרייק".

נאָכ'דעם ווי ל. לאַנגער, סעקרעטער פון'ם דזשאָינט באָאַרד, האָט פאָרגעלעזען דעם גאַנצען אַגרימענט, פונקט נאָך פונקט, און נאָך אַן אויספיהרליכער דיסקוסיאָן פון יעדען פונקט באַזונדער, האָט די קאָמיטע דעם אַגרימענט איינשטימיג גוטגעהייסען. די פאַרזאַמעלטע האָבען אויך ארויסגעזאָגט אַ דאַנק צו מ. זיגמאַן, ס. קאַפּלאַוויץ, דזש. ברעסלאַווער, דזש. האַלפּערין, מאַקס פינקעלשטיין, סעמיועל לעפקאָוויטש, סאַול מעטץ, ה. וואַנדער, ל. לאַנגער און אַלע אַנדערע יוניאָן־פיהרער, וואָס זיינען אַנוועזענד געווען ביים מיטינג און אויך וואָס האָבען אַנטייל גענומען אין די קאָנפערענצען מיט דער ביזנעס אַססאָסיאַישאָן.

אַלע פאַרבערייטונגען ווערען יעצט געמאַכט, אַז די ארבייטער פון דער נייער מאַנופעקטשורערס אַססאָ' זאָלען זיך וואָס אם גיכסטען צוריקקעהרען צו דער אַרביים. די קאָמיטעס און אַלע יוניאָן בעאַמטע האָבען איצט פאַרדאָפּעלט זייער ענערגיע צו זעהן, אַז די ארבייטער זאָלען וואָס גיכער אָפּשטעלען די פרייזען און אויסגלייכען זיך וועגען די סקייל און וויידזשעס מיט זייערע מאַנופעקטשורערס און זיך ווענדען צו דער ארבייט.

רעוואָלוציאָן

ווערטער רעדאַקטאָר פון „גערעכטיגקייט"!

צוזעהענדיג ווי אַ קליינע גרופּע אומפאַראַנטוואָרטליכע מענשען זוכען צוצוברעכען אונזער יוניאָן, די אָרגאַניזאַציאָן וועלכע מיר האָבען אויפגעבויט מיט אַזוי פיעל מיה און אָפּפער, דורך אַזוי פיעל שלאָפלאָזע נעכט און הונגעריגע טעג, האָבען מיר באַשלאָסען אויף אַ ספּעציעלען שאָפּ־מיטינג צו פאַרעפענטליכען די פאָלגענדע רעזאָלוציאָן:

אַזוי ווי די ברייטע מעמבערשיפּ נויטיגט זיך אין אַ אָרגאַניזאַציע וועלכע זאָל אָנפיהרען די קעמפע פון די ארבייטער, און אַזוי ווי די אויבענדערמאָנטע גרופּע טומעל־מאַכער שטערען אָפּזיכטליך יעדען ביזנעס־מיטינג פון דער יוניאָן, אָפען ערקלערענדיג דערביי אַז מען דאַרף ניט האָבען קיין יוניאָן און קיין בעאַמטע, איז עס באַשלאָסען צו פאַרדאַמען די פּראָוואָקאַטאָרישע האַנדלונג פון די אונפאַראַנטוואָרטליכע, מילדסטענס געזאָגט, רעפאָרמערס און אויסדריקען אונזער פולסטע צוטרוי צו דער יעצטיגער פאָרמע פון פאַרוואַלטונג".

מיט יוניאָניסטישען גרוס,
די ארבייטער פון די וועסטשעסטער ווייסט קאָ. דזשעקסאָן עוו., בראָנקס.
ראָזי נאַלד, ענני באַראַה, טילי לעווין, מ. אַבראַמאָוויץ און לילי בייבראַף. פּרעס קאָם.

דאס זיינען געווען די אויגען, וואס האבען די לעצטע געזעהן אינגעבארג.

עס האבען זיך דערהערט געשרייען, א טומעל אין די קארידארען. דערנאך האבען א פאר דינסטען, האלב אויסגעטוענע, מיט אנקלאפענדיגערהייט אריינגעריסען זיך אין צימער אריין. ווי פארשטיינערטע האבען זיי געקוקט אויף מיר.

— טראגט איהם ארויס — האב איך געזאגט — און באגראבט איהם. זיי האבען גענומען פאצא'ס לייכע און ארויסגעטראגען פון צימער. זיין קאפ איז ארונטערגעהאנגען און געקוקט אויף מיר.

דאס איז געווען אזא שענער און געטרייער הונד, אזא קלוגער און העפליכער! ער האט געהאט אזא העלען פרעהליכען בליק! זיין פעל איז געווען אזוי ווייס און צארט. ווי גוט האט ער געקענט שפרינגען! ער האט א שפרונג געטאן אזוי, אז זיינע אויערען האבען גענומען פלאטערען, ווי ווייסע פעהנער. צוויי שווארצע פלעקען האט ער געהאט אויף דער לינקער זייט, — „ווי אימיצער וואלט אין איהם געווארפען א טינטער", — פלעגט זאגען אינגעבארג. ער האט געהאט אזא עדעל הארץ, אי פון איין צערטליך ווארט, האבען איהם גענומען גלאנצען די אויגען, פון צוויי — האט ער גענומען טאנצען און פון דריי — זיך לייגען אויף דער ערד און דרעהען מיט'ן עק.

איצט בין איך געבליבען אליין.

ניט לייכט איז געווען אריבערצוטראגען אזא ארט לעבען.

איך האב געשאקעלט דעם קאפ און געשמייכעלט: האבען מיר שוין, הייסט עס, ווינטער! ניט ווילענדיג האב איך זיך אפט דערמאנט אן הערמאן עקע, דעם גוטבאזיצער, וועמען עווא האט פארלאזען. מעגליך, אז הערמאן עקע האט אויך געהאט א הונד, וואס איז משוגע געווארען. איצט האב איך שוין גוט פארשטאנען הערמאן עקע. יא, איך האב איהם געזעהן ארום מיר.

איך האב איהם שטענדיג געזעהן פאר מיינע אויגען! — ווען דו באגעגענסט א מענש מיט א בלייך פנים, מיט הויך אויפגעהויבענע ברעמען, מיט ברייט געעפענטע און פארוואונדערטע אויגען, אהן וועלכען ניט איז אויסדרוק, מיט א טרויעריגען שמייכעל אויף די ליפען — דאס איז ער!

און דאס, איז די געשיכטע פון זיין לעבען.

איך האב זי אויפגעשריבען דערפאר, ווייל מיין הארץ איז פארטרויערט.

א מענש שפאנט ארום און טראכט. דאס איז הערמאן עקע. וועגען וואס טראכט ער? קאלט איז אין זיין הויז, ער ציהט אויס די הענד צום פייער, אבער דאס פייער ווארעמט איהם ניט. ס'איז שטיל. נאכט איז איצט; שרעק און טרויער האבען איינגעהילט דאס הויז, און דאס הויז איז געגליכען צו א שווארצען ארון, וואס ווערט באגלייט פון א יאמערנדיגען ווינד.

נאכט. הערמאן עקע האלט א ליכט אין דער האנד און ער געהט. אין אלע ווינקלען געהט ער ארום און זוכט: וואס־זשע זוכט ער?

עווא איז דא ניט דא, ניין?

די מיקען זשומען אין צימער. הערמאן עקע שמייכעלט. „מיק", זאגט ער, און קוקט אויפן קליינעם מיק. פארבייגעהענדיג דעם שפיגעל, פארמאכט ער די אויגען: ער וויל ניט זעהן זיין אייגען פנים.

ער האלט א ליכט אין דער האנד; דאס ליכט ברענט און א גערויש טראגט זיך פון פלאם. ער שרעקט זיך און קוקט זיך אום: א שאטען האט זיך צוגעזעצט צום שרייב־טיש. ער געהט ווייטער, אבער ער פיהלט ווי א שאטען הויבט זיך אויף, ווארפט פון זיך ארא א צודעק. ער זעהט, ווי דער שאטען וואקסט אויף דער וואנט, און דונקעלע, לאנגע פינגער ציהען זיך צו זיינע האר.

ער שרייט אויס.

— וואס איז מיט איך, הערר?

— גארנישט.

— א!...

הערמאן עקע שטעהט ביים פענסטער און קוקט אויפ'ן וועג. שניידען ניט דורך די ווינטערדיגע שטילקייט שליטען גלעקלעך?

איז נאך קיין אנזאגער ניט געקומען? פון אויפרעגונג וואקעלט ער זיך און פאכט מיט'ן טיכעל. ניין, דאס איז ניט קיין שליח, דאס איז א שכור, וואס געהט, ווי עס זעהט אויס, פון א חתונה.

נו, אויב ניט היינט, איז דאך זיכער מארגען.

אומעטום קען מען זעהן הערמאן עקע, אין וואלד, אין פעלד, אין דארף, אבער ער שמייכעלט שוין ניט מעהר, איצט איז ער בלייך און קוקט אויף אלץ מיט ברייט צועפענטע, פארוואונדערטע אויגען. זיין טראט איז פייערליך.

הערמאן עקע געהט צו די דינער און צו די ידנסטען אין קיך אריין: ער וויל רעדען מיט זיי. ער רעדט, און זיי ענטפערען. ער רעדט אלץ מעהר און זיי אלץ ווייניגער. ער זיצט און רעדט אהן אויפהער. אלע קוקען אויף איהם. ער נעהמט אוועק.

עס דונקעלט. עס קומט א נאכט א פינסטערע, א פייכטע, אהן שטערען, אהן לבנה; א פייכטער, שווארצער שניי צוגעהט אויפ'ן וועג. הערמאן עקע געהט אין דארף אריין און פארנעהמט אין א שענק אריין.

דארט איז צוזאמענגעקליבען די יוגענד. ארבייטער און דינסטען. די מיידלעך האלטען אנגעלעהנט די קעפ אויף די אקסלען פון די יונגען, אדער זיצען ביי זיי אויף די קני.

איין יונג, מיט אן ארונטערגערוקטען הוט אויפ'ן נאקען שפיעלט אויף א ציטרע.

— גוט אוונט, ברידער, זאגט הערמאן עקע.

— גוט אוונד.

די ציטרע קלינגט, דער יונג זינגט. ער זינגט וועגען אן אקס און א קוה, די מויד, וואס שטעהט דערנעבען קייכט פאר געלעכטער.

אזוי זינגט ער; די דינסטען לאכען, און די יונגען כאפען זיי.

צווישען זיי איז דא איין מיטעל־וואוקסיגער יונג, א שניידער, מיט א ברייט מויל. ער פארזיכערט, אז ער האט אין גאנצען קיין ביינער ניט. — ער איז אהן ביינער, מען קען מיט איהם טאן וואס מען וויל, ער וועט ניט פיהלען קיין וועהטאג. צוויי כאפען איהם אן פאר די הענד און די פיס, וויגען איהם אהין און אהער און ווארפען איהם צו דער טיר, אז די טיר גיט אזש א קנאק. ער הויבט זיך אויף — ער האט גארנישט ניט געפיהלט: ער איז אהן ביינער.

די ארבייטער לאכען, די מיידלעך קוויטשען, א טומעל איז אין שענק.

הערמאן עקע שמייכעלט. באצאהלט און געהט אוועק.

— זאל גאט זיין מיט אייך, ברידער מיינע.

טייל לאכען און איינער ענטפערט: אמן.

ווען זיי וועלען עלטער ווערען, וועלען זיי פארשטעהען וואס עס באדייט, ווען איינער זאגט: זאל גאט זיין מיט אייך!

הערמאן עקע געהט איבער די קרומע, פינסטערע גאסען פון דערפעל. וואו ער דערזעהט א באלויכטען פענסטער, דארט שלייכט ער זיך אריין. ווי א גנב שלייכט ער זיך צו די פויערשע הייזלעך און בגנבה קוקט ער אין די באלויכטענע פענסטער.

א פויערטע קנעט טייג און וואלגערט איהם מיט א וואלגער־האלץ, א פויער שטעהט ביים בעט און טוט זיך פאמעליך אויס. א יונגע מוטער באדט איהר קינד, דאס קינד ווארפט מיט די פיסלעך און די וואסער־טראפען פאלען אויף די שויבען. אן אלע הויפען גנב'עט ער זיך אריין און בלייבט שטעהן ביי די באלויכטענע פענסטער.

אט זיצט א אינגעל און לערנט זיך, באוועגט די ליפען און הערמאן עקע הערט, וואס ער לערנט. ער פארנעמט דעם אינגעלס רייד: הייליג, הייליג, הייליג איז גאט און די גאנצע ערד, — הייליג איז גאט און די גאנצע ערד איז פול מיט זיין לויב. הייליג, הייליג... מאמא! — מיט אמאל שרייט אויף דאס אינגעל אויס — עמיץ שטעהט אונטער'ן פענסטער!

דער גנב פארשווינדט אין דער פינסטערער גאס.

ער הערט א געפליסטער. דער גנב שטעלט זיך אפ און הערט זיך אונטער וועגען וואס עס רעדט דאס פארעל. עס איז פינסטער, אבער ער זעהט זייערע הענד און זייערע געזיכטער. דער בחור דרעהט זיך ארום ארום דער מיידעל, מיט אמאל האט ער אזוי ווי באמערקט הערמאן עקע'ן.

דער גנב שפרינגט אפ, איינהאלטענדיג דעם אטעם.

הערמאן עקע.

הערמאן עקע שלעפט זיך ארום אומעטום. ער פאלט אויף די קני אין פינסטערען וואלד און זאגט:

— איך שטעה אויף די קני, איינער אליין שטעה איך דא, אין דעם פינסטערען וואלד, אויף די קני.

טרערען פליסען איבער זיינע באקען.

— איינער אליין שטעה איך דא אויף די קני...

הערמאן עקע...

הערמאן עקע, ברודער מיינער, זיי ניט טרויעריג!

שווער אטעמט הערמאן עקע און רייסט זיך מיט די נעגעל די ברוסט. ער שרייט אויס: אייביגער פרידען פאר אלע מענשען, און מיר כאטש איין רוהיגע שעה!

וויל ער זיך ניט פאר'סם'ען?

הערמאן עקע, ליעבער ברודער מיינער, ווער ניט פארצווייפעלט.

א פויגעל צוויטשערט אונטער הערמאן עקע'ס פענסטער און הערמאן עקע שמייכעלט. וועגען איינע און דאס זעלבע טראכט ער אלץ. דער פויגעל פליהט אוועק. איצט הערט מען שוין קיין זאך ניט.

— עווא איז אויך געווען אזא פייגעלע, — טראכט ביי זיך הערמאן עקע, — אויב א פייגעלע צוזינגט זיך אונטער דיין פענסטער, קענסטו זיך איינהערען, דערפרעהען זיך און דאנקען דעם קליינעם פייגעלע. דו קענסט עס אבער ניט איינהאלטען, ניט מיט ווערטער, ניט מיט געבעט און ניט מיט קיכלעך, — עס וועט אוועקפליהען און צוזינגען זיך אונטער א צווייטען פענסטער.

הערמאן עקע קען שוין מעהר ניט געפינען קיין גליק, דאס גליק איז פארשוואונדען.

— מענשען, מענשען, איך פרעג ביי אייך. וואס ווייסט איהר? איהר האט פרויען און קינדער און איהר קענט זיי קושען. איך האב בלויז א לעער צימער. איהר האט דאך ניט דורכגעלעבט אייער גליק מיט עווא'ן! וואסזשע ווייסט איהר? איהר ווייסט גארנישט!

הערמאן עקע, ליעבער ברודער מיינער...

אז ער איז ניט שטענדיג געווען אזוי פאראומערט און אזוי טרויעריג, ווייסטו עס אליין. און ווי ער איז געשטארבען, ווייסטו דאך אויך.

מיט א רוהיגען טויט איז ער געשטארבען.

הערמאן עקע.

(פארזעצונג פאלגט)

די קעפ מייקערס יוניאן איז גרייט צו סטרייקען פאר וואך ארבייט

די קעפ מייקערס יוניאן איז די ערשטע ארגאניזאציאן אויף דער אידישער גאס נאכצוטאן אונזער קלאוק מאכער יוניאן, — ארויסצוגעהן סטרייקען פאר וואך־ארבייט. מיר ווינשען זיי גליק! מיר האפען, אז אויב עס וועט ביי זיי קומען צו א סטרייק, וועלען זיי האבען דעם זעלבען גרויסען ערפאלג, וואס אונזערע קלאוק מאכער האבען געהאט.

מיט א וואך צוריק, דאנערשטאג דעם 12טען יוני, האט זייער יוניאן איינגערופען א מאסמעמבער מיטינג אין מיטען טאג, אין קופער יוניאן, און די ארבייטער האבען מיט גרויס באגייסטערונג גוט געהייסען די פאדערונגען וואס די יוניאן שטעלט ארויס די מאנופעקטשורער אין דעם פאך.

מאנטאג דעם 16טען דזשון האט די קעפ מאכער יוניאן פארנאנדערגעשיקט צו די בעלי בתים די פאדערונגען, וואס זיינען איינשטימיג אנגענומען געווארען פון די קעפ מאכער אויף זייער גרויסער פארזאמלונג אין קופער יוניאן דעם 12טען יוני.

צווישען די פאדערונגען פארנעמט דעם הויפט פלאץ דער איבערגאנג פון שטיק ארבייט צו וואך־ארבייט און די העכערונג פון די וויידזשעס און די איינשטעלונג פון א מינימום סקייל פון א דורכשניטליכער וואך־פארדינסט פאר יעדען ארבייטער. דערביי לאזט די יוניאן וויסען די בעלי בתים, אז די „וועכענטליכע וויידזשעס" וואס ווערן געפאדערט, זיינען דער מינימום, וואס דער דורכשניטליכער ארבייטער מוז קריגען אין משך פון יעדער וואך, ד. ה., אלע וואכען פון יאהר. צי די פירמא קען זיי באזארגען מיט דער ארבייט יעדע וואך פון יאהר צי ניט, מוזען די ארבייטער איהרע יעדע וואך פון יאהר האבען די אנגעדייטעטע סומע, כדי צו מאכען א לעבען. און אויב די טרייד וועט ניט קענען געבען די ארבייטער געגוג ארבייט פאר די גאנצע 52 וואכען, וועלען די וויידזשעס פאר די וואכען ווען עס איז דא ארבייט, מוזען געהעכערט ווערען אויף אזוי פיעל, אז די דורכשניטליכע פארדינסטען פון דעם דורכשניטליכען ארבייטער פער וואך פאר דעם גאנצען יאהר זאלען ניט באטרעפען ווייניגער ווי די געפאדערטע מינימומס.

די מינימומס פון די וויידזשעס מוזען אויך פון דאס ניי באשטימט ווערען אלע 6 מאנאטען, כדי אנצוהאלטען מיט די ענדערונגען אין די קאסטען פון די לעבענס־מיטלען און פון די אינדוסטריעלע באדינגונגען.

אין דער זעלבער צייט, וואס די יוניאן האט ארויסגעשיקט די פאדערונגען, האט זי אויך צוגעגרייט די גאנצע נויטיגע מאשינערי פאר אן אלגעמיינעם סטרייק, אין פאל די בעלי בתים וועלען זיך איינעקשן'ען און ניט וועלען נאכגעבען די פאדערונגען. עס זיינען באשטימט און גוט געהייסען געווארען פון דער מיטגלידערשאפט אלע קאמיסיעס, וועלכע זיינען נויטיג אויף אנצופיהרען דעם סטרייק און אנצופיהרען איהם מיט דער גאנצער אויסגעהאלטענהייט און אין דער בעסטער ארדנונג, אויף וועלכער די קאפעג־מאכער זיינען פעהיג, ווי זיי האבען דאס שוין ניט איין מאל באוויזען.

די יוניאן האט שוין ערוועהלט א דזשענעראל סטרייק קאמיטע און איהר פארטיילט אין סאב־קאמיטעס, לויט דעם זעלבען פאסאן ווי מיר טוען: זיי האבען א סעטעלמענט קאמיטע, אן ארגאניזאציאנס קאמיטע, א פיקעט קאמיטע, א אויסער'ן שטאדט קאמיטע, א האל קאמיטע, א פינאנץ קאמיטע, א רעדנער קאמיטע, א לאא קאמיטע, א פרעס קאמיטע, — קורץ אלע נויטיגע קאמיטעס, ווי עס פיהרט זיך ביי אונז.

מען מעג אלזא ערווארטען צו הערען באלד אויב די באסעס זייערע וועלען נאכגעבען מיט גוטען אדער זיי וועלען מוזען סטרייקען, אויך ווי ביי אונז.

א סך נויארקער קינדער האבען ניט גענוג שפייז

ארום 25 פראצענט פון די ניו־יארקער קינדער ליידען פון מאנגעל אין נאהרונג, ווייל זייערע עלטערן פארדיענען ניט גענוג צו געבען זיי גענוג שפייז אין איצטיגען יקרות. אזוי האט דא ניט לאנג צוריק ערקלערט דער העלטה קאמישאנער דר. קאפלאנער.

ניט דעם ארבייטער נור דעם מענשען, דעם לעבען, דאָס בלוט און פלייש.

קיינער וואָלט ניט געווען געגען שטיק ארבייט, ווען מען וואָלט געקענט אָפּהיטען דעם מענשען פון דעם „סוחר" דעם ארבייטער, וואָס שטעקט אין יעדען מענשען.

דער שטיק ארבייטער קעמפּפט און ארבייט געגען זיך, געגען איינענעם איך. דער שטיק-ארבייטער פיהלט ניט ארבייטער מעסיג, ער פיהלט ווי א ביזנעסמאַן וועלכער פאַרקויפט סחורה צום עולם, אָבער דער אונטערשיעד איז וואָס דער ביזנעסמאַן פאַרקויפט אַזאַ סחורה וואָס איז אויסער איהם, עס איז ניט קיין אָרגאַנישער טייל פון זיין קערפּער, פון זיין לעבען, פון זיין איינענעם וועזען, אין דער צייט וואָס דער שטיק ארבייטער פאַרקויפט אַזאַ סאָרט סחורה וואָס קומט פון איהם אַליין, וואָס קען ניט אָפּגעטיילט ווערען און ניט אוועקגעלייגט ווערען אויף'ן פּאָליצע.

מען קען אָפּטמאָהל ניט פאַרדענקען דעם ארבייטער וואָס שטעלט העכער שטיק ארבייט, ווי וואָך ארבייט. די אויסזיכטען, די איבערפלעכליכע פאַרבלענדענעס מאַכט איהם דענקען אז ער איז פרייער, אז ער מאַכט מעהר געלד און אז דורך וואָך ארבייט וועט ער פאַרלירען עטליכע דאָלאַר.

דאָס איז אָבער די פּסיכאָלאָגיע פון א סוחר און ניט פון א מענשען, וואָס אַן ארבייטער דאַרף זיין פריהער פאַר אַלץ.

אין וואָס באַשטעהט די פרייהייט פון דעם שטיק ארבייטער אויב ניט אין די פרייהייט זיך צו יאָגען, האַווען, היילען, לויפען, שפּרינגען און אריינלויפען יונגערהייד אין דער אדמה?... וואָס איז די איילענעס, צו וואָס זיך יאָגען, צו וואָס אריינכאַפּען נאָך א צעהנדליג באַנדעלס, ווען מען קען ארבייטען ווי א מענש, נאַטירליך, און זיין אַזוי פריי ווי די יוניאָן מאַכט מענליך. די פרייהייט פון דעם ארבייטער באַשטעהט ניט און דאַרף ניט באַשטעהן אין דעם אז ער זאָל האָבען א רעכט זיך ארויסיאָגען די נשמה, גראַדע פאַרקעהרט, א יוניאָן עקזיסטירט כדי דער ארבייטער זאָל זיך ניט דאַרפען ארויסיאָגען די נשמה, וואָרום קיינער איז ניט אַזוי פאַראינטערעסירט אין דעם ארבייטערס יאָגעניש ווי דער באָס, און ווען דער ארבייטער יאָגט זיך אַליין ארויס די כחות, אפילו ווען ער קריעגט אביסעל מעהר געלד ענדע וואָך, האָט ער רייכער געמאַכט דעם באָס און ער איז אָרימער געוואָרען אין ענערגיע און אין כח.

די קלאָוקמאַכער האָבען איצט א געלעגענהייט אָפּצושאַפען פון זייער טרייד, דעם קאַמפּף געגען זיך אַליין. די הויפּט אורזאַכע פון די עקזיסטענץ פון א יוניאָן איז אָפּצושאַפען די האַלז-שניידענדע קאָנקורענציע צווישען די ארבייטער גופא, ווען א יוניאָן קען דאָס ניט טאָן איז דאָס קיין יוניאָן ניט. די אורזאַכע וואָרום ארבייטער אָרגאַניזירען זיך איז אז זיי זאָלען וויסען אז יעדער ארבייטער איז אַזאַ יחסן ווי דער צווייטער ווען די יוניאָן קומט פאַרהאַנדלען מיט'ן באָס וועגען ווידזשעס און קאָנדיציאָנען.

ווען אָבער עס בלייבט איבער אין שאָפּ די קאָנקורענציע, וועלכע מאַכט איין ארבייטער זיך איילען, יאָגען, לויפען, אריינצוכאַפּען נאָך עטליכע באַנדעלס, איז עס ניט נור א קאַמפּף געגען צווייטען ברודער-ארבייטער, נור עס איז א קאַמפּף געגען זיך אַליין.

אינגעבאָרג

א ראָמאַן פון ב. קעללערמאַן

(פאָרטזעצונג).

אָבער לאַנג האָט זיך נאָך געטראָגען צו מיר א יובלענדער גרוס פון דער ווייט, איך האָב אזוי לאַנג געענטפערט, ביז עס האָט זיך שוין מעהר גאָר נישט געהערט!

א גרויסאַרטיגער טאָג!

.32

דעם בריעף אויפגעשריבען, דעם מעדאַליאָן אוועקגעשיקט. פיעל שווערינקייטען האָט מיר פאַרשאַפט דער בריעף. איך שרייב אזוי זעלטען בריעף. דער דאָזיגער בריעף האָט ניט געטאָרט ענטהאַלטען אין זיך עפּעס טרויעריגעס, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך ניט עפּעס לייכטעס, שפּילעוודיגעס — איך האָב געהאַט אויף דעם א גוטען גרונד. און איך האָב געשריבען וועגען פּאַצאַ. אז פּאַצאַ איז אנטלאָפען, זעקס וואָכען זיך ארומגעשלעפּט און איצט זיך צוריקגעקעהרט. נאָר ער איז קראַנק און צוטראָגען. ער נעמט אפילו ברומען, ווען מען גלעט איהם. ער איז אויפגערעגט, ווי אַן אמת'ער חולה. עס האָבען זיך ביי איהם באַוויזען קנייטשען צווישען די ברעמען. א פאַלשטענדיג פאַרצאָגט געזיכט. אָבער איך האָף, אז אין גיכען וועט ער זיך ערהאָלען. און צום סוף — טויזענדער, טויזענדער גליקוואונשען צו אייך, מיינע טייערע פריינד.

איין נאָט ווייס, אז איך האָב ניט געקענט וועגען עפּעס אַנדערש שרייבען. דער בריעף איז אויפגעשריבען, דער מעדאַליאָן — אוועקגעשיקט. גערן וואָלט איך איהם איבערגעלאָזען ביי זיך. מיט ליעבע האָב איך איהם באַטראַכט, איידער איך האָב איהם איינגעפּאַקט. אינגעבאָרג האָט געהאַט קאַרל'ן און איך — דעם מעדאַליאָן, אָבער אינגעבאָרג האָט איהם געדאַרפט האָבען... אויסגעצייכענט.

א קליינע וואַזע פון גרינעם גלאָז איז ביי מיר נאָך פאַרבליבען פון אינגעבאָרג.

אַלע איבריגע זאַכען זיינען פאַרשלאָסען אין די צימערן. די דאָזיגע צימערן זיינען געווען פאַרשלאָסען אויף אייביג און די שליסלען צו זיי זיינען געלעגען אין דער שראַנק צוזאַמען מיט אַלטע קליידער.

א נייַ לעבען האָט געדאַרפט אויפשטעהן! אָבער דאָס גרינע וואַזעלע האָב איך איבערגעלאָזען. עס איז געשטאַנען אויף דער פּיאַנאָ און שטענדיג, ווען איך פלעג פאַרביינגעהן, האָב איך עס געזעהן. זיין פאָרם און קאָליר זיינען געווען פון א ניט-צייטיגער ציטרין, מיט א גאָלדענעם שטרייף ארום דעם ברעג.

טעג זיינען פאַראיבער.

איך האָב געטראַכט, אפשר וועט אין גיכען קומען א נייער בריעף פון אינגעבאָרג. „איך האָב ערהאַלטען דיין בריעף און דעם מעדאַליאָן", — וועט זי זיכער שרייבען.

איך בין געזעסען אין צימער און געוואַרט אויף א בריעף, אָדער איך בין אוועק אין וואַלד און צוריקגעקומען מיט דער האָפנונג, אז עס איז אָנגעקומען א בריעף פון אינגעבאָרג.

טעג זיינען פאַראיבער. טרויעריגע טעג. דער ווינד האָט געיאָמערט און געוואָרפען קויטיגע בלעטער, און זיי האָבען זיך צוגעקלעפּט צו די שויבען. פאַרוועלקטע בלעטער פון די וועלדער האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אויף דער לאַנקע פאַר'ן הויז און געדרעהט זיך אין א טאַנץ. עס האָט זיך געבילדעט א הויכער, זיך דרעהענדיגער זייל, וואָס פלעגט אָנהויבען צו טאַנצען, און טאַנצענדיגערהייט אוועקשפּאַנען אין וואַלד אריין. די בוימער זיינען געשטאַנען אָהן בלעטער, און מיט אמאָל האָט זיך צווישען די הוילע בלעטער באַוויזען דער קלאָגענטורם פון דער קירך. מען האָט שוין מעהר ניט געזעהן קיין בלומען: אַלץ איז פאַרוועלקט און פאַרפוילט געוואָרען.

א גרויסער, שוואַרצער ראָב האָט זיך געוויגט אין דער הויך אויף א צווייג; א בלויער רויך האָט זיך אויפגעהויבען פון וואַלד פון א קליינעם פייער.

שווערע וואָלקען האָבען זיך געשלעפּט איבער די בערג; זיי זיינען געבליבען שטעקען אין דער הויך, און טיילמאָל האָט טאָג און נאַכט געגאָסען א רעגען, ווי א מבול; עס האָט זיך געדאַכט, אז ער וועט אראָפּשווענקען דעם שלאָס.

אָפּטמאָל איז אין שטוב אריינגעקומען די אַלטע מאַרי. איך האָב געקוקט אויף איהרע הענד; קיין בריעף איז ניט געווען.

גערולד, גערולד! אינגעבאָרג איז זעהר פאַרנומען... האָט זי דאָך אַליין וועגען דעם געשריבען „דאָס לערנען פאַרנעמט כמעט מיין גאַנצען טאָג. איך האָב א זעהר טאַלאַנטפולען לעהרער, א קאָמפּאָזיטאָר, קאַרל'ס א פריינד. ער איז איצט פאַרנומען מיט'ן שרייבען א נייע אָפּערע; ער איז זעהר שטרענג און מיר קומט אוים פיעל צו ארבייטען".

זי וועט, אָבער, פאָרט געפינען אמאָל א ביסעל פרייע צייט.

איך האָב פאַרבראַכט די טעג אין דער ביבליאָטעק. איך האָב געהאַט א רייכע ביבליאָטעק. אונצעהליגע וואונדער זיינען באַהאַלטען אין ביכער!

וואָס איז געשעהן מיט פּאַצאַ'ן?

— וואָס איז מיט דיר, פּאַצאַ?

— פּאַצאַ ליגט אויפ'ן טעפּיך בײם קאַמין און עפענט די אויגען. ער איז קראַנק און פאַרגליווערט איז זיין בליק. ער עסט כמעט גאָרנישט און איז שרעקליך אָפּגעצעהרט געוואָרען. ער איז אזוי שוואַך, אז ער קען קוים אויפשפּיצען די אויערען און א דרעה טאָן מיט'ן עק.

ווען איך ריהר זיך צו איהם צו, שטעלען זיך זיינע האָר אויף דער פּלייצע אויף און ער נעמט מיט כעס ברומען. קיינער האָט ניט געוואַגט פאַרביינגעהן פאַרביי איהם, און געגעסען האָט ער בלויז פון מיין האַנד. ווען די דינסט איז אריינגעקומען אין צימער אונטערצולייגען האָלץ אין קאַמין, האָט ער בייז צושפּרייט זיינע נאָזלעכער און באַוויזען די ציין.

פּאַצאַ'ס געזונדהייטס-צושטאַנד האָט מיך זעהר באַאומרוהיגט, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט עס מיך אביסעל צערשטרייט. איך בין ארומגעגאַנגען ארום איהם ווי א מוטער געהט ארום ארום איהר קינד.

— אַלץ וועט זיך אויסלאָזען גוט, ליעבער פּאַצאַ, האָב נאָר אביסעל גערולד! — פלעג איך זאָגען און צוזעצען זיך צו איהם אויף די קני. — האָב נאָר גערולד, מיין ליעבער.

אָבער עס איז איהם ניט בעסער געוואָרען, קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען, און אין איין שטורמדיגער נאַכט, איז פּאַצאַ פּלוצים אויפגעשפּרונגען און הויך זיך צובולען. דאָס איז געווען א פאַרשטיקט בילען, א ווילדס און א הונגעריגס.

איך בין געזעסען ביים שרייב-טיש און געלעזען. איך בין געזעסען און געלעזען די ביבעל. דערנעבען איז געשטאַנען דער לייכטער, און פון מיר איז געפאַלען אויף דער וואַנט א גרויסער, פאַנטאַסטישער שאָטען.

אפשר האָט זיך פּאַצאַ דערשראָקען פאַר'ן שאָטען אָדער פאַר'ן רוישען פון די צווייגען אונטער'ן פענסטער.

איך האָב גענומען באַרוהיגען פּאַצאַ'ן, איך האָב איהם אָנגערופען מיט די צערטליכסטע נעמען.

אָבער פּאַצאַ האָט נאָך אמאָל א ביל געטאָן; דאָס מאָל האָט ער געבולען בייז, שרעקליך און זאָנדערבאַר. א קעלט איז דורכגעלאָפען דורך מיין פּלייצע.

— רוהיג, פּאַצאַ! — האָב איך א געשריי געטאָן.

דער אויסגעצעהרטער פּאַצאַ איז געשטאַנען אויף די הויכע דינע פיס און ווי א בארשט האָט אויסגעזעהן זיין פעל. זיינע אויגען האָבען געלויכטען מיט א גרין-געלבען גלאַנץ, ווי ביי א קאַץ. שפּייעכץ האָט געטריפט פון זיין מויל און געפאַלען אויפ'ן דיל.

דאָס איז געווען...

ווי נאָר איך האָב זיך א ריהר געטאָן, האָט ער אויפגעהויבען זיין קאָפּ אין דער הויך; דער אויבערשטער טייל פון זיין מויל האָט א גלאַנץ געטאָן. ער האָט אָנגעהויבען ארומצושמעקען ווי א קאַץ.

„פּאַצאַ איז משוגע געוואָרען!" — האָב איך א טראַכט געטאָן. א טרויער האָט שיער ניט ארומגענומען מיין האַרץ. דאָס איז געשעהן אזוי אונערוואַרטעט! מיט גרוים מיה איז מיר געלונגען ניט צו פאַלען פאַר'ן הונט אויף די קני און ארומנעמען איהם.

מיט אמאָל האָט פּאַצאַ, אראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ און מיט אויגען, וואָס האָבען געלויכטען ווי בריליאַנטען, זיך א וואַרף געטאָן אויף מיר. דאָס האָט מען געדאַרפט ערוואַרטען.

איך האָב א כאַפּ געטאָן א בוך פון שרייב-טיש און מיט אַלע כוחות עס א וואַרף געטאָן אין זיין קאָפּ אריין. פּאַצאַ איז אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק און הויך זיך צובולען.

דערנאָך האָב איך ארויסגענומען דעם רעוואָלווער.

— קום אהער, מיין ליעבער פּאַצאַ! — האָב איך געזאָגט און געציעלט זיך אין זיין קאָפּ. טרערען האָבען פאַרנעפּעלט מיין בליק.

איך האָב אויסגעשאָסען, פּאַצאַ איז אָפּגעשפּרונגען אָן א זייט, א וויג געטאָן זיך און געפאַלען צום דיל. איך האָב אריינגעלאָזען נאָך א קויל איהם אין אויער אריין. ער האָט א צאַפּעל געטאָן, צושפּרייט די פיס און פאַרוואָרפען דעם קאָפּ אויף הינטען. ער איז געווען טויט. די אויגען האָבען געקוקט מיט א פאַרגלייווערטען, גלעזערנעם בליק.

ענטשיידונג וועגען דעם בראָנזווילער האָספּיטאַל

פערציג פאָרטרעטער פון בראָנזווילער אָרגאַניזאַציאָנען האָבען אָבגעהאַלטען א קאָנפערענץ און ערוועהלט א קאָמיטע צו אונטערזוכען די פיהרונגען פון דער בראָנזווילער האָספּיטאַל סאָסייטי.

די קאָמיטע האָט געבראַכט איהר רעפּאָרט מיט איינינע רעקאָמענדאַציעס צו דער האָספּיטאַל סאָסייטי.

דיזער קאָנפערענץ איז גערופען געוואָרען נאָך דעם ווי פאַרשידענע פיינדליכע עלעמענטען צום האָספּיטאַל האָבען פאַרשפּרייט קלאַנגען געגען די בעאַמטע פון האָספּיטאַל.

פיער מאָל האָבען די פאָרטרעטער פון די אָרגאַניזאַציאָנען געמיטעט און אויסגעהערט אַלע צדדים. אם לעצטען האָט די אונטערזוכונגס קאָמיטע אריינגעבראַכט איהר רעפּאָרט אין וועלכען זי זאָגט:

„מיר האָבען ניט געפונען עטוואָס וואָס זאָל באַרעכטיגען א חשד אויף די עהרליכקייט פון די בעאַמטע אָדער די דירעקטאָרען פון האָספּיטאַל".

דערמיט האָבען די פאָרטרעטער פון אַלע בראָנזווילער אָרגאַניזאַציאָנען איין מאָל פאַר אַלע מאָל ארויסגעזאָגט זיך געגען די פאַרלוימדער פון דער בראָנזווילער האָספּיטאַל באַוועגונג.

אויך האָט די פינאַנס קאָמיטע אָפּגעגעבען א באַריכט, דאָס אין אַלע ביכער און רעסיטס איז ניטאָ קיין איין טעות זאָגאַר וועגען א סענט. אַלעס איז אין בעסטען אָרדנונג.

די אַלע באַריכטען ציינען, דאָס די פאַרלוימדונג אויף די בראָנזוויל האָספּיטאַל סאָסייטי קומען בלויז פון „קרענקס" און פון מענשען, וואָס האָבען פּערזענליכע אינטערעסען אין דער שטערונג פאַרטיג צו מאַכען דעם האָספּיטאַל.

אויף דער געביידע פון האָספּיטאַל ווערט איצט ענערגיש געאַרבייט. מען האַלט אין פאַרענדיגען דעם האָספּיטאַל און אין גיכען וועט די בילדינג פאַרטיג זיין.

דעם 22טען דזשון וועט א גאַנצען טאָג זיין א פּיק-ניק אויף די גראָז לעבען האָספּיטאַל, און גאַנץ בראָנזוויל וועט זיך משמח זיין.

וואָרם נעגען דער אָפּשאַפונג פון ביער:

„עס איז ניט אַ פראַגע פון רעכט אָדער אונרעכט. עס איז ניט אַ פראַגע, צי מיר זיינען מסכים אָדער ניט צו דעם טרינקען פון ביער. דאָס איז זיין (דעם ארבייטער'ס) געוואוינהייט.

„און ווען איהר פארגוואלדיגט א מענשען'ס געוואוינהייט, וואָס פּאַסירט דאַן?

„איהר מאכט איהם צורודערט און אונרוהיג. דאָס צושטערען פון איין געוואוינהייט צושטערט אויך אַנדערע. און איהר געפינט, אז דער מענש, וואָס איז ביז איצט געווען צופריעדען צו ארבייטען, ווי ער האָט געאַרבייט ביז איצט, צו געהן בייבאַכט אַהיים און רוהען אָדער לייענען, ווערט אונרוהיג און אונצופריעדען.

„אנשטאַט זיך אויסצורוהען און לייענען, געהט ער ארויס אין גאַס. דארט טרעפט ער אַנדערע מענשען, פונקט אזוי אונרוהיג און אונצופריעדען, ווי ער, און ווען עס קומען אין רייבונג זייערע געגענזייטיגע קריוודעס, קומען אַרויס פונקען, און, מאַנכעס מאָל, גאר פייער.

„איך האָב געהערט זאָגען, און איך גלויב עס, אַז די געבורט פון די באָלשעוויקעס שטאַמט פון דאָס פאַרווערען טרינקען. שעדליך, ווי די וואָדקא איז געווען, זי האָט אבער געהאָלפען דעם בויער צו געפינען אַן ענדערונג אין דער שטומפיגער איינטאָניגקייט פון זיין לעבען. אָהן די וואָדקא האָט ער געפונען בלויז טראַבעל און פיין, און דעם וואונש ארונטערצורייסען דאָס, וואָס ער קען ניט צוריק אויסבויען. און היינט ליגט רוסלאַנד אַ בלוטענדע און געפייניגטע.

„דאָס איז געווען אַ צו גרויסער פרייז צו באַצאָהלען."

אין אַנדערע ווערטער קען עס מיינען אָט-וואָס: אזוי לאַנג ווי רוסלאַנד איז געווען פאַר'שיכור'ט פון בראָנפען, האָט דער פאַרפלוכטער דעספּאָטיזם געדייהעט און געבליהט, און האָט פון דעם געצויגען זיין מורא'דיגע מאַכט. אזוי שנעל אָבער ווי רוסלאַנד האָט אויפגעהערט צו שכור'ען, און איז געוואָרען נ י כ ט ע ר, איז געקומען, אַלס רעזולטאַט, דער באָלשעוויזם. דאָס הייסט, אַז די אויסניכטערונג פון דעם רוסישען מוזשיק האָט געבראַכט דעם באָלשעוויזם אין רוסלאַנד.

איז דאָס ווירקליך ניט דער גרעסטער קאָמפּלימענט פאַר'ן באָלשעוויזם? זיכער, אַ געזעלשאַפט-סיסטעם, וואָס קומט פון דעם פאַקט, וואָס אַ פאָלק ווערט אויסגעניכטערט, וואָס אַ פאָלק קומט צום באַוואוסטזיין פון זיינע צרות און פיין, קען ניט זיין קיין זעהר שלעכטע, אפילו ווען דערביי זאָלען מוזען פאַרקומען פּאַסירונגען און ערשיינונגען, וועלכע מיר וואָלטען בעסער געוואָלט, אַז זיי זאָלען ניט זיין. אָט אויף אזא אופן האָט גאָמפּערס, ניט ווילענדיג, געגעבען דעם שענסטען קאָמפּלימענט דעם פאַרהאַסטען באָלשעוויזם.

דאָס קומט געוועהנליך פאָר, ווען איינער איז באַזעסען פון אַ שטאַרקער פיינדשאַפט אָדער ליעבע צו וועמען עס איז, אָדער צו וואָס-עס-איז. עס איז שוין אונפאַרמיידליך, אַז אין אַלץ זאָל ער אריינציהען זיין פאַרהאַסטען, אָדער געליעבטען געגענשטאַנד. און דערביי קומען פאָר גאָר מאָדנע קוריאָזען. און נאָך אזא קוריאָז האָט פּאַסירט מיט גאָמפּערס.

אין זיין אַרגומענטאַציע פאַר דער קאָנווענשאָן פאַר ביער האָט פּרעזידענט גאָמפּערס ערקלעהרט, אַז אייגענטליך איז די גאַנצע פּראָהיבישאָן-ביזנעס אַן אונזין. אַז די פאַרוועהרונג פאַרוועהרט ניט; אַז לויט ווי עס איז באַוויזען געוואָרען אין רוסלאַנד, האָט זיך שיכרות גאָר פאַרמעהרט זייט דער אוקאַז געגען „וואָדקאַ" איז אַרויסגעגעבען געוואָרען. און גאָמפּערס אַליין האָט גאָר ניט געמערקט, אַז די דאָזיגע לעצטע באַהויפּטונג וואַרפט דאָך אין גאַנצען אום די השערה, אַז דער באָלשעוויזם איז אַ רעזולטאַט פון ניכטערקייט, ווייל אויב דער געזעץ געגען וואָדקאַ האָט ניט געהאַט קיין ווירקונג, איז דאָך רוסלאַנד קיינמאָל ניט ניכטער געוואָרען.

דאָס איז אָבער אגב אורחא. דער תוך פון דער זאַך איז, אַז אין אונזער איצטיגער צייט קענט איהר ניט אָנריהרען אירגענד אַ פראַגע, מעג זי זיין ווי אונשולדיג, און עס זאָל ניט אַריינגעשלעפּט ווערען אין אַ ויכוח די סאַמע ברענענדיגסטע פראַגע פון אונזער צייט; די גרויסע, געוואַלדיגע ענדערונג אין אונזער לעבען, וואָס האַלט זיך אין וועבען.

די מוני-אַנגעלעגענהייט און סעקרעטערי אָוו לייבאָר דזשיימס ב. ווילסאָן'ס רעדע.

אין מאַנכע פונקטען איז עס געווען אַ גוטע, אַן אמת דורכגעטראַכטע רעדע. זי האָט ענטהאַלטען אַ שטאַרקע פאַרטיידיגונג פאַר דעמאָקראַטיע, און פאַר וואָס מיר זיינען אַריין אין דער מלחמה. מיט פיעלעס פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, קען מען איינפאַרשטאַנדען זיין, כאָטש נאָר אין געוויסע גרענעצען. מיר וועלען זיך צו דעם צוריקקעהרען, ווען מיר וועלען איבערגעבען זיינע הויפּט-אַרגומענטען פאַר דעמאָקראַטיע און וועלען אָנווייזען, ווי ווייט מען קען מיט איהם געהן צוזאַמען און וואו עס צושיידען זיך אונזערע וועגען.

דאָס זעלבע אויך וועגען דעם פונקט: באָלשעוויזם, וועלכען ער האָט שאַרף קריטיקירט, און מיט פולען רעכט, כאָטש, ווי עס שיינט, זעהט ער ניט אָדער וויל ניט זעהן אויך די צווייטע זייט פון מעדאַל.

אין דעם פונקט אָבער פון מוני איז ער אַרויס פראַנק און פריי פאַר אַ צווייטען טרייעל פאַר מוני'ן, ערקלעהרענדיג, אַז אַלעס, וואָס מען האָט אויסגעפונען נאָך דעם, ווי מוני איז שוין פאַראורטיילט געוואָרען צום טויט, רופט אַרויס אַ שטאַרקען צווייפעל, אויב מוני האָט געקראָגען אַן עהרליכען טרייעל. ער האָט אויך ערקלעהרט, אַז די רעגירונג האָט ביז איצט שטאַרק געאַרבייט פאַר דעם, און אַרבייט נאָך אויך איצט, אַז מוני זאָל קריגען אַ נייעם טרייעל. ער איז אָבער אַרויס ענטשידען געגען דער באַוועגונג פון אַ דזשענעראַל-סטרייק פאַר דעם.

נאַטירליך, אַז דער סעקרעטערי אָוו לייבאָר קומט אַרויס אַליין מיט אַן ערקלעהרונג, אַז עס האַלט דערביי, אַז מוני זאָל קריגען אַ נייעם טרייעל מוז די דזשענעראַל סטרייק-אידעע פאַר אַ צייט אויפגעגעבען ווערען. מען האָט דאָך ניט בדעה צו סטרייקען לשם סטרייק. דער סטרייק באַצוועקט דאָך נאָר, אַז מוני זאָל קריגען אַ נייעם טרייעל. און אויב דאָס קען אויסגעפיהרט ווערען אָהן אַ דזשענעראַל סטרייק, איז אדרבה ואדרבה. ווי אָבער זאָל זיין, אַז די רעגירונג זאָל האָבען אין דער הינזיכט אזא קנאַפּען ערפאָלג, ווי ביז איצט — וואָס דאַן? לויט דער מיינונג פון סעקרעטערי אָוו לייבאָר, איז דער דזשענעראַל סטרייק קיינמאָל ניט גוט. אָבער שטעלט זיך אַ פראַגע: האָבען דען די אַרבייטער אַן אַנדער וואָפע? און איבערלאָזען מוני'ן צו זיין שיקזאַל צו ווערען באַגראָבען לעבעדיגערהייד, דאָס קענען זיי דאָך אויך ניט, ניט אזוי צוליעב מוני'ן ווי צוליעב זיך, צוליעב זייער אייגענער זיכערהייט פון אזא שיקזאַל, ווי עס האָט געטראָפען מיט מוני'ן. וואָס זשע איז צו טאָן?

אויף דעם האָט סעקרעטערי אָוו לייבאָר ווילסאָן ניט געענטפערט, און דערפאַר האָט זיין רעדע ניט געמאַכט די געווינשטע ווירקונג.

מיר ווייסען נאָך ניט וואָס פאַר אַ באַשלוס די קאָנווענשאָן וועט אָננעהמען אין דעם מוני-פאַל. עס איז נאָך דערצו ניט געקומען. די פראַגע וועט אָבער פאָרקומען, און אַ באַשלוס וועט מוזען געפאַסט ווערען, און עס שיינט אונז, אויב מיר האָבען ניט קיין טעות אין דעם הערשענדען גייסט פון דער קאָנווענשאָן, אַז דער באַשלוס וועט זיין, וועט מוזען זיין, אַז אויב די רעגירונג וועט זיך אַרויסווייזען אזוי ערפאָלגרייך ווי ביז איצט אין דער אויספיהרונג פון דעם פאַרלאַנג פון גאַנצען לאַנד, יאָ, פון דער גאַנצער וועלט, אַז מוני און בילינגס זאָלען קריגען אַ נייעם פּראָצעס, וועלען די אַרבייטער, די אָרגאַניזירטע אַרבייטער פון אַמעריקאַ, ניט האָבען קיין אַנדער ברירה ווי צו נעהמען צו הילף זייער איינציגע וואָפע, און דורך אַ דזשענעראַל-סטרייק פועל'ען גערעכטיגקייט פאַר די קרבנות פון אַ קאָרופּטער יוסטיץ-סיסטעם.

רעקאָנסטרוקציאָנס פּראָבלעמען

פון א. זעלדין.

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 20, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

.1

אימיצער האָט זיך אויסגעדריקט: דער גאַנג פון דער געשיכטע הענגט איצט גאָר פיעל אָפּ פון דעם, ווי אזוי די שטאַאַטסלייט און פּאָליטיקער וועלען זיך אָפּרופען אויף די רעקאָנסטרוקציאָנס פּראָבלעמען.

דער אמת פון אָט דער באַהויפּטונג ווערט וואָס ווייטער אַלץ מעהר קלאָר. עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז דער גרויסער טייל פון דער רעוואָלוציאָנערער אומרוהיגקייט אויף דער וועלט נעמט זיך דערפון, וואָס די שטאַאַטסלייט און פּאָליטיקער האָבען, אַנשטאַט איבערצובויען די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, זיך גענומען זי צוריקברענגען צו איהר פריהערדיגען צושטאַנד מיט אַלע איהרע פעהלערן. מעגען די רעאַקציאָנערען און זייער פּרעסע הייזעריג ווערען שרייענדיג, אַז די אומרוהען ווערען קינסטליך אַרויסגערופען פון „דייטשע אַגענטען", „באָלשעוויקעס", „פאַרברעכערישע עלעמענטען", און אזוי ווייטער, וועט דער פאַקט אַלץ בלייבען, אַז דער גרונד-וואָרצעל פון דער וועלט-אומרוהיגקייט איז די אומצופריעדענהייט פון די ברייטע מאַסען פּראָלעטאַריער. דעם פאַקט מוז אַנערקענען יעדער איינער וואָס האָט נאָר דעם קוראַזש צו קוקען די פאַקטען גלייך אין די אויגען.

די פּסיכאָלאָגישע ווירקונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע אויף דעם איצטיגען רעוואָלוציאָנערען צושטאַנד אויף דער וועלט איז געווען אונגעהייער גרויס, אָבער עס וואָלט געווען פאַלש צו באַהויפּטען אַז די רוסישע רעוואָלוציע האָט געשאַפען די אומצופרידענהייט. די רוסישע רעוואָלוציע האָט די אומצופרידענע עלעמענטען ערמונטערט, זיי געגעבען נייע האָפנונגען, אַ נייעם חשק צום קאַמף; די אומצופרידענהייט, וועלכע איז געווען דער פאָטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע זעלבסט, האָט געהערשט פריהער אויך. זי איז געווען איינגעוואָרצעלט אינ'ם סדר העולם. יעדער ערוואַקסענער מענש געדענקט נאָך מן הסתם, אַז פאַר דער מלחמה און פאַר דער רעוואָלוציע זיינען אויך פאָרגעקומען פּראָטעסטען און סטרייקס, אומרוהען און אויפשטאַנדען. דער אונטערשיעד איז נאָר דער, וואָס פאַר דער מלחמה האָט מען אָט דאָס אָנגענומען אַלס גאַנץ געוועהנליכע, נ א ר מ א ל ע ערשיינונגען, וועהרענד איצט ווערען זיי באַטראַכט פון די וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אויפצוהאַלטען די אַלטע אָרדנונג אַלס אַ ג ע פ א ה ר.

און זיי זיינען באמת אַ געפאַהר, ווייל די מלחמה האָט צוטרייסעלט דעם גאַנצען געזעלשאַפטליכען מעכאַניזם. מען קען שוין איצט באמת ניט ריידען וועגען דער „עקזיסטירענדער אָרדנונג", ווייל עס איז איצט פאַקטיש ניטאָ קיין שטאַנדהאַפטיגע אָרדנונג אויף דער וועלט. מען קען איצט בלויז ריידען וועגען דער א ל ט ע ר אָרדנונג וואָס שטאַרבט צוביסלעך אָפּ און וועגען דער נ י י ע ר אָרדנונג, וואָס פאַרנעמט צוביסלאַך דעם פּלאַץ פון דער אַלטער. אָט דעם איבערגאַנג פון דער אַלטער אין דער נייער אָרדנונג האָט מען אַ נאָמען געגעבען אַלס „רעקאָנסטרוקציאָנס פּעריאָד", אָדער דער פּעריאָד פון איבערבויען. די רעקאָנסטרוקציאָנס-פּראָבלעמען זיינען די פּראָבלעמען וואָס זיינען פאַרבונדען מיט אָט דעם פּעריאָד.

צווישען די וואָס גלויבען איצט, אַז די צייט איז געקומען ווען דער גאַנצער געזעלשאַפטליכער בנין דאַרף איבערגעבויט ווערען זיינען ניט בלויז סאָציאַליסטען פון אַלע מינים און שאַטירונגען, נאָר אַ סך פון די ליבעראַלען און אַפילו אייניגע פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטען. זיי געהען זיך פאַנאַנדער וועגען דעם כאַראַקטער פון דעם פונדאַמענט פאַר דער נייער געביידע. מאַנכע דיינקען, אַז כדי די נייע געביידע זאָל האָבען אַ קיום איז נויטיג אַוועקצולייגען פון אָנפאַנג אַ נייעם פונדאַמענט. אַנדערע ווידער זיינען פון דער מיינונג, אַז מען קען בויען אויף דעם אַלטען פונדאַמענט, אָבער אַז מען דאַרף דעם פונדאַמענט בלויז פאַרשטאַרקען אין געוויסע פּלעצער. אָבער עס איז נאָך דאָ אַ גאַנץ היבשער טייל אין אונזער געזעלשאַפט — הויפּטזעכליך אין אַמעריקאַ — וועלכער איז פיינדליך צו אַלץ וואָס איז ניי. דעם עלעמענט געפינט מען ניט נאָר צווישען די צופרידענע און זאַטע אין דער איצטיגער געזעלשאַפט, נאָר אַפילו צווישען די קאָנסערוואַטיווע יוניאָן לייט און זייערע פיהרער. די מענשען האָבען אָבער אַ טבע ניט צו קוקען די פאַקטען גלייך אין די אויגען, אָבער זיי וועלען סוף כל סוף קומען צום שכל דורך דער מאַכט פון די אומשטענדן.

אין דעם אַרטיקעל און אין די פאָלגענדע וועלען מיר פּראָבירען אַרומריידען אָט די אומשטענדן, וועלכע האָבען שוין געבראַכט און מוזען ברייגנען גרויסע סאָציאַלע ענדערונגען אויף דער וועלט.

מיר וועלען פּרובירען אָנווייזען אויף די גרויסע סאָציאַלע איבלען וואָס האָבען זיך אָנגעזאַמעלט אויף דער וועלט פון פריהער און וועלכע זיינען איצט פאַרשאַרפט געוואָרען. אָט די פּראָבלעמען באַשעפטיגען שוין דעם געזעלשאַפטליכען מח און וועלען איהם נאָך מעהר באַשעפטיגען אין דער צוקונפט און עס וועט דעריבער זיין כדאי מיט זיי זיך שוין באַקענען.

פון אָנפאַנג האָבען אַ סך מענשען אין דער וועלט געוואוסט, אַז אָט די פּראָבלעמען וועלען קענען געלייזט ווערען אויף אַ פרידליכען אופן. די האָפנונג איז אַ סך פאַרשטאַרקט געוואָרען פון דעם אידעאַליזם וואָס אַמעריקאַ און איהר פּרעזידענט, וואודראָו ווילסאָן, האָבען אַריינגעבראַכט אין דער מלחמה. די האָפנונג אויף פּרעזידענט ווילסאָן'ס אידעאַלען איינפלוס אויף דער וועלט איז לעצטענס שוואַכער געוואָרען, אָבער דאָס מיינט ניט, אַז די רעקאָנסטרוקציאָנס-פּראָבלעמען קענען פאַרבייגעגאַנגען ווערען. די געזעלשאַפט וועט זיי דאַרפען פאַרענטפערען, צי מיט גוטען, צי מיט בייזען.

די פּראָבלעם פון אַלע פּראָבלעמען, איז איצט די עקאָנאָמישע פראַגע.

איבעראַל וואו עס ברעכט אויס אַ גרויסע סטרייק-באַוועגונג, זאָל עס זיין אין קענעדע, צי אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד צי אין דייטשלאַנד, וועט איהר זיכער געפינען, אַז די הויפּט אורזאַכע פון דער אומצופרידענהייט איז דער יקרות אויף לעבענס נויטווענדיגקייטען. פון דער גאַנצער וועלט הערט מען איין געשריי — יקרות. עס איז אַ יקרות אויף שפּייז, אַ יקרות אויף קליידער, אַ יקרות אויף דירות.

אַז די פּראָבלעם פון יקרות איז גאָר אַ שווערע און גאָר אַ ערנסטע, דאָס לייקענט קיינער ניט. דער חסרון איז נאָר דער, וואָס זעהר וועניג מענשען נעהמען זיך די מיה אויסצוגעפינען די אמת'ע אורזאַכען פון דעם איצטיגען שרעקליכען יקרות און ניט אַלע די וואָס ווייסען ווילען אָנגעבען די ריכטיגע רפואה פאַר איהם. עס לוינט זיך זיי פּשוט ניט דאָס צו טאָן, ווייל דאָס וואָלט געשעדיגט זייערע אינטערעסען. ווען ניט ווען הערט מען יאָ אימיצען אַרויסקומען מיט אַן אמת וואָרט, אָבער זיין קול ווערט פאַרלאָרען ווי אין אַ מדבר. די גרויסע צייטונגען, וועלכע ווערען געלייענט פון גרויסען עולם, פאַרשווייגען עס געוועהנליך. די פּאָליטיקער און שטאַאַטסלייט ריידען וועגען דעם געוועהנליך מיט אַ האַלבען מויל. זיי שפּיעלען אַ שטרויס-פּאָליטיק. זיי מיינען, אַז ווען זיי וועלען צומאַכען די אויגען פאַר דער געפאַהר וועט די געפאַהר זיי ניט זעהן און זיי פאַרבייגעהן. אָבער דאָס, פאַרשטעהט זיך, וועט ניט העלפען. אויב אָט די פּאָליטיק האָט געקענט ווירקען מיט עטליכע יאָהר צוריק, וועט זי אָבער ניט קענען גילטען איצט, ווען די וועלט איז אַרויס פון דער קאָלעע.

פאַר דער מלחמה איז דער געזעלשאַפטליכער קערפּער געווען קראַנק גענוג, אָבער די מערסטע מענשען האָבען זיך אזוי שטאַרק צוגעוואוינט צום קראַנקען צושטאַנד, אַז זיי האָבען געמיינט אַז ער איז נ א ר מ א ל. איצט אָבער לעבען מיר איבער אַ קריזיס. עס איז געקומען אַ צייט, אַז די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע זאָל ענטוועדער געזונט ווערען, אָדער זי זאָל זיך אויפלייזען.

וויכטיג פאַר די סאַניטיישאָן קאָמיטעס

אַלס אַנערקענונג פאַר דער גוטער אַרבייט פון אונזערע סאַניטיישאָן קאָמיטיס, וועט די באָאַרד אויף סאַניטאַרי קאָנטראָל אונטער דער אויפזיכט פון דר. ג. מ. פּרייס געבען פאַר זיי אַן אויטינג זונטאָג, דעם 29טען דזשון.

לאַנטש וועט זיין געגרייט אין וואַלד און אַ קאָנפערענץ וועגען דער צוקונפטיגער טעטיגקייט פון אונזערע קאָמיטעס וועט נאָכהער אָפּגעהאַלטען ווערען.

פאַר איינצעלהייטען זאָלען זיך די קאָמיטעס ווענדען צו מיסס עליזאַבעט כאָדזאַנאָוויטש, שבת אָדער מאָנטאָג גלייך נאָך דער אַרבייט: באָאַרד אָוו סאַניטאַרי קאָנטראָל, 31 יוניאָן סקוועער, נ. י.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly.

Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union office, 31 Union Square, New York, N. Y.

B. SCHLESINGER, President — **S. YANOFSKY, Editor**
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — **E. LIEBERMAN, Business Mgr.**

Subscription price paid in advance, $1 per year.

Vol. I. No. 23 — Friday, June 20, 1919

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

די דעלעגאציע פון דער א. ל. ג. וו. י. אויף דער קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל.

זעקס זיינען זיי: ב. שלעזינגער, **פרעזידענט** פון דער „אינטערנעשאנאל"; **מאקס** גארנשטיין, פון דער קאטערס יוניאן לאקאל 10; י. פיינבערג, טשערמאן פון ניו יארקער דזשאינט באארד פון דער קלאוק, סקירט און ריפער-מאכער יוניאנס; דזש. העלער, סעקרעטער פון לאקאל 17; מאלי פרידמאן, פון דער ליידיעס דרעס און וויסט מאכערס יוניאן לאקאל 25, און אלפרעד לאפארטע, פון דעם איטאליענישען לאקאל 48.

אונזער דעלעגאציע, מיט רעכט אדער אונרעכט, האט א שם צווישען די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן אלס א „ראדיקאלע". זי האט אויף דער לעצטער קאנווענשאן אין סט. פאול אביסעל צוגעזינדיגט: זי האט זיך אנגענומען פאר די אמאלגאמייטעד געגען די יונייטעד גארמענט וואירקערס, וועלכע זיינען אויף דער קאנווענשאן פון דער פעדריישאן נאך אלץ א מאכט, כאטש אין דער ארבייטער באוועגונג אין אונזערע מקומות זיינען זיי שוין לאנג טויט. א חוץ דעם האט ב. שלעזינגער אין א דעבאטע ערלויבט זיך צו זאגען א גוט ווארט צו גונסטען פון די סאציאליסטען אין אייראפא, וועלכע זיינען כאראקטעריזירט געווארען אין א רעפארט פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער פעדריישאן אלס „פראפעסיאנעלע פאליטישענס".

די דאזיגע אלע זינד זיינען אויף דער קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל. באגאנגען געווארען לעצטען יאהר. אבער די דאפפי'ס און די אנדערע שטענדיגע דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן האבען א גוטען זכרון, און פאלגליך איז אונזער דעלעגאציע ניט זעהר גוט פארשריבען ביי דער „מאשין", אויב אזעלכע איז דא, און וואס מיר האבען פארזיכערונג פון געניטערע פון אונז, אז ניט נאר איז זי דא, נאר אז זי ארבייט מיט דער געשיקטקייט און פינקטליכקייט פון א סטים-ראלער.

נון האט אונזער דעלעגאציע פארגעלעגט פאר דער קאנווענשאן פיער רעזאלוציעס. צוויי פון א כאראקטער, וואס האט גאר ניט צו טאן מיט ראדיקאליזם, און צוויי, אין וועלכע מען קען שוין יא דערשמעקען, אז זיי שטאמען פון ניט בלויז טרייד-יוניאניסטען, נאר פון טרייד יוניאניסטען פלוס נאך עפעס.

אין די ערשטע צוויי רעזאלוציאנען פארלאנגט אונזער דעלעגאציע, אז „די קאנווענשאן זאל אינסטרואירען דעם עקזעקוטיוו-קאונסיל פון דער א. פ. אוו ל. צו געבען זיין שטיצע צו דער אינטערנעשאנאל ל. ג. וו. יוניאן אין איהרע פריעדליכע פארהאנדלונגען מיט די ארבייטס-געבער פון דער שטאדט שיקאגא, און אויך אויב א סטרייק זאל געפונען ווערען אלס נויטיג פאר די איינפיהרונג פון קאלעקטיווען פארהאנדלען און פאר א גלייכען סטענדערד אין דער וויסט, דרעס און סקירט אינדוסטריען פון שיקאגא."

אן עהנליכע רעזאלוציע איז אריינגעגעבען געווארען וועגען קליוולאנד.

אין די צוויי אנדערע רעזאלוציעס פאדערט די דעלעגיישאן פון דער קאנווענשאן, ערשטענס, צו פראטעסטירען געגען די פאגראמען אויף אידען אין פוילען, און, צווייטענס, צו זעהן ווירקען, אז אלע געזעצע, וואס זיינען אנגענומען געווארען אין דער צייט פון מלחמה, און וועלכע באשרענקען אדער, ריכטיגער, מאכען צו גאר ניט אלע קאנסטיטוציאנעלע רעכטע פון רעדע, פרעסע און פארזאמלונגס-פרייהייט, זאלען אפגעשאפט ווערען.

די לעצטע צוויי רעזאלוציעס זיינען נאך דערווייל פאר דער קאנווענשאן ניט פארגעקומען, און הערפאר איז עס נאך צו פריה צו ריידען וועגען זיי און פרובירען טרעפען, ווי די קאנווענשאן וועט זיי אויפנעהמען. וויכטיג איז אבער, אז גראדע די רעזאלוציע וועגען א ריינער יוניאן-אנגעלעגענהייט האט ארויסגערופען ניט בלויז א דעבאטע, נאר א וואהרהאפטיגען שטורם, וועלכער, ווי אלע שטורמס, האט באדייטענד ריין געמאכט די לופט אויף דער קאנווענשאן.

די ארגאניזיישאן-קאמיטע, באשטימט פאר דעם סארט רעזאלוציעס, צי אויס נקמה אן דער ראדיקאלער אינטערנעשאנאל, צי צוליעב אירגענד אן אנדער גרונד, האט מיט דער רעזאלוציע וועגען שיקאגא געטאן איין קלייניגקייט: מיט דער גאנצער צווייטער העלפט פון דער רעזאלוציע, אין וועלכער עס רעדט זיך, אז דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער פעדריישאן זאל געבען זיין שטיצע צו דער אינטערנעשאנאל אין פאל פון א סטרייק, האט זי זיך ערקלעהרט ניט איינשטימיג, אזוי אז עס איז בלויז געבליבען די פארוועלע ערשטע העלפט פון דער רעזאלוציע, נעמליך, צו אונטערשטיצען דער אינטערנעשאנאל נאר אין איהרע פ ר י ע ד ל י כ ע פארהאנדלונגען מיט די באסעס פון שיקאגא.

די דאזיגע מאדנע האנדלונג פון דער זייט פון דער ארגאניזיישאן-קאמיטע האט געמאכט שטוינען די גאנצע קאנווענשאן, די גאנצע פארטרעטערשאפט פון דער פרעסע און אויך אלע געסט. וואס הייסט, די קאמיטע שטרייכט אויס די רעקאמענדאציע פון דער קאנווענשאן צום עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער פעדריישאן צו העלפען דער אינטערנעשאנאל אין פאל פון א סטרייק? האט דען די אמעריקען פעדריישאן אוו לייבאר אן אנדער אויפגאבע אין לעבען, אויסער צו העלפען די ארגאניזירטע ארבייטער אין זייערע קעמפפע פאר א בעסערען, פאר אן אנשטענדיגערען לעבען? און איז דען ניט אט די פארווארפונג פון דער צווייטער העלפט פון דער רעזאלוציע א גראבער וואונק צו די באסעס פון שיקאגא, אז זיי דארפען ניט מורא האבען פאר א סטרייק פון די מיטגליעדער פון דער אינטערנעשאנאל אין שיקאגא, ווייל די פעדריישאן וועט זיין אויף זייער זייט, אויף דער זייט פון די באסעס?

אבער וועהרענד די דאזיגע האנדלונג האט געמאכט אלע אנוועזענדע אמת שטוינען, האט עס אויף אונזער דעלעגאציע געהאט די ווירקונג פון אן עלעקטרישען קלאפ. גלייך איז אויפגעשפרונגען דעלעגאט העלער (ב. שלעזינגער איז ניט געווען דערביי, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דעם. וויכטיגע אנגעלעגענהייטען אין דעם נאך ניט געסעטעלטען קלאוקמאכער-סטרייק אין ניו יארק האבען איהם געשטערט צו זיין די גאנצע ערשטע וואך פון דער קאנווענשאן) און אין א טאן פון צארן און פראטעסט האט ער געפאדערט דין וחשבון פון דער ארגאניזאציאנס קאמיטע פאר איהר אונערקלעהרליכער האנדלונג. יעדעס ווארט זיינס האט געשניטען, ווי א שארפער מעסער, די שולדיגע געוויסענס. ער האט, פארשטעהט זיך, באלד געהאט די גאנצע קאנווענשאן אויף זיין זייט.

נאך א טיעפערען איינדרוק האט געמאכט מאלי פרידמאן מיט איהר אויסגעצייכענטער רעדע, אין וועלכער זי האט געשילדערט, וואס פאר א קאמפף די אינטערנעשאנאל האט אנגעפיהרט אין שיקאגא מיט א פאר יאהר צוריק; ווי שוידערליך טייפליש עס זיינען באהאנדעלט געווארען די סטרייקערינס פון דעם ליידיעס וויסט טרייד פון די קאורטס צוזאמען מיט דער פאליציי; ווי אלע פינסטערע כחות האבען זיך פאראייניגט צו דערשטיקען די אינט. ל. ג. וו. יוניאן.

אבער — האט זי אויסגעשריען — די אינטערנעשאנאל לוידיס גארמענט וואירקערס יוניאן קען מען ניט פארניכטען און דערוואורגען. זי קומט איצט ווידער צוריק אויפצונעהמען דעם קאמפף. און איצט, אז דער קאמפף געהט אויפגענומען ווערען, קומט די קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר און ערקלעהרט, אז זי קען דערמיט ניט איינשטימען, דאס הייסט, אז אין פאל פון א סטרייק ענטזאגט זיך דער עקז. קאונסיל פון דער א. פ. אוו ל. צו געבען די קעמפפער זיין מאראלע הילף — ווייל פון פינאנציעלער הילף איז גאר קיין רעדע ניט געווען אין דער רעזאלוציע — טו וואס טויגן מיר דא אין דער פעדעריישאן? צו וואס איז די פעדעריישאן דא, אויב ניט צו העלפען די ארבייטער אין זייערע סטרייקס? זייט ווען האט עס די פעדעריישאן אויפגעהערט צו גלויבען אין סטרייקס, אויב פריעדליכע מיטעל ווייזען זיך ארויס ניט גענוגענד?

און די ווירקונג פון איהר רעדע איז געווען אזוי שטארק, אז פרעזידענט גאמפערס האט געפונען פאר נויטיג צו ערקלעהרען אין א קירצערער רעדע, אז די פעדעריישאן איז אימער געשטאנען מיט דער אינטערנעשאנאל אין אלע איהרע קעמפפע; אז ער אליין האט געהאלטען א רעדע מיט יאהרען צוריק אין ניו יארק, אין וועלכער ער האט זיך און די פעדעריישאן ערקלעהרט פאלקאם סאלידאריש מיט די פאדערונגען פון די ארבייטער. אי, וואס איז געשעהן מיט דער איצטיגער רעזאלוציע? איז דער תירוץ אזא: קיינער פון דער דעלעגאציע איז ניט פארגעקומען פאר דער ארגאניזיישאן-קאמיטע צו ערקלעהרען די לאגע, און דערפאר רעקאמענדירט ער, אז די דאזיגע רעזאלוציע זאל נאך א מאל איבערגעגעבען ווערען צו דער קאמיטע צו באטראכטען.

דער תירוץ איז ניט געווען קיין זעהר געראטענער, און דעלעגאט גארנשטיין האט געפאדערט, אז איבער דעם שיקזאל פון דער רעזאלוציע זאל באשליסען די קאנווענשאן אליין. ער איז בארייט זיך צו פארלאזען אויף איהר. אבער דאס וואלט שוין געווען א צו גרויסער פאטש אין פנים דער ארגאניזיישאן-קאמיטע און די רעזאלוציע איז צוריק איבערגעגעבען געווארען צו דער קאמיטע, וועלכע וועט שוין איצט, ווי עס ווייזט אויס, איבערלאזען איהר אין גאנצען, אזוי ווי זי איז אריינגעגעבען געווארען.

דאס איז אין קורצען אלעס, וואס האט אויפגעשטורמט די קאנווענשאן. און, ווירקליך, מיר געברויכען דאס ווארט „אויפגעשטורמט" ניט בלויז אלס א שטארקען ווארט, נאר ווייל ער דריקט באמת אויס דעם מאמענטאנעם צושטאנד פון דער קאנווענשאן. מען האט געזעהן באשיינפערלאך, אז דא האט מען געוואלט אפטאן עפעס א שפיצעל דער דעלעגאציע פון דער אינטערנעשאנאל; און אז מען האט ניט געפונען קיין בעסערען גרונד, האט מען זיך אנגעכאפט אן אבי-וואס; אלעס איז גוט און רעכט, אום צו געבען א לעסאן די, וועלכע דענקען, אז פאר די סאציאליסטען אין אייראפא איז א ביסעל צו האמטענע די באצייכנונג פון „פראפעסיאנעלע פאליטישענס".

אונזער דעלעגאציע איז ארויס מיט עהרע פון אט דעם קאמפף, אויב אזא מין האנדלונג פארדיענט אזוי אנגערופען צו ווערען. זי האט געוויזען, אז זי איז פאלקאמען געוואקסען פאר די פאליטישענס פון דער קאנווענשאן. צו דער זעלבער צייט איז אבער אויך קלאר דעמאנסטרירט געווארען, אז די קאנווענשאן, אלס גאנצע, ווערט בשום אופן ניט באהערשט פון די פאר פאליטישענס; אז זי האט א שטארקען חוש פאר עהרענהאפטיגקייט. דאס האט זי באוויזען מיט איהר ערנסטער און טיעפער אויפמערקזאמקייט צו די ליידענשאפטליכע רעדען פון אונזער דעלעגאציע, און מיט איהר ווירקליך רוישענדען אפלאז צו זייערע רייד.

דער גייסט פון דער קאנווענשאן.

און אז מיר האלטען שוין דערביי, פיהלען מיר ווי צו זאגען, אז די גאנצע קאנווענשאן ווערט באהערשט גיכער פון דעם גייסט פון פארטשרים, ווי פון רעאקציע. מען דארף זיין אויף דער קאנווענשאן און צוקוקען און זיך צוהערען ווי פארשיעדענע רעדען ווערען אויפגענומען, און מען קען ניט קומען צו קיין אנדער שלוס, אז ניט קוקענדיג אויף אלע מיטלען צו פארדאמען און דערשטיקען דעם נייעם גייסט, ברעכט ער זיך דאך דורך א וועג אין די מוחות און הערצער פון די מייסטע דעלעגאטען פון דער קאנווענשאן. עס זיינען מייסטענס די שארף-ראדיקאלע געדאנקען, וועלכע ווערען אויפגענומען מיט דער גרעסטער באגייסטערונג.

און אויף דעם גרונד פון דער דאזיגער בעאבאכטונג אונזערער וואלטען מיר געוואלט ווארנען די פיהרער פון דער פעדריישאן פון א גרויסער געפאהר, וואס קען מיט דער צייט דעמאראליזירען אט די זיסע געמיטליכקייט, וואס וויל ניט אנדערש, ווי מאכען דעם איינדרוק, אז אלעס איז וואויל און גוט אין דיעזער בעסטער פון אלע וועלטען.

מיר מיינען דא די געפאהר פון די „פראטוירנאל דעלעגייטס" פון ענגלאנד, וואס ווערען געשיקט צו דער קאנווענשאן. דאס יאהר זיינען ביידע ענגלישע דעלעגאטען דוקא שטארק לינק, און זיי האבען זיך דאס ניט געשעהמט אויסצוזאגען. איין דעלעגאט, מיס באנפיעלד, האט געהאלטען א ווירקליך שארפע רעדע, יעדעס ווארט פון וועלכער איז געווען אין שטארקען געגענזאץ צו דער פעדריישאן פאליסי. און דאך, יעדעס ווארט איהרער האט געהאט א מעכטיגע ווירקונג, איהר רעדע איז אויפגענומען געווארען מיט דער גרעסטער, מיט דער ענטוזיאסטישסטער אוואציע, און עס לאזט זיך שטארק גלויבען, אז מיט נאך עטליכע אזעלכע רעדען קען שטארק געשעדיגט ווערען די מאראל פון דער פעדריישאן...

דאס זעלבע איז אויך געווען דער פאל, ווען עס זיינען צוגעלאזען געווארען די פארטרעטער פון דער „פראטעקטיוו אסס'ן פון די סאלדאטען און מאטראזען". אונזערע „סאלדזשער-באיעס" האבען געהאלטען זעהר שארפע ראדיקאלע רעדען. ווען זיי האבען ערקלעהרט זייער פראגראם, איין פונקט פון וועלכען איז די פארקירצונג פון דער ארבייטס-צייט און פאר דער איינפיהרונג פון א זעקס-שטונדיגען ארבייטס-טאג, האט די קאנווענשאן ממש געוויעגט זיך פון באגייסטערונג.

דער ראדיקאליזם איז איצט טראמף. די געלאסענע, פראקטישע פארזיכטיגקייט איז הפנים שטארק דיסקרעדיטירט. עס העלפט אויך ניט פיעל דאס פאכען מיט דער פלעג. ווירקליך, די פיהרער פון דער פעדריישאן, אויב זיי זיינען נאר ניט איינגעגלויבט צופיעל אין זייערע אייגענע איינריידענישען, האבען מסתמא פיעל געלערענט פון דער איצטיגער קאנווענשאן. זיי וועלען מוזען האבען געלערענט, אז צווישען די ארבייטער, אין זייערע מוחות און הערצער, הערשט א גאנץ נייער גייסט, א גייסט מיט וועלכען זיי וועלען זיך מוזען רעכענען, און וועלכען זיי קענען ניט אוועקשיקען אין כף הקלע אריין מיט שווערע זידעל-ווערטער, אויב זיי וועלען וועלען בלייבען אויך אויף ווייטער די פיהרער און די וועג-ווייזער פון די גרויסע ארבייטער-מאסען.

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 20, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

א ניט-ווילענדיגער קאמפלימענט פאר'ן באלשעוויזם.

סעמועל גאמפערס שטעהט, נאטירליך, אויסער יעדען פארדאכט, אז אין זיין אגיטאציע פאר ביער זאל ער זיין, חלילה, אונטערגעקויפט פון די ברויערי-אינטערעסען. זיין ערגסטער שונא וועט עס אויף איהם ניט זאגען. א חוץ דעם זיינען דא ווירקליך גאנץ גוטע ארגומענטען געגען אט דער נארישער ביער-גזירה איצט, אז די מלחמה איז געענדיגט, און ווען עס איז ניט קיין פראגע וועגען איינצושפארען א ביסעל קארן אדער אנדערע תבואות, וואס זיינען נויטיג, אום צו מאכען ביער, דעם ארבייטער'ס ביסעל משקה. אבער אז איינעם איז באשערט אן אידעע פיקס, זעהט ער אין אלץ אט די דאזיגע אידעע, און אזוי האט עס אויך פאסירט מיט אונזער פרעזידענט גאמפערס. אין זיין פארטיידיגונג פון דעם, אז דער געזעץ פאר די אפשאפונג פון ביער דעם 1טען דזשולי, סיי אין אן ארטיקעל אין מעקליורס מעגעזין, און סיי אויף דעם פלאר אויף דער קאנווענשאן, איז ווירקליך כאראקטעריסטיש און פארדיענט א ווארט פון אונזער זייט, כאטש אין אלגעמיין זיינען מיר פאלשטענדיג איינשטימיג מיט איהם אין דער פראגע, ווי דער לעזער האט עס געוויס באמערקט אין אונזערען אן ענטפער צו איינעם פון אונזערע קארעספאנדענטען אין א פאריגען נומער „גערעכטיגקייט".

סעמועל גאמפערס גלויבט, אז איינע פון די אורזאכען פון באלשעוויזם אין רוסלאנד איז דאס, וואס דער צאר האט אפגעשאפט „וואדקא".

אם איז דער ארגומענט ווארט פאר

קאַפּלאַן

(ערצעהלונג).

פון מ. שמאַלזאַהן.

די קאַפּלאַן'ניכע, א שפּייז קרעמערין, א ברייטע, שטאַרקע אידענע אין די מי-טעלע יאָהרען, דאָס צווייטע ווייב ביים מאַן, וואָס האָט מיט איהם קיין קינדער ניט, — געהט אַרום איבער דער שפּייז-קראָם מיט ביידע הענד אין די זייטיגע קעשענעס פונ'ם פאַרטוך, קלינגט מיט'ן קליין געלט, און טענה'ט איין לעבעדיג מיט די קונים :

—טאַקע פּונקט די זעלבע קאַרטאָפעל, זאָגט איהר ? מיינע שונאים זאָלען אזוי לעבען ! הלואי רבונו של עולם פאַרמאָ-גען מיר ביידע אזוי פיעל טויזענדער, מיט וויפיעל סענטען די קאַרטאָפעל קאָסטען אונז אליין מייערער !

און זי גיט א כאַפּ בריה'ש דעם, כמעט, פולען זאַק קאַרטאָפעל, גיט איהם א טריי-סעל, גיט א כאַפּ אַרויס די גרעסטע קאַר-טאָפעל וואָס קומט אַרויף פון אויבען, צייגט וואָס פאַר א גוטע קאַרטאָפעל דאָס זיינען, און באַלד איז זי שוין געבען א צווייטער :

— וואָס, גרויפּען ווילט איהר ? ... פרישע ? אודאי פרישע ! ערשט די וואָך אריינגעקראָכען. זעהט סחורה ! — מיט גאָלד גלייך ! אזא יאָהר אויף אונז ביידען מאַטע זיסער !

קאַפּלאַן, דער מאַן, דער בעל-הבית פון דער שפּייז-קראָם, א אויסגעטריקענט עלטער אידעל מיט א רחמנות'דיג גרוי בערדעל, וואָס קוקט אויס ווי צונעקלעפּט צו די באַרע שטשאָקעס — זיצט אויף א שטוהל נעבען דעם פאַרקויף-טיש מיט א פאַרבאַנדאַזשירטען פוס. דער פוס הענגט איהם אַרונטער און ער קוקט מיט די איינ-געגראָבענע אויגען, אויף דער ווייב, וואָס געהט מיט אזא זיכערקייט אַרום איבער'ן געשעפט און בויגט זיך, און דרעהט זיך, און שלעפּט קלומקעס, און מעסט און וועגט און רעדט איין און שווערט זיך....

איידער עס האָט קאַפּלאַן'ען געטראָ-פען דער אומגליק מיט דעם אייזערנעם צוואַק, וואָס איז איהם אריין אין פוס, האָט ער זיך צו דער ווייב צו זיינער נאָר ניט צוגעקוקט. קאַפּלאַן איז פון תמיד אָן געווען א ריהרעוודיג אידעל. ער האָט קיין מאָל קיין רגע ניט גערוהט. אצינד אָבער מוז ער זיצען צוגעבונדען צו דער שטוהל, און איהם ווייזט זיך אויס, אז זיין ווייב רייצט זיך מיט איהם. זי געהט עס מיט אזא וואַזשנעקייט איבער דער קראָם נאָר איהם אויף צו להכעיס: ווייס, הייסט עס, אז איך קען אויסקומען אָהן דיר...

— הער ביילע — זאָגט ער איהר פונ'ם שטוהל זיצענדיג. — דו ווייסט מען וואָלט שוין באַדאַרפט אויסוואַשען דאָס פענסטער. און אַט-אַ-דאָס פעסעל קרויט וואָלט מען באַדאַרפט אַרויסקאַטשען אין דרויסען פאַר דער טהיר.

דאָס זיינען אַלץ אזעלכע שווערע אַר-בייטען, וואָס קאַפּלאַן איז זיכער ביי זיך אז דאָס ווייב זיינע וועט דאָס ניט קענען טאָן, און ער איז אויסען דערמיט: זי זאָל דערפיהלען ביי זיך אז זי איז נאָך ניט אַלעס, און איז ווי באַלד דער מאַן איז א קאַליקע איז פינסטער און בימער...

זיין ווייב אָבער דערשרעקט זיך ניט פאַר דער אַרבייט. זי גיט א כאַפּ דאָס שווערע פעסעל קרויט און גיט עס א קאַט-שע אַרויס מיט אזא אימפּעט, אזוי ווי עס וואָלט גאָר קיין משא ניט געווען.

— אַט-אַט-אַ ! — שרייט ער פון דער שטוהל אַראָפּ — וואָס שלעפּסטו, וואָס ? ווילסט דיר אַנאַרבייטען עפּעס א צרה, ווילסטו ?

איידער אָבער ער האָט נאָך צייט צו ענדיגען, געהט זי שוין אַרום איבער דער קראָם און טענה'ט איין מיט אזא שנעל-קייט, מיט אזא לעבעדיגקייט מיט די קונים אזוי ווי ניט זי מיינט מען גאָר, און איהם זאָגט זי: „זיץ דאָרטען, זיץ! זאָל דיך גאָר ניט אַרען !"

און איהם קומט אויפ'ן געדאַנק אַרויף: ווי וואָלט למשל געווען, ווען, חלילה וחס, עס צייגט זיך טאַקע אַרויס אין פוס בלוט-פאַרגיפטונג, און מען מוז, חלילה, טאַקע דעם פוס אַרונטערנעהמען ? !...

— וואָס הייסט דאָרטען זיץ דאָרטען זיץ ? ! — זאָגט ער אַרויס מיט כעס — וואָס מיינסטו וואָס ? עס ווייזט אויס אז דו רעכענסט, אז איך בין שוין גאָר א קאַ-ליקע אויף אייביג, בין איך שוין ? זיץ דאָרטען, זיץ — א לשון א ביסעל ! גע-הערט ? !...

און ער קוקט זיך אַרום און אַרום מיט די אויגען, ער וויל אָנכאַפּען זיך אָן עפּעס, וואָס איז אין קראָם ניט אין אָרדנונג, ער קען אָבער קיין זאַך ניט געפינען.

געהערט א לשון: זיץ דאָרטען, זיץ!— קען ער ניט פאַרגעסען.

און ווען זיין ווייב פאָרעט זיך אַרום מיט די קונים און קומט צו צו איהם און נעהמט איהם אויספרעגען: ווי ער פיהלט, ווייסט ער איהר ניט אויפ'ן פּלאַץ וואָס צו ענטפערן. באַדאַרפט וואָלט ער איהר זאָגען דעם אמת: אז דער פוס ווערט איהם וואָס א מאָל ערגער, און אז ער האָט שטאַרק מורא אויב עס איז ניט קיין בלוט פאַרגיפטונג. — ער זאָגט דאָס אָבער ניט.

— איך... איך... נאָר ניט... איך פיהל אַביסעל בעסער... נאָך א טאָג-צוויי, וועל איך שוין מסתמא קענען אַרומגעהן ... שטאַמעלט ער אַרויס, און קוקט בשעת מעשה איהר אויף דער מינע מיט א מין נקמה. — מע'ט זיך דאַרפען א נעהם טאָן און עפּעס מאַכען א שטיקעל לאַד !...

אויפ'ן ווייב'ס געזיכט באַווייזט זיך פון זיינע ווערטער א פרעהליכקייט.

— הלואי רבונו של עולם ! — ווינ-שעוועט זי, און צופרידען מיט דער בשורה נעהמט זי זיך צו דער אַרבייט נאָך מיט מעהרער ענערגיע. זי טהוט אזעלכע אַר-בייטען, וואָס ער האָט זיי גאָר קיין מאָל אין קראָם ניט געטאָן. זי זוכט אָפּ אַלטע פאַרלעגענע סחורות וואָס ליגען שוין פון יאָהרען, און זי פּוצט, שטויבט אַרום. די קראָם, זעהט ער, ווערט א נייע. — גאָר ניט צום דערקענען.

— וואָס געפינסטו דיר פאַר אַרביי-טען ? — קען ער ניט אויסהאַלטען — וואָס קריכסטו אַרום אזוי ווי א ניט גר-טער ? !...

איהם ווייזט זיך אויס: אז דאָס איז דערפאַר, ווייל זי פאַרשטעהט אז ער פאַר-בלייבט שוין א קאַליקע, און זי האָט זיך ניט אויף וועמען צו פאַרלאָזען. זי איז שוין אין גאַנצען די גאַנצע בעל הבית'טע.

— ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען ? איך וועל דיר גאָר אריינפיהרען אין שטוב אריין און לעג זיך בעסער אוועק אין בעט ! — מאַכט זי איהם א פאַרשלאָג — וועט דיך פאַרשפּאָרען צו אַרען, און וועסט מיר ניט דרעהען קיין ספּאָריק.

דער פאַראומגליקטער קאַפּלאַן, וויל נעבאָך פּראָטעסטירען: וואָס הייסט עס אַט גלאַט אזוי, ווען מען איהם נעהמען און אַרויספיהרען פון געשעפט, אַרויס-וואַרפען, הייסט עס, אזוי ווי אַן אָפּגע-דיענטען פערד. — ער ווייסט אָבער אז מיט'ן פּראָטעסטירען וועט ער גאָר ניט מאַכען.

— איך... איך... פיהר מיך טאַקע אריין! — נעהמט ער אָן דעם פאַרשלאָג— אבי לאָם איך ניט צוזעהן... איך קען ניט צוקוקען דיינע אַרבייטען, קען איך ניט... מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף! — אַלץ קאַפּויר !...

און ווען די פרוי געהט צו צו איהם, נעהמט איהם אונטער'ן אָרעם אריינצופיה-רען אין הויז אריין, און ער דערפיהלט איהרע פעסטע, שטאַרקע הענט נעבען זיך, קומט איהם בשעת מעשה אַרויף אויף דער מחשבה: אויב בלוט פאַרגיפטונג איז ניט אַנשטעקענד, אויף זיכער ווייסט ער ניט, אָבער על פי שכל איז ער זיך משער, איז יאָ, פאַר וואָס זאָל עס ניט זיין אַנשטע-קענד ? געוויס אַנשטעקענד !

און ער טוליעט זיך אָן איהר, טוליעט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער און פעסטער...

— דו פאַרשטעהסט, איך מוז מיך אָן דיר בעסער אַנשפּאַרען, אַט נעהם מיך אַט-אַ-דאָ אַרום... אַט אזוי... האָב קיין מורא ניט, וועסט זיך ניט אַנשטעקען !... אַט-אַ-דאָ-אַ זאָג איך דיר! יאָ, יאָ, אַט-אזוי-אַ !...

לידער

פון י. אדלער.

דאָרטען...

אויף די הויכע פעלזען-שפּיצען,
איינגעהילט אין בלויע בליצען,
וואו א בייזער דונער קראַכט ;
דאָרט אויף יענע ווילדע וועגען,
נאַכגעיאָגט פון שטורעם-רעגען,
וואָלט איך וואָגלען טאָג און נאַכט...

דאָרטען וואו די וואָלקענס ציהען,
צווישען פייגעל-מעלאָדיען
וואו עס קומט קיין מענש ניט צו ;
דאָרטען וואו די אָדלערס שוועבען,
וואָלט איך וועלען ליעבען, לעבען,
לעבען דאָרט און האָבען רוה...

דאָרטען וואו די שטראָמען יאָגען,
וואו די בייזע ווינטען קלאָגען,
ווייט פון טומעל, ווייט פון שטאָדט ;
וואו די טיעפע, טיעפע היילען
וואונדער-מעשה'לעך דערצעהלען —
יעדער מעשה'לע — א סוד....

דאָרטען וויל איך רוה געפינען...
ס'האָט דער אונזין — דאָרט א זינען,
און פון אומגליק ווערט דאָרט גליק —
דאָרטען גאָט, אָה, גיב א היים מיר,
גיב א שטיבעלע פון ליים מיר,
און איך געה קיין מאָל צוריק...

אין דער מדבר

געלאָזט האָט דער דיכטער א טרעהר
און איז אין דער מדבר געגאַנגען ;
ער איז פון די מענשען אַוועק,
אַוועק צו די גיפטיגע שלאַנגען...

די זון האָט געצונדען די לופט,
מיט שפּיזען פון פייער געשאָסען ;
און ער האָט געוואַנדערט אין זאַמד,
אין גליהענדע פונקען געטראָטען...

פון דורשט זיינע ליפּען פאַרברענט,
אין שוואַרצע מחשבות פאַרזונקען —
און האָט ער א קוואַל וואו געזעהן,
האָט ער פונ'ם קוואַל ניט געטרונקען.

צו טייער געוועזען איז זיין צייט...
ר'איז ווייטער און ווייטער געגאַנגען ;
געגאַנגען אין גליהענדען שטויב,
פון מענשען אַוועק צו די שלאַנגען...

מען נאָר דאַרפען אויפהענגען א רויטע שמאַ-טע מיט דער אויפשריפט „באָלשעוויזם" און קיין פויגעל און קיין טייפעל וועט ניט וואָ-גען צוצוקומען אַהין.

און עס וועט טרעפען, אז אייער וועט אין א געפּאַקטען טעאַטער פון שלאָף א גע-שריי טאָן : באָלשעוויזם ! און עס וועט ווע-רען א פּאַניק און הונדערטע מענשען וועלען דערביי צוטראָטען ווערען אויף טויט.

און ווען א גע'פגר'ט פערד וועט וואָכען-לאַנג ליגען אויף איסט-בראָדוויי און מען וועט צוליעב דעם שטאַרקען גערוך די גאַס ניט קענען דורכגעהן און אונזער באָארד אָוו העלטה וועט זיך ניט איילען צו טאָן איהר פליכט — ווייסט איהר, וואָס מען וועט דע-מאָלט טאָן ? מען וועט דער פגירה איינ-רוימען אין אויער : באָלשעוויזם ! און זי וועט פאַר שרעק אויפשטעהן תחית המתים און וועט אַוועק וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

אזוי וועט עס זיין אין דער נאָהענטער צוקונפט. געדענקט מיין וואָרט !... און ווי-דער — אפשר איז עס שוין איצט אזוי.

ווארום איהר הערט דאָך: מען פרעגט היינט ניט די קינדער אין די סקוהלס, ווי פיעל איז צוויי מאָל צוויי, נאָר וואָס איז באָלשעוויזם. און ביי סקוהל-קינדער פרעגט מען, אויב ניו יאָרק איז אין געפאַהר און ווי די געפאַהר צו פאַרמיידען. און אז אַלע דעטעקטיווס, וואָס קענען גאָר ניט אויסגעפי-נען, בעט מען די קינדער ביי די עקזאַמענס, זיי זאָלען אָנווייזען אויפ'ן קוואַל פון באָל-שעוויזם.

און דאָס איז די צייט, וועגען וועלכער דער נביא האָט אַמאָל נביאות געזאָגט: מיין אָרים פאָלק, קינדער וועלען דיך לערנען און נאַרישע ווייבער וועלען דיך פיהרען ביי דער נאָז.

אָבער — גאָט גערעכטער ! — וואָס איז דאָך באָלשעוויזם ?

וואָס? איהר ווילט זעהר שטאַרק האָבען באָל-שעוויזם?

און אזוי ביי דער שלום-קאָנפערענץ און אזוי אומעטום. אייגער דעם צווייטען שרעקט אזוי לאַנג, ביז אַלע פאַרלירען דעם קאָפּ פאַר שרעק, כאָטש אין אָנהויב, קען זיין, האָט אייגער דעם צווייטען נאָר געבלאָפט מיט'ן באָלשעוויזם.

און אז מען הויבט זיך שוין אָן צו שרע-קען, שרעקט מען זיך שוין פאַר'ן אייגענעם שאָטען, און מען איז גרייט צו שרייען „שמע ישראל" ביים מינדסטען גערויש.

מאַכט מען, למשל, אין אַמעריקאַ אונטער-זוכונגען, און מען וויל פאַרהאַקען די אַמע-ריקאַנער טירען פאַר אימיגראַנטען. און מען פּלאַנעוועט אַרויסצושיקען אַלע אימיגראַנטען. און אין רעפּרעזענטאַנטען הויז האָט מען מורא אָנצונעהמען א רעזאָלוציע געגען די פּוילישע פּאָגראָמען, ווייל איהר הערט דאָך: עס קען זיין, אז די גאַנצע געשיכטע איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי א באָלשעוויסטי-שע אינטריגע. און אז עס ברעכט אויס א פליישׂ-סטרייק, געהט מען אַרום אָהן א קאָפּ: עס שמעקט, דאַכט זיך, מיט באָלשעוויזם. און עס וואַרפט א צאָהן אָן א צאָהן פאַר שרעק, ווען די רעגיערונג וויל איבערנעהמען די באַהנען און די טעלעגראַפען, ווייל מען זעהט אין דעם א שמעק באָלשעוויזם. און מיט באָלשעוויזם, ציטערט מען, שמעקט די נאַ-ציאָנען-ליגע און — וואָס ניט ?

אזוי שרעקט מען זיך.

און געדענקט מיין וואָרט:

עס וועט באַלד קומען א צייט, ווען מען וועט א שרייענדיג קינד איינשרעקען : שטיל זאָל זיין ! אַט קומט א באָלשעוויק מיט א מאַרבע ! און דאָס קינד וועט מיט א פאַר-שטיקטען כליפּ איינגראָבען דאָס קעפּעל אין קישעלע און וועט איינשלאָפען.

און אויף אַלע גערטנער און פעלדער וועט

וואלט וויטמאן

צום הונדערטסטען געבורטסטאג פון דעם גרויסען אמעריקאנעם פאעט

פון א. גלאנץ.

ניט לאנג צוריק האט אמעריקא גע־פייערט דעם הונדערט־יעהריגען גע־בורטס־טאג פון איינעם פון איהרע גרעס־טע פאעטען — וואלט וויטמאן. אזא פייערונג ניט געוועהנליך א געלעגענהייט צו שרייבען וועגען דעם דיכטער. און ווירקליך: כמעט אלע ענג־לישע צייטונגען, טעגליכע, וועכענט־ליכע, און מאנאטליכע, האבען שוין גע־טאן זייער „פליכט" און געשריבען ווע־גען וויטמאן דעם אריגינעלען ריעז פון דער אמעריקאנער דיכטונג.

מיר איז שוין אויסגעקומען אמאל אויף די זייטען פון דער „גערעכטיגקייט" צו רעדען וועגען וואלט וויטמאן. דא וויל איך ניט שרייבען קיין אפשאצונג פון זיינע ווערק, אדער וועגען זיין פאעטישען ווערט.

ביי אזוינע פאעטען ווי וואלט וויט־מאן, איז די פערזאן פון דעם פאעט ניט ווייניגער וויכטיג, ווי זיינע ווערק, און וויטמאן האט מיט זיך פאר־געשטעלט אזא קאמפליצירטע, פארשי־דענארטיגע און פארבענרייכע פערזענ־ליכקייט, אז צו רעדען וועגען איהם אליין איז זיכער ניט ווייניגער אינטערעסאנט ווי וועגען זיינע לידער.

און פון אלע אינטערעסאנטע שטרי־כען פון וואלט וויטמאן'ס לעבען שיינט מיר איז דער אינטערעסאנטסטער דער פאלגענדער:

ביז זיין זעקס און דרייסיגסטען לעבענס־יאהר איז וואלט וויטמאן גע־ווען — גארנישט. ער האט געשריבען אלערליי זאכען. ליעדער אין דעם שאב־לאן־סטיל. ערצעהלונגען אויפ'ן זעלבען אופן ווי אלע האבען געשריבען. דראמען פאר ביליגע טעאטערס און וואדעווילען. אלץ ווערטלאזע זאכען, און קיינער האט איהם מיט רעכט ניט באמערקט.

וואלט וויטמאן איז אבער געווען א שטארקע פערזענליכקייט. און יעדע שטארקע פערזענליכקייט וויל, אז מען זאל זי באמערקען, מען זאל זי זעהן. זי וויל שפיעלען א ראלע אין לעבען.

באזונדערס איז דאס דער פאל מיט א שרייבער. אנערקענונג פאר א שריי־בער איז די לופט, מיט וועלכער ער אטעמט. אהן איהר ווערט ער פארדארט און איינגעטריקענט.

וואלט וויטמאן איז געווען א שריי־בער און געוואלט, געזוכט, אנערקענונג. ער האט זי אבער ניט געקראגען.

פאר וואס ?

וואלט וויטמאן האט זיך פאר־טראכט וועגען דער פראגע.

אלס א שטארקער מענש האט ער געהאט מוט איינצוזעהן, אז די אורזאך פון זיין מיספערפאלג ליגט ניט בלויז אין אנדערע, אין דעם וואס מענשען זיינען שלעכט, ווילען איהם ניט אנערקענען, אויך איז ניט די אורזאך, וואס מענשען זיינען אומוויסענד און קענען איהם ניט פארשטעהן. וואלט וויטמאן האט זיך אליין צו גוט געקענט צו וויסען, אז אין זיינע לידער איז גארניט דא אזוינס, וואס אנדערע זאלען עס ניט קע־נען באנעמען.

אלס א גרויסער מענש, איז וואלט וויטמאן ניט געווען דורכאויס אפטי־מיסטיש אין באצוג צו זיך אליין. ער האט געהאלטען, אז די אורזאך פון זיין דורכפאל מוז אויך — אויב ניט אין גאנצען, איז טיילוויז — ליגען אין איהם אליין.

טאקע אין דעם פאקט, וואס ער שרייבט ווי אלע.

און איז ער — וואלט וויטמאן — אזוי ווי אלע? וויטמאן האט זיך גוט געקענט, און אנדערע גוט געקענט. עס האט איהם ניט לאנג גענומען צו קומען צום שלוס, אז ער איז ניט, ווי אלע, אז ער איז אנדערש. ניט בלויז ער איז אנדערש. יעדער מענש איז אנדערש פון דעם אנדערען.

און אויב ער — וואלט וויטמאן — איז אנדערש אלס מענש, ווי אלע, מוז אויך זיין פאעזיע זיין אנדערש. איז דאך די דאזיגע פאעזיע דער אויסדרוק פון דעם מענש'ס נשמה. האט א מענש אן אייגענע נשמה, מוז אויך זיין פאעזיע זיין אן אייגענע.

צו אט דעם שלוס איז געקומען וואלט וויטמאן און ער האט באשטימט:

ער מוז אוועקווארפען צו שרייבען, ווי ער האט פריהער געשריבען. ער מוז אנפאנגען צו שרייבען אנדערש, אזוי ווי עס איז אבסאלוט אין איינקלאנג מיט זיין אינערליכען, אייגענעם איך.

וויטמאן איז דענסטמאל אלט גע־ווען זעקס־און־דרייסיג יאהר — אן על־טער ווען מענשען בויען געוועהנליך ניט איבער זייער לעבען.

דער ענגלישער שרייבער ארנאלד בענעט האט זיך ערגעץ וואו אויסגע־דריקט, אז א מענש דערפיהלט א קריזיס אין זיין לעבען צו פינף־און־דרייסיג יאהר. דעמאלט הויבט ער אן צו ווערען אלט. ער איז נאך ניט אלט, אבער ער הויבט אן צו ווערען אלט. אין וואס באשטעהט אט דאס געפיהל פון ווערען אלט? ניט אין דעם, זאגט בע־נעט, וואס דער מענש דערזעהט, אז ער קאן שוין ניט מאכען אזא שפרונג אין וואסער ווי פריהער, בעת ער האט זיך גע־לאזען שווימען. אויך ניט אין דעם, וואס ער פארליעבט זיך ניט מעהר פון ער־שטען אויגענבליק. דאס געפיהל פון ווע־רען אלט קומט צו פינף־און־דרייסיג יאהר, ווייל דאן נעמט דער מענש איינזעהן, אז דאס לעבען איז פון היינטען, ניט פאראויס, ווי ער האט פריהער געהאלטען. ער נעמט פיהלען, אז דאס גרעסטע און דאס וויכטיגסטע, האט ער שוין אפגעטאן.

קאן זיין, אז בענעטס מיינונג איז ריכטיג. אין שול־ביכער קאן מען אויך געפינען א כלל: אזוי לאנג, ווי א מענש זאגט: „איך וועל נאך טאן דאס און דאס, איך וועל נאך דאס און דאס דערגרייכען", איז ער נאך יונג, עס מאכט ניט אויס וויפיעל זומערען ער האט שוין אפגעלעבט. קוים הויבט אבער דער מענש אן צו זאגען: „איך האב דאס און דאס געטאן, איך האב דאס און דאס דערגרייכט, איז ער שוין אלט, עס מאכט ניט אויס, ווי קליין עס איז די צאהל פריהלינגען וואס ער האט פאקטיש שוין דורכגעמאכט.

אבער אי בענעטס פילאזאפיע, אי די פילאזאפיע פון שול־ביכער איז גע־מיינט פאר געוועהנליכע מענשען.

וואלט וויטמאן איז אבער געווען א ניט־געוועהנליכער מענש. אלגעמיינע כללים זיינען פאר איהם ניט גע־ווען מאסגעבענד.

צו זעקס־און־דרייסיג יאהר האט ער־זיך גענומען איבערבייטען זיין לעבען, זיין גייסטיגע טעטיגקייט, און ער האט אויסגעפיהרט!

ער האט גענומען שרייבען אנדערש. אזוי, ווי זיין אייגענע נשמה האט גע־פאדערט און באפוילען. ער האט אויפ'ן ווינט געווארפען אלע פאעטישע כללים. ער האט צום טייוועל געשיקט אלע אנגע־נומענע באגריפען וועגען דעם, וואס פאעזיע דארף אנטהאלטען. ער האט גע־נומען שרייבען פריי, לויט דעם ריטם, דעם אינערליכען געזאנג פון זיין זעל און וועגען אלץ, אויף וואס זיין קערפערליך און גייסטיג אויג האט זיך נאר אפגע־שטעלט.

און עס איז ניט אוועק קיין לאנגע צייט און מען האט וויטמאנען גענומען באמערקען. פיעלע זיינען פאר איהם בא־גייסטערט געווארען. נאך מעהר האבען איהם אויסגעלאכט און פארהאסט. איגנארירען האט מען איהם שוין אבער ניט געקענט.

און דאס איז דאס וויכטיגסטע. געפעלען איז א נעבענזאך. באמערקען, אפילו ווען מיט האס און שפאט, איז די הויפטזאך.

וואלט וויטמאן האט זיין אנערקע־נונג געוואונען דורך דעם, וואס ער האט געשריבען אנדערש. די אנדערש־קייט איז ניט געווען בלויז א באשלוס צו זיין אומיסטען אנדערש. זי איז געווען א רעזולטאט פון דעם אינער־ליכען דראנג פון וויטמאן'ס זעל. אין איינקלאנג מיט דעם, וואס זיין זעל האט פארלאנגט און געבאטען.

און דאס איז דער עיקר ביי יעדען פאעט, ביי יעדען קינסטלער, יא — ביי יעדען מענש.

טו אזוי ווי דו אליין ווילסט און פארלאנגסט. טו דאס, וואס איז באמת דיינס, דיין אייגענעס. דאן איז די וועלט — דיינע. אויב די אנערקע־נונג פון דער וועלט וועט ניט קומען — וועסטו אלץ זיין דער געווינער. דו וועסט געווינען דיין אייגענע אינערליכע וועלט. דו וועסט האבען די באפרידיגונג, אז דו ברענגסט א ניי ווארט ,א ווארט, וואס אנדערע וועלען פריהער אדער שפעטער מוזען דערהערען און באמערקען.

נאך א גרויסער דיכטער האט זיין וועג געפונען צו זעקס־און־דרייסיג יאהר. דער נארוועגישער דראמאטורג הענריק איבסען. אויך דורך דעם, וואס ער האט גענומען שרייבען אנדערש: אזוי ווי זיין זעל האט געבאטען.

פאר דעם מענש וואס איז א פער־זענליכקייט איז קיינמאל ניט צו שפעט. ער קאן שטענדיג זיין לעבען פון דאס ניי אנהויבען.

דער עיקר: זאג און טו וואס דו ווילסט באמת. זאג און טו דאס, וואס די אינערליכע שטים אין דיר באפעהלט דיר. און זאג עס אזוי, ווי נאר דו קאנסט עס זאגען. דאן איז די וועלט ניט מעהר פון היינטען, ווי אלט מען זאל ניט זיין. דאן איז פאראויס פאראן ניט בלויז איין וועלט, נאר א וועלט מיט וועלטען.

וואס איז באלשעוויזם?

(פעליעטאן)

פון א. וואהלינער

True translation filed with the Postmaster at New York City on June 20, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

וואס איז באלשעוויזם?

אמאל האבען זיך מיט דער פראגע בא־שעפטיגט בלויז די רוסישע באלשעוויקעס און מענשעוויקעס; שפעטער, די דייטשע גענע־ראלען; נאכדעם די פריעדענס־קאנפערענץ; נאך אביסעלע שפעטער די פאליסלייט און די צייטונגען, און איצטער — די סקוהל־קינ־דער.

ביי די לעצטע סקוהל־עקזאמענס אין ניו יארק האבען זיך, נעביך, קינדערשע שטערענ־דער געקנייטשט און קינדערשע מוח'לעך הא־בען זיך געשפאלטען און קינדערשע אויגע־לעך האבען זיך אנגעפילט מיט שרעק און פאר דער גאנצער אומשולדיגער ניו יארקער קינדערשער וועלט איז הימעל און ערד, גיהנם און גן־עדן געווען אנגעפילט מיט איין רוי־טען, בלוטיגען פראגע־צייכען: וואס איז באל־שעוויזם ?

וואס איז דער באלשעוויזם און ווי גרויס איז די באלשעוויסטישע געפאהר פאר דער שטאדט ניו יארק ? — אט דאס איז די פרא־גע.

אונזער לעדזשיסלייטשור וויסט ניט קיין ענטפער אויף דער פראגע און זי מאכט דע־ריבער א גענויע אונטערזוכונג וועגען דעם. אונזער וואשינגטאנער קאנגרעס האט גע־מאכט א צווייטע אונטערזוכונג און האט דאך נאך קיין ענטפער ניט געפונען. אין דער ליטעראַרישער קיבעצארניע פליהען יעדען טאג שלייערס צוליעב דער פראגע און די פרא־גע לאזט זיך ניט פארענטפערען.

איז די וועלט געשטאנען א הילפלאזע, און אומגליקליכע, און אומוויסענדע, א צושרא־קענע אויף טויט פאר דער בלוטיגער פרא־גע: וואס איז באלשעוויזם ?

ביז עס האט זיך געפונען א קלוגער קאפ אין אונזער דעפארטמענט פון קינדער־ערצי־הונג און ער האט באשלאסען: ווייסט איהר וואס ? לאמיר פרעגען די קינדער.

און אזוי איז געבליבען. מען האט גע־פרעגט ביי די קינדער בעת זייערע סקוהל־עקזאמענס.

און דאס איז, נאך אלעמען, דער גליקליכ־סטער איינפאל.

אז א הונט פארווארפט דעם קאפ צום בלוי־ען הימעל און הויבט אן צו וואיען אויף דער לבנה, ווייסען קלוגע מענשען: דאס קומט דער טויט אין שטאדט אריין, און מען ווייסט אן אויסגעפרובירטען מיטעל געגען דעם: מען קעהרט איבער אן אלטען שוך. נאך מיין בא־בע, עליה השלום, האט געוואוסט דעם מיטעל און ער האט תמיד געווירקט.

אז עס דונערט, ווייסען אלע גוטע און קלוגע לייט, אז דאס פאהרט אליהו הנביא ארום אין הימעל אין זיין פייערדיגער קא־רעטע. און אז מען ווייסט, וואס דאס איז, שרעקט מען זיך ניט.

אז שטערן פאלען פון הימעל, אז א קא־מעט לויפט פארביי, אז די זון און די לבנה ווערען אמאל פארטונקעלט, אז א מגפה ברעכט אויס, אז א וועלט־מלחמה צופלאקערט זיך, אז הונגער הערשט, אז א קריזיס קומט — אין די און אין אלע עהנליכע פעלע ווייסען מענשען גענוי, וואס עס איז, פון וואנען עס קומט און וועלכע באבסקע רפואות מען קען געגען דעם אנווענדען. אלץ ווייסט מען. געגען אלץ זיינען פאראן מיטלען. און וואס באלשעוויזם איז, דארף מען פרעגען ביי קינ־דער.

און וואס איז באלשעוויזם? איך ווייס ניט. און איך האב געפרעגט ביי מיין צעהן־יעהריגען זוהן און ביי מיין זעקס־יעהריגער טאכטער און זיי ווייסען אויך ניט. נאר מיין דריי־יעהריגע טאכטער האט ביי דער פראגע זיך מיט שרעק איינגעגורעט אין דער מאמע'ס ברוסט און האט געזאגט: א „בוגי מען."

און איהר זעהט באשיינפערליך: עס איז טאקי ריכטיג, וואס מען זאגט, אז דורך די ליפצען פון אומשולדיגע קינדער רעדט גאט'ס אמת. און איהר זעהט ווייטער, אז אונזע־רע ניו יארקער ערציהער האבען געוואוסט, וואוהין צו געהן נאך אן ערקלערונג. ניט מעהר: זיי האבען זיך ניט געכאפט, אז מיט דער פראגע דארף מען זיך ווענדען צו זויג־קינדער.

אלזא, א „בוגי מען".

די אמאליגע אויסגעפרובירטע סטראשיד־לעס פלעגען זיין: א „בוגי מען" אין אמע־ריקא, א קאזאק מיט א פיקע אין רוסלאנד, דעם קייזער'ס וואנצעס אין דייטשלאנד, דער טייפעל אין אלע לענדער, און א שטעקען מיט א שמאטע אויף אלע פעלדער און גערטנער.

דאס איז געווען אמאל. און איצט האט דעם פלאץ פון אלע סטראשידלעס פארנומען דער באלשעוויזם.

און מיט באלשעוויזם שרעקט מען קינדער אין די וויגען, פאליסלייט אין די הינטער־חדרים'לעך פון די שענקען, קעניגע אין די פאלאצען, די שלוחים ביי דער שלום־קאנ־פערענץ אין פאריז, אלטע ווייבער און — ווערען ניט ? מען סטראשעט מיט'ן באלשע־וויזם איינער דעם צווייטען. מען שרעקט מיט איהם אן אנדערע און מען דערשרעקט זיך דערווייל אליין.

נעמט, למשל, ביי די שלום־פארהאנדלונ־גען.

איז געקומען בעלגיען און האט געסטרא־שעט: אויב מען וועט איהר ניט געבען א בארג מיט „אינדעמניטיס", א שטיק האלאנד און א קאלאניע אין אפריקא, נעהמט זי און ווערט באלשעוויסטיש.

און די עליים האבען זיך דערשראקען.

און איטאליען האט געווארענט: וועט איהר אונז געבען הלוואות און ברויט און יוגא־סלאווישע טעריטאריעס און נאך און נאך? אלא ניט, איז באלשעוויזם.

און די שלום־קאנפערענץ האט געציטערט פאר פחד.

און דאסזעלבע פוילען און יוגא־סלאוויען און טשעכא־סלאוואקיא און עסטרייך און אלע, אלע.

און די, וואס האבען געפאדערט שלום מיט די רוסישע באלשעוויקעס, און די, וואס האבען פארלאנגט, מען זאל אנערקענען קאל־טשאק'ען, האבען געסטראשעט די וועלט און איינע די צווייטע מיט'ן באלשעוויזם.

און פראנקרייך האט געזאגט, אז אויב מען וועט זי ניט לאזען אויספרעסען דייטש־לאנד לעבעדיגערהייד, וועט אין פראנקרייך אויסברעכען באלשעוויזם.

און דייטשלאנד, פארקערט, האט גע־טענה'ט אז אויב מען וועט דערלאזען, אז פראנקרייך זאל זי אויספרעסען לעבעדיגער־הייד, וועט דייטשלאנד ארומגעכאפט ווערען מיט א העלישען פייער פון באלשעוויזם.

און די פריעדענס־שלוחים האבען זיך גע־בעטען ביי פראנקרייך: גזלנ'טע איינע, לאז עפעס נאך! זעהסט דאך: באלשעוויזם!

און פראנקרייך האט פון איהר זייט גע־טענה'ט: גזלנים, וואס עקשנ'ט איהר זיך,

אין דער פילאדעלפיער קלאוקמאכער יוניאן

פון א. נייבאור.

ביי די קלאוק קאטערס.

צו דער געלעגענהייט פון די לעצטע קאנפערענצען צווישען אונזער יוניאן און די קלאוק און סקוירט מאנופעקטשורערס אין באצוג וואס זאלען זיין די פרייזען פאר דעם קומענדען סיזאן, האט די יוניאן נעהאט א באדייטענדען זיעג. באזונדערס איז ווערט צו דערמאנען די לאגע פון די קאטערס אין פילאדעלפיא.

מיט א פאר יאהר צוריק, נאך דעם פארלארענעם דזשענעראל סטרייק פון 26 וואכען, ווען אונזער יוניאן האט זיך באלד גענומען גרייטען פאר א נייעם סטרייק, און דער סטרייק איז פארמידען געווארען דורך א „פראטאקאל אגרימענט" איז אונז געלונגען מיט גרויס מיה צו קריגען ניט מעהר ווי 15 דאלער א וואך פאר א גוטען בעל מלאכה. אן עקסטרא־מעכאניקער האט נישט געקראגען ווי 17 דאלער א וואך. אין יענער צייט זיינען אלע ברענטשעס פון אונזער טרייד געווען שוואך ארגאניזירט, און ספּעציעל די קאטערס וועלכע זיינען געווען שווער צו ארגאניזירען, און וועלכע מיר האבען דורך די אנדערע ברענטשעס פשוט געצוואונגען אריינצוקומען אין דער יוניאן. שטופענווייז מיט דעם וואוקס פון דער קלאוק מאכער יוניאן און איהר איינפלוס אויף דעם טרייד, איז אונז אויך געלונגען צו פארבעסערען די לאגע פון די קאטערס. פון 17 דאלאר א וואך ביז 23, פון 25 ביז 28 דאלער און לעצטען סיזאן זיינען זייערע וויידזשעס געשטיגען ביז 35 דאל. א וואך. דיזען סיזאן, נאך דעם קאנפערענץ מיט אונזערע בעלי הבתים איז געסעטעלט געווארען פאר די קלאוק קאטערס א מינימום וויידזש פון 40 דאל. א וואך, סקוירט קאטערס מינימום וויידזש פון 37 דאלער א וואך.

דער לאקאל פון די קאטערס יוניאן אין פילאדעלפיא איז יעצט גאנץ טעטיג. די מיטינגען ווערען גאנץ גוט באזוכט, ספּעציעל די לעצטע מיטינגען וואו עס איז באריכטעט געווארען דער רעזולטאט פון די קאנפערענצען, זיינען געווען גאנץ לעבהאפטע און עס איז צו האפען, אז אלע קאטערס פון פילאדעלפיא וועלען פארשטעהען די ריכטיגע באדייטונג פון דעם לעצטען זיעג און וועלען זיך נאך בעסער ארגאניזירען אום צו האבען דעם פולען בענעפיט ווי אונזער יוניאן האט דאס פאר זיי מעגליך געמאכט.

עלעקשאן אין די אנדערע לאקאלס.

ביי די נעקסטע ברענטש און לאקאל מיטינגען פון קלאוק מאכער, סקוירט מאכער, פרעסער און פינישער, וועט שטאטפינדען נאמינײשאנס און עלעקשאנס פאר לאקאל און ברענטש בעאמטע, און אויך פאר דזשאינט באארד בעאמטע. מיר אפּעלירען צו אונזערע מעמבערס צו קומען צו די מיטינגען און ערוועהלען די פאסענדע פערזאנען, וועלכע דארפען שטעהען בראש פון אונזער ארגאניזאציאן.

די מיטינגען פון קלאוק מאכער, סקוירט מאכער און פרעסערס וועלען שטאטפינדען די נעקסטע צוויי שבתים אין 314 קעטהערין סט. די פינישערס וועלען האבען זייערע מיטינגען אין די נעקסטע צוויי פרייטאגס אין 505 רידזש סט. נאכדעם וועלען קיינע ספּעציעלע ברענטש מיטינגען נישט אפגעהאלטען ווערען פאר די מאנאטען דזשולײ און אויגוסט, אויסער די לאקאל דזשענעראל מעמבערס־מיטינגס איינמאל ביים ענדע מאנאט, לויט דעם לעצטען באשלוס פון דעם דזשאינט באארד. מיר אפּעלירען דארום נאך אמאל צו אונזערע מעמבערס דיזע וויכטיגע מיטינג נישט צו פארפעהלען.

וויכטיג פאר אלע מעמבערס פון לאקאל 2.

אום צו פארמיידען אונאנגענעמליכקייט אין דער צוקונפט, ווילען מיר מאכען פאלגענדע מיטטיילונג צו אונזערע מעמבערס אין באצוג אונזער קראנקען־פאנד.

ברידער! איהר ווייסט, אז אין קיין אנדערע לאדזש, סאסייעטי, פאראיין אדער ארדען ווערט נישט אזוי גרינג אויסגעצאהלט סיק בענעפיט ווי אין אונזער יוניאן. אין דער לעצטער עפּידעמיע האט אונזער יוניאן אויסגעצאהלט איבער 12 הונדערט דאלער אין סיק בענעפיט, אהנע קאמיטעס, און טיילווייז אויך אהן מעלדונגען. ווען דער מעמבער האט נאר געלאזען וויסען, אז ער איז געווען קראנק איז איהם באוויליגט געווארען סיק בענעפיט. און אויך פאר דער לעצטער צייט ווערט אויסגעצאהלט סיק בענעפיט אלע די יעניגע וועלכע זיינען בארעכטיגט דערצו אהנע שוועריגקייטען.

עס האט זיך אבער באוויזען א נייער טיפּ מעלדונגען, וועלכע וועלען מוזען געסטאפּט ווערען, — מעלדונגען וועלכע ווערען געמאכט נאך דעם ווי דער קראנקער ווערט געזונד, אהנע צושריפטען. דאס וועט מוזען געסטאפּט ווערען. מיר לאזען וויסען, אז קיין בענעפיט וועט ניט אויסגעצאהלט ווערען אין דער צוקונפט ביז דער קראנקער וועט נישט מעלדען שריפטליך צו דעם סעקרעטער ווענען זיין קראנקהייט.

מעלדונגען מוזען געמאכט ווערען יעדע וואך אין פאל פון קראנקהייט.

די יעניגע וועלכע זיינען שולדיג איבער 1 דאלער דיוס בלייבען אין אריער פאר 2 וואכען און זיינען נישט בארעכטיגט צו קיין סיק בענעפיט.

א. נייבאור, סעק. לאק. 2, פיל.

די קלאוקמאכער אין סינסינעטי באקומען א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך

פון מאררים דאלניק

ווערטער רעדאקטאר פון די „גערעכטיגקייט": —

ערלויבט מיר, אין נאמען פון אלע קלאוקמאכער אין סינסינעטי, אויסצודריקען אונזער פרייד מיט דעם גלענצענדען זיעג פון די קלאוקמאכער אין ניו יארק. עס איז גאנץ זיכער, דאס דער זיעג פון די קלאוקמאכער אין ניו יארק איז א זיעג פאר אלע קלאוקמאכער פון גאנץ אמעריקא. די קלאוקמאכער ביי אונז אין סינסינעטי פיהלען דאס שוין.

אונזער אגרימענט מיט די מאנופעקטשורער אין סינסינעטי האט זיך געענדיגט אין מאנאט פעברואר, 1919. ווען מיר האבען דעמאלט גענומען מאכען פארבערייטונגען פאר א נייעם אגרימענט האבען אונזערע ארבייטער דא געהאט א גאנץ שוואכען באגריעף וועגען א 44 שטונדיגער ארבייטס־וואך. גליקליכערווייזע האט אבער ברודער שניידער, אונזער פריהערדיגער ביזנעס איידזשענט, פארגעזעהען וואס אין דער ניו יארקער קלאוק אינדוסטרי געהט פארקומען. ער האט שוין דעמאלט געזעהען, דאס וואך־ארבייט און א 44־שטונדיגע ארבייטס־וואך וועלען זיין די הויפּט פארדערונגען, און מיר זיינען געקומען צום שלום, אז אויך מיר אין סינסינעטי דארפען עטאבלירען די זעלביגע ארבייטס־באדינגונגען.

טי הערט וואס מיר האבען געטאן; ווען אונזער דזשאינט באארד האט זיך גענומען אויסארבייטען דעם נייעם אגרימענט מיט די מאנופעקטשורערס אויף דעם באזיס פון 48 שטונדען א וואך ארבייט, זיינען מיר פעסט באשטאנען אז אין דעם אגרימענט זאל אריינגעשטעלט ווערען א ספּעציעלער פונקט, דאס וויבאלד די קלאוקמאכער אין ניו יארק וועלען באקומען א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך, זאלען מיר דא אויך ארבייטען ניט מעהר ווי 44 שטונדען א וואך.

ווי איהר זעהט, ווען מיר וואלטען דעמאלט געוואוסט, אז די הויפט פראגע אין ניו יארק וועט זיין וואך־ארבייט, וואלטען מיר איצט אין סינסינעטי אויך שוין געארבייט פון וואך. אלזא, וועגען וואך־ארבייט איז אונז דעמאלט ניט אויסגעקומען צו שטרייטען און דעם בראווען קאמפּף פון די ניו יארקער קלאוקמאכער האבען געוואונען בלויז א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך.

עס איז דא כדאי איבערצוגעבען א כאראקטעריסטיק פון די קלאוק מאנופעקטשורער אין סינסינעטי.

ווי עס שיינט, זיינען אונזערע מאנופעקטשורער געווען „זיכער" דאס די קלאוקמאנופעקטשורער אין ניו יארק וועלען מאכען א ביטערען „פייט" געגען א 44־שטונדיגער ארבייטס־וואך. זיי האבען אויך געפרופט איינשמועסען אונזערע קלאוקמאכער, דאס די פארדערונגען פון דער יוניאן פאר וואך־ארבייט און פאר א 44 שטונדיגער ארבייטס־וואך איבערהויפּט, זיינען ניט קיין „פארנינפטיגע". זיי האבען זיך אויך געטרייסט מיט דעם, „אז א סך פון די ניו יארקער קלאוקמאכער זיינען נעגען וואך־ארבייט", און דאס יענע ארבייטער וועלען ניט פאלגען דעם רוף פון דער יוניאן, ווען מען וועט זיי רופען צו סטרייקען דערפאר.

היינט שטעלט אייך פאר, ווי אונזערע בעלי בתים האבען געפיהלט, ווען עס זיינען דא אנגעקומען די ניו יארקער צייטונגען מיט גרויסע קעפּלעך אויף מארגען ווען דער סטרייק איז גערופען געווארען, וועלכע האבען געלויטעט:

„פופציג טויזענד קלאוקמאכער האבען ווי איין מאן פארלאזען די שעפּער!"

„קלאוקמאכער ענטפערען דעם רוף פון דער יוניאן מיט גרויס באגייסטערונג!"

„אלע קלאוק שעפּער שטעהען פוסט — די ארבייטער זיינען ארונטער אין דער בעסטער ארדנונג".

און אזוי ווייטער. איהר קענט זיך דארט מישער זיין ווי אונזערע באסעס האבען, נעבאך, געפיהלט דאס לעזענדיג. דערפאר אבער פארשפּאר איך אייך דערצעהלען ווי אזוי מיר, אלע אונזערע מיטגליעדער, האבען געפיהלט, ווען מיר האבען דאס געלעזען! אונזער הארץ און נשמה איז געווען מיט די סטרייקער, און מיר האבען זיי יעדען טאג געשיקט אונזער ברכה! מיר האבען מיט'ן גרעסטען אינטערעס נאכגעפאלגט יעדען ריהר פון דעם סטרייק.

ברידער און שוועסטער פון ניו יארק! אייער קאמפּף איז אויך געווען אונזער קאמפּף און אייער זיעג איז אונזער זיעג, דער זיעג פון אלע קלאוקמאכער, וואו זיי זאלען זיך ניט געפינען. דער זיעג פון „אייער" קלאוקמאכער יוניאן איז דער זיעג פון אלע קלאוקמאכער יוניאנס איבער'ן גאנצען לאנד.

יא, אונזער אינטערנעשאנעל איז א וואונדערבארע ארגאניזאציע און אונזער אונערמידליכער ארבייטער, ברודער שלעזינגער, דער דזשענעראל עקז. באארד און אלע אונזערע מיטגליעדער פון דער „רענק און פייל" מעגען זיך גראטולירען מיט'ן גרויסען ערפאלג און מיט דעם פּראגרעס וואס מיר מאכען.

מיט ברודערליכען גרוס,

מאררים דאלניק.

ביזנעס איידזשענט קלאוקמאכער יוניאן סינסינעטי, אהייא.

האט דערזעהען פאר זיך יענע הויכע מויער וועלכע איז נאך קיין מאל נישט איבערגעפארבען געווארען, און אין וועלכע עס האט זיך געפונען דער שאפּ וואו ער האט אזוי פיעל יאהרען אוועקגע'פטור'ט, אזוי פיעל געזונד פארלארען; אזוי פיעל שעהנע אידען באגראבען ביי דער שווערער ארבייט. זי שטעהט פאר איהם די גרויסע מויער און קוקט אראפּ מיט איהרע ברודנע פענסטער ווי מיט קאליע אויגען, און מאיר דערפיהלט איהרע טרויעריגע בליקען. עס געהט איהם דורך א שוידער איבער'ן לייב, ווי מוראשקעס וואלטען איבערגעהן אלע טיילען פון זיין קערפּער... עס ווערט איהם אזוי אומעטיג און באנג. וואו זיינען אהינגעקומען זיינע שעהנע אידען, וועלכע ער פלעגט דא פאר די ארבייטער פרעדיגען? ווארום האט ער זיי גענארט מיט זיינע פאלשע רייד? ווארום האט ער געדארפט אויפגעריכט ווערען, ארויסגעהן פון דער שאפּ און ווערען א רייכער אינשורענס אגענט? אמאל איז אינטערעסאנט געווען, ניט יעצט.

ער שטעהט און באטראכט די טרעפּ וועלכע האבען געפיהרט צו זיין שאפּ. די־זעלבע איינגעבראכענע טרעפּ, דערזעלבער שטויב דאכט זיך איהם ליגט נאך אויף זיי; ער הערט אפילו דעם זעלבען גערויש וואס טראגט זיך פון די שעפּער ארויס.

און אט קוקט ער ארויף אויף יענע פענסטער, דורך וועלכע ער האט ניט איינמאל ארויסגעקוקט מיט א פארטייניגטען בליק און זיך האפנונגסלאז געטראכט, אז פון דער שאפּ וועט ער זיך שוין קיינמאל ניט ארויסראטעווען. און עס ער־

שיינט פאר איהם די געשטאלט פון זיין באס, וועלכער האט זיך אימער צו איהם געטשעפּעט פאר די שלעכטע שטעך וואס ער מאכט, וואס ער קומט אריין עטליכע מינוטען שפּעטער צו דער ארבייט און וואס ער דרעהט צו פריה אוים די גאז אום צו געהן אהיים. א בייזער מענש געווען, זיין באס, מר. שפּרוץ. שטענדיג איז ער ארומגעגאנגען און גערערט די עטליכע הערלעך אויף דעם פלאץ פון די וואנסען און איהם נאר מיט עפּעס אויפגעווארפען. דעם גאנצען לעבען האט מאיר געזוכט א געלעגענהייט איהם אנצוטאן דיזעלבע שאנדע וואס ער האט איהם אמאל געטאן. כאטש איהם איינמאל אויסזידלען פאר די אלע יאהרען וואס ער איז פון איהם געזידעלט געווארען.

מאיר איז אריין אין קארידאר, האט גלייך געמאכט די נעטע קליידער, וועלכע האבען נאך אויסגעזעהן ווי נייע, האט אויפגעשפּילעט דעם ראק, — די גאלדענע קייט זאל זיך זעהן, האט זיך צורעכט געמאכט די גאלדענע פאנסנע וואס זיינען לייכט אויף דער נאז געלעגען און האט גענומען איבערקוקען אלע בריעף־קעסטלאך וואס געפינען זיך אויף דער וואנד. ער האט אבער שפּרוץ'ס נאמען נישט געפונען. אך, ווען ער וואלט איהם געפונען. ער וואלט עס איצט ארויף צו איהם און וואלט אויסגעלאזען צו איהם דעם גיפט וואס ער האט די גאנצע צייט וואס ער האט דא געארבייט אין איהם אריינגעלאזט. ער האט זיך אבער ארויסגעדרעהט פון האל און זיך נאכדעם צולאכט פון דער נארישקייט.

ווען ער האט ווידער דערזעהן די גאס פאר זיך, אט די גאס דורך וועלכע ער פלעגט געהן צו און פון דער ארבייט, צו מיטאג שטונדע שטעהן אויפ'ן ווינקעל א הונגעריגער, ווייל מר. שפּרוץ פלעגט זיין געלד פארהאלטען, — ערשט יעצט האט ער פרייער אויפגעאטעמט. עס איז די זעלבע גאס, ער דארף אבער מעהר נישט געהן דא צו דער ארבייט. ער האט זיך דערפיהלט פריי און זיך געלאזט געהן פאר ביזנעס.

ווען ער האט אבער געוואלט אריבערגעהן די אנדער זייט, האט ער דערזעהן שטעהענדיג פאר זיך א מאן מיט עטליכע הערלעך אויף דעם פלאץ פון די וואנסען, וועלכער האט א פארשוויצטער, א מאגערער, און אויסגעהארעוועטער, געבעטען איהם העלפען ארויפלעגען דעם שווערען פּאק אויף די פּלייצעס. דער פּאק איז געשטאנען נעבען זיינע פיס.

מאיר האט רחמנות געקראגען אויף דעם אידען, האט אראפּגעלאזט די פּארטפעלא וואס ער האט געהאט מיט זיך, און געוואלט העלפען דעם ארימען אידען. ער האט אבער זיך איינגעקוקט אין דעם אדרעסמענס בליק און ער האט בליצשנעל דערקענט אין איהם עפּעס א באקאנטען.

— מר. שפּרוץ! — האט ער אויסגעשריען.

— מאיר! — האט דער איד אויסגערופען, און זיין מאגערער פּנים האט זיך אנגעפילט מיט בלוט פאר שאנדע.

— פּעק שלעפּט איהר נאר, מר. שפּרוץ, האָ?

— זעהסט דאך! — ענטפערט ער,

דערמאנענדיג זיך אן זיין גדולה וואס ער האט דא אמאל געהאט, — ארים געווארען. די סטרייקס האבען מיך געמאכט פאר אן ארימאן. און דו, מאיר?

— איך?! — ענטפערט מאיר שטאלץ, באווייזענדיג מיט'ן בליק אויף זיך, — ווען איהר האט מיין געלד, וואלט איהר געקענט האבען דריי שעפּער ווי איהר האט אמאל געהאט. אבער פּעק שלעפען, מר. שפּרוץ, שלעפען באנדעלס הייזקעס? א געוועזענער באס!

— פּרנסה! צו וואס דען האב איך זיך געקענט נעמען?

— און איהר האט נאך כחות?

— מען האט ניט, נאר מען מוז שלעפען...

— זאל איך אייך העלפען ארויפלעגען דעם פּאק, גוט! רופט זיך אן א גליקליכער מאיר, און א שמייכעל צושפּרייט זיך אויף זיין פּנים.

ער העלפט איהם אויפהויבען דעם פּאק און איינגעבויגען אין דרייען שלעפּט זיך מר. שפּרוץ מיט דער שווערער משא ארויף די טרעפּ וועלכע פיהרען צו דעם פלאץ וואו ער איז אמאל געווען א באס און מאיר אן ארבייטער.

— אט דאס איז געווארען פון א געוועזענעם באס! — רופט אויס מאיר צו זיך, און דרעהט זיך ארום פון דער גאס א גליקליכער פון נקמה. — עס וואלט ניט שאדען, — טראכט ער זיך ווייטער, — אז דעם זעלבען סוף זאלען האבען אלע באסעס, וועלכע זיינען שלעפּט צו די ביטער...

אסתר המלכה

פון דר. אסתר לוריע.

דאס האט פאסירט אין אחשורוש'ס צייטען. ער איז געווען א קעניג איבער 127 לענדער. אין דריטען יאהר פון זיין הערשאפט האט ער געמאכט א באל פאר די אנגעזעהנסטע מענער פון זיין לאנד. דער באל האט געדויערט 180 טעג. די איינגעלאדענע געסט האט מען געציינט דאס רייכטום פון אחשורוש. ווען די שמחה האט געהאלטען ביים ענדע, האט דער קעניג געמאכט א באל פאר'ן פאלק, וואס האט זיך געפונען אויפ'ן שלאס. דער באל האט געדויערט 7 טעג. מען האט דערלאנגט די טייערסטע וויינען און די טייערסטע עסענס אין גרויסארטיגע געשיר. די זאלען זיינען געווען גרויסארטיג אויסגעפוצט. און די קעניגין ושתי האט געמאכט א באל פאר די פרויען.

דאס איז געווען אויפ'ן זיבעטען טאג. דער קעניג האט אויסגעטרונקען א קאפעטשקע וויין און איז געווען גוט געשטימט. ער האט געבעטען זיינע זיבען קאמערדיענער, אז זיי זאלען רופען די קעניגין מיט דער קעניגליכער קרוין. די קעניגין איז געווען זעהר שעהן, און אחשורוש האט געוואלט זיין פאלק צייגען איהר שעהנקייט. די קעניגין האט אבער ניט געוואלט פאלגען דעם קעניג און איז ניט געקומען. דער קעניג איז געווארען אויסער זיך פון כעס. ער האט געפרעגט זייטע ראטגעבער, ווי אזוי ער זאל באשטראפען די קעניגין און מומכן האט איהם געזאגט דאס פאלגענדע:

„די קעניגין ושתי האט זיך פארזינדיגט ניט נעגען דעם קעניג אליין, נאר נעגען אלע פירשטען און אלע פעלקער, און אלע לענדער, וואו קעניג אחשורוש הערשט. דער קעניגין'ס האנדלונג וועט פארדארבען אלע ווייבער. זיי וועלען נאכטאנצען איהר און וועלען פאראכטען זייערע מענער, זאגענדיג, „דער קעניג אחשורוש האט געלאזט רופען צו זיך די קעניגין ושתי, זי אבער האט ניט געוואלט פאלגען". אזוי וועלען די פירשטינען אין פערסיען און מעדיען ענטפערען צו דעם קעניג'ס פירשטען, ווען זיי וועלען דערהערען וועגען דער האנדלונג פון דער קעניגין, אזוי וועט זיך אויפהויבען א פאראכטונג צו די מענער אין לאנד. דערפאר דארף דער קעניג אחשורוש געבען א באפעהל און אוועקשיקען דאס אין אלע לענדער: ושתי טאר מעהר זיך ניט יאווען פאר'ן קעניג, און די קעניגליכע ווירדע וועט אחשורוש אוועקגעבען צו אן אנדערער, וועלכע איז בעסער פון איהר."

דעם קעניג איז געפעלען געווארען דער ראט.

ווייטער האט מען דעם קעניג געגעבען א פאלגענדע עצה: די שעהנסטע פרויען פון אלע לענדער פון אחשורוש'ס קעניגרייך זאלען זיך צונויפקלייבען אין זיין פאלאץ, און דער קעניג וועט זיך צווישען זיי אויסקלייבען די שעהנסטע פרוי, וועלכע וועט זיין די קעניגין אויף ושתי'ס פלאץ.

אין קעניגליכען פאלאץ האט זיך געפונען א איד מרדכי, מען האט איהם אוועקגעפיהרט פון ירושלים צוזאמען מיט יכניה, דעם מלך-יהודה. זיי האט אוועקגעפיהרט דער באבילאנישער קעניג, נביכדנצר. ער איז געווען דער אפעקון פון אסתר'ן, זיין אנקעל'ס טאכטער, וועלכע האט ניט געהאט קיין טאטע-מאמע. זי איז געווען זעהר א שעהנע מיידעל, און מרדכי האט זי גענומען צו זיך און האט זי ערצויגען אלס טאכטער. מרדכי האט זי נעבראכט אין קעניגליכען פאלאץ. דער אויפזעהער האט זי אריינגענומען צווישען די שעהנע פרויען און האט איהר געגעבען טייערע צירונג. מרדכי האט אסתר'ן אנגעזאגט, אז זי זאל ניט דערצעהלען וועגען איהר אבשטאמונג. זי האט געטאן אזוי, ווי ער האט איהר געהייסען.

די פרויען זיינען געווען אין קעניגליכען פאלאץ 12 מאנאטען, איידער מען האט זיי געבראכט צו אחשורוש'ן. ווען מען האט די פרוי געפיהרט צום קעניג, האט מען איהר געגעבען אלעס, וואס זי האט נאר געוואלט. אסתר האט קיין זאך ניט געפאדערט. זי האט געפונען חן אין דעם קעניג'ס אויגען. ער האט אויף איהר ארויפגעזעצט די קרוין און האט זי געמאכט פאר א קעניגין אויף ושתי'ס פלאץ.

צו אסתר'ס כבוד האט דער קעניג געמאכט א גרויסען באל. דאן האט מען געמאכט א צווייטען ספעציעל פאר די פרויען. מרדכי איז געזעסען ביים טויער, און האט דערגאנגען, אז צוויי הויפטלייט ווילען דערהרג'ענען דעם קעניג. אסתר האט דאס איבערגעגעבען אחשורוש'ן אין מרדכי'ס נאמען. מען האט אויסגעפארשט די זאך, וועלכע האט זיך ארויסגעוויזען פאר ריכטיג און מען האט דאס פארשריבען אין די כראניקען.

נאך דיעזע פאסירונגען האט דער קעניג געמאכט גרויס המן'ען. ער האט איהם געמאכט גרעסער פון אלע זיינע פירשטען. און אלע קנעכט אין קעניגליכען פאלאץ האבען זיך טיעף געבויגען פאר המן'ען און זיינען פאר איהם געפאלען אויף די פיס. בלויז מרדכי פלעגט דאס ניט טאן. המן איז געווארען אין כעס אויף מרדכי'ן. ער האט ניט געוואלט איהם אליין דערהרג'ענען, נאר פארניכטען זיין גאנצעס פאלק; ער האט געוואוסט, אז מרדכי איז א איד. המן האט געזאגט דעם קעניג, אז אין אלע לענדער פון זיין קעניגרייך געפינען זיך אידען, וועלכע לעבען לויט זייערע אייגענע געזעצע, און האט פארגעלייגט זיי צו פארניכטען אין איין טאג. דער קעניג האט איינגעוויליגט. און המן האט געשיקט א באפעהל אין אלע לענדער פון אחשורוש'ס קעניגרייך, אז דעם 13טען אדר זאל מען פארניכטען אלע אידען.

ווען מרדכי האט זיך דערוואוסט וועגען דעם, האט ער געקלאגט. ער האט צוריסען זיינע קליידער, אנגעטאן אויף זיך א זאק מיט אש, און איז מיט געשריי ארומגעגאנגען איבער די גאסען. אויך אלע אידען האבען געלארמט און געוויינט. ווען אסתר האט דערזעהן פון פענסטער מרדי'ן אין צריסענע קליידער, האט זי איהם געשיקט אנדערע, ער האט זיי אבער ניט אנגעטאן. דאן האט זי געשיקט א קאמערדיענעריען דערגעהן, וועגען וואס עס האנדעלט זיך. ער האט ניט געקענט קומען אין קעניגליכען הויף אין א זאק. ער האט דעם קאמערדיענער איבערגעגעבען פאר אסתר'ן דעם באפעהל צו פארניכטען די אידען. ער האט אויך איבערגעגעבען, אז אסתר זאל בעטען דעם קעניג פאר איהר פאלק. דאס איז אבער געווען ניט לייכט אויסצופיהרען. לויט דעם קעניגליכען געזעץ האט קיינער ניט געקענט אריינגעהן צו איהם אין הויף, וועמען ער האט ניט גערופען. ווער עס פלעגט דאס וואגען, פלעגט גלייך דערהרג'עט ווערען. דאס לעבען האט מען געקענט ראטעווען בלויז דאן, ווען דער קעניג פלעגט אויפהויבען דעם גאלדענעם סצעפטער. מרדכי האט געזאגט, אז אסתר דארף ריזיקירען מיט איהר לעבען. אסתר האט געהייסען, אז מרדכי זאל צונויפרופען אלע אידען פון שושן, און זיי זאלען פאסטען און בעטען גאט, אז דער קעניג זאל ערפילען איהר בקשה. זי און איהרע קנעכט האבען אויך געפאסט. מרדכי האט געטאן, וואס אסתר האט איהם געהייסען.

אויפ'ן דריטען טאג האט זיך אסתר אנגעטאן אין קעניגליכע קליידער און איז אריין אין אינערליכען הויף פון פאלאץ, וועלכער האט געפיהרט אין קעניג'ס אפטיילונג. דער קעניג האט, דערזעהענדיג אסתר'ן, אויפגעהויבען זיין סצעפטער. זי איז אריין, און ער האט זי געפרעגט:

„וואס פעהלט דיר, אסתר, קעניגין, און וואס פארלאנגסט דו? אפילו די העלפט פון מיין קעניגרייך וועל איך דיר אוועקגעבען."

אסתר האט איינגעלאדען דעם קעניג און המן'ען צום באל, וואס זי האט געגעבען דעם זעלבען אבענד. צום באל האט דער קעניג ווידער געפרעגט ביי דער מלכה, וואס זי וויל, ער האט נאך אמאל צוגעגעבען: „אפילו די העלפט פון מיין קעניגרייך וועל איך דיר אוועקגעבען".

אסתר האט געענטפערט, אז ווען זי האט געפונען חן אין דעם קעניג'ס אויגען, וויל זי איהם צוזאמען מיט המן'ען איינלאדען מארגען צו א באל, און דאן וועט זי זאגען, וואס זי פארלאנגט אייגענטליך. המן איז געבליבען זעהר צופריעדען, וואס די קעניגין האט איינגעלאדען בלויז איהם אליין צוזאמען מיט'ן קעניג. ארויסגעהענדיג אבער פון פאלאץ, האט ער דערזעהן ביים טויער מרדכי'ן, וועלכער האט זיך פאר איהם ניט פארנייגט. דאס האט איהם איבערגעפיהרט זיין שטימונג. קומענדיג אהיים האט ער צוזאמענגערופען זיינע פריינד און זיין ווייב און זיי דערצעהלט זיין שמחה און זיין עגמת נפש. די פריינד האבען איהם אן עצה געגעבען — אויפצושטעלען אין זיין הויף א בוים, 50 איילען הויך, אויף וועלכען ער זאל אויפהענגען מרדכי'ן, קריגענדיג דעם קעניג'ס צושטימונג דערצו.

אין דער זעלבער נאכט האט דער קעניג ניט געקענט שלאפען, און ער האט געהייסען צו זיך ברענגען די כראניקעס, אין וועלכע ער האט געלעזען, ווי מרדכי האט געראטעוועט זיין לעבען. ער האט געפרעגט, ווי האט מען באלוינט מרדכי'ן. מען האט איהם געענטפערט, אז מען האט איהם גאר ניט באלוינט. דער קעניג האט זיך פארטראכט. דערזעהענדיג המן'ען, וועלכער איז געקומען איהם אנזאגען, אז ער קלייבט זיך מארגען אויפצוהענגען מרדכי'ן. ער האט אריינגערופען זיין פרעמיער צו זיך און האט איהם געפרעגט, וואס זאל מען טאן מיט א מענשען, וועלכען דער קעניג וויל עהרען. המן איז געווען זיכער, אז דאס מיינט מען איהם און ער האט געענטפערט, מען זאל איהם אנטאן קעניגליכע קליידער, מען זאל איהם ארויפזעצען א קעניגליכע קרוין אויפ'ן קאפ, מען זאל איהם צוטראגען א קעניגליכען פערד, מען זאל איהם אויפ'ן פערד פיהרען איבער די גאסען און אויסשרייען: „אזוי האנדעלט מען מיט א מענשען, וועלכען דער קעניג גיט אפ כבוד". דער קעניג האט איהם פארגעלייגט. דאס אלעס צו טאן מיט מרדכי'ן. ער האט דאס אויסגעפיהרט, זיין הארץ איז אבער געווען פארביטערט.

ביים באל האט אסתר געבעטען דעם קעניג זי און איהר פאלק צו ראטעווען פון דעם בייזען המן. דער קעניג איז געווארען זעהר אין כעס, און איז געגאנגען איבער זיין גארטען א פארטראכטער. המן האט זיך געבעטען ביי אסתר'ן, אז זי זאל ראטעווען זיין לעבען. דער קעניג האט זיך בארוהיגט און איז אריין אין זאל. דא האט מען איהם דערצעהלט, אז המן האט צוגעגרייט פאר מרדכי'ן א בוים, אויף דיעזען בוים האט דער קעניג געהייסען הענגען המן'ען. ער האט איבערגעגעבען מרדכי'ן און אסתר'ן די מאכט צו שרייבען אין אלע לענדער פון זיין קעניגרייך, אז די אידען זאל מען דעם 13טען אדר ניט טשעפען. פארקעהרט, די אידען קענען ראכע נעהמען פון זייערע פיינד. דאס האט געבראכט פיעל שמחה צווישען די אידען. און דעם 14טען אדער האבען זיי געפייערט זייער באפרייאונג און מרדכי און אסתר האבען פארארדענט אז די אידען זאלען אלע מאל פייערן דעם 14טען אדר, פורים, דעם יום טוב, אין וועלכען מען לעזט מגלת אסתר, אין וועלכען מען קלאפט מיט די פיס המן'ען.

גאסען-בילדער

פון באנקיר פאן יאסעלדארף.

ווער איז מעהר אומגליקליך?...

אויף דער באורי, די שפאציער-גאס פון די ניו יארקער טרעמפס, איז אויפ'ן ראנד פון א מיסט-בארעל געזעסען א הויכער, מאגערער מאן, מיט א שווארץ-בלויליכען געזיכט, מיט א ברוינער, גאלד-געוועבטען בארד און האט געגריזשעט א פארדארטען זעמעל וואס ער האט ארויסגעזוכט פון דער בארעל. ער איז געווען אנגעטאן אין אפגעפליקטע קליידער, און פון דער זשילעט וועלכע איז אויף איהם געהאנגען אומגעלומפערט צוליעב די צורעפענטע נעט, האט ארויסגעקוקט זיין נאקעטע לייב וואס האט געגעבען דעם אויסזעהן ווי לאטעס; זיינע שיך זיינען געווען אויסגעטראטען, די קנאפעל זיינען געווען גלייך מיט די פארדעשוועס און שטיקלעך שנירלעך פארקניפט אין אונארדנונג זיינען איבער זיי געהאנגען.

די אנדערע טרעמפס וואס זיינען איהם פארבייגעגאנגען האבען איהם באגריסט מיט „האללא דזשימי. האט דעי!" אדער „דו עסט שוין דיין סאפער, דזשימי!" נאר ער האט זיי קורץ געענטפערט: „האט!" „יעס!" און ער האט ווידער געגריזשעט דעם זעמעל.

אין יענער צייט האבען זיך די טייזענדער ארבייטער ארויסגעלאזען פון די שעפער און פיעלע זיינען אויפ'ן וועג אהייב איהם פארבייגעגאנגען. די מיעדע בליקען פון די ארבייטער-מיידלעך, יונגע לייט און עלטערע מענשען זיינען אויף איהם געפאלען און יעדער פון די פארבייגעהענדע האט קוקענדיג אויף איהם שווער אפגעזיפצט.

געטראכט האט זיך יעדער פון זיי: ווי שווער ס'איז צו ארבייטען אין א שאפ, אבער ווי גוט איז עס אז מען קומט פון דער ארבייט און מען טרעפט א היים, דער טיש איז געגרייט מיט שפייז, מען זיצט און מען פארברענגט מיט דער פאמיליע, מיט אייגענע, מיט באקאנטע; מען געהט פון איין הויז אין דער צווייטער און עס איז אינטערעסאנט. דער ארימער נעבעך, דער טרעמפ, ווי שלעכט איז איהם, ער עסט אהן א טיש, ער שלאפט אהן א בעט, ער וואלגערט זיך זיין גאנצען לעבען ארום אין די ברודנע גאסען, און עסט די שפייז וואס די מענשען ווארפען ארויס. האט ער נישט קיין געלד צו קויפען זיך נייע קליידער, געהט ער אין די אלטע, צוריסענע קליידער, וואס מענשען האבען שוין פון דעם נישט געקענט האבען מעהר קיין נוץ און האבען עס אין גאנצען ארויסגעווארפען.

מיט דיעזע געדאנקען געהט זיך יעדער פארביי פאר איהם און זיפצט אויס: „אונגליקליכער."

ווען דזשימי איז פארטיג געווארען מיט זיין ארימען סאפער, האט ער צונויפגעשארט די ברעקלעך אין א הויפען און זיי אריינגעשאטען אין מויל און זיי דערשלונגען מיט גרויס אפעטיט. ער האט זיך דאן צוזאמענגעשפילעט די צוריסענע וועסט, פארלעגט א פוס איבער א פוס און זיך געזעצט קוקען אויף די פארבייגעהער.

געדיכטע רייהען פון ארבייטער זיינען געגאנגען און געגאנגען און האבען נישט אויפגעהערט אין זייער מארשרוט. ער האט געקוקט אויף די בלייכע פנים'ער פון די יונגע לייט און מיידלאך, וועלכע זיינען פון דער ארבייט געגאנגען און אויף וועלכע עס איז קענטיג געווען דער שווערער טאג ארבייט אין שאפ. ער האט מיט א רחמנות בליק אויף זיי געקוקט, מיט אזא באדויערען, ווי ער וואלט געווען דער גליקליכער און זיי די אונגליקליכע...

„נאך אלעמען, — האט ער א טראכט געטאן, פארגלעטענדיג אביסעל זיין בערדעל, — וואס פעהלט מיר? מיינע טעג זיינען פרייע, מיינע נעכט זיינען רוהיגע. איך דארף נישט קלערען פון צאהלען רענט, פון קויפען שפייז, פון זארגען וועגען א דירה, וועגען קליידער, וועגען חובות. איך שטעל זיך צופריעדען מיט אלץ וואס מיר איז באשערט. אזוי דארף זיין א מענש, ווי חושך'דיג, ווי טרויעריג עס זעהען אויס די ארימינקע יונגע מיידלאך, וואס געהען פון די שעפער, די אויגען זייערע וויינען אזש. פאר וואס מוטשענען זיי זיך אזוי פיעל, צו האבען דאס אלעס וואס איך קריעג פאר גאר נישט. און די בחורים — ווי מיעד זיי געהען. ווי איינגעבויגען און מאט!"

ער האט זיך אויפגעהויבען מיט שטאלץ פון דער בארעל, האט צורעכט געמאכט אויף זיך דעם אלטען קאפעליוש, האט ארונטערגעטרייסעלט פון זיך די ברעקלעך און האט קוקענדיג אויף זיי אויסגערופען: „אונגליקליכע!" און ער איז אוועק אין פארק, וואו ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף א באנק, וואו ער האט שוין געפונען אנגעגרייט אן אויסגעלעזענע צייטונג וואס אימיצער האט איבערגעלאזען, און איז אזוי זיצענדיג און לעזענדיג איינגעשלאפען מיט זיסע חלומות...

א געוועזענער באס

מאיר ברעגמאן איז מיט יאהרען צוריק געווען א שטעפער ביי הייזקעס. אין יענער צייט ווען ער האט זיך מיט דעם באשעפטיגט איז ער געווען דער אונגליקליכסטער מענש אויף דער וועלט. צו יענער צייט האט ער געהאט הויכע אידעאלען אין וועלכע ער האט שטארק געגלויבט און וועלכע ער האט ניט געקענט ווידמען זיין צייט צוליעב דעם וואס ער פלעגט אין שאפ דארפען אריינקומען זעקס אין דער פריה און פון דארט ארויסגעהן צעהן ביינאכט. ער איז איצטער אן אנדער מענש געווארען: ער איז אן אינשורענס אגענט, צייט האט ער גענוג, אבער די הויכע אידעאלען פעהלען איהם...

ערשט יעצט האט זיך איהם געמאכט אז ער איז דורכגעגאנגען די גאס וואו ער

בע. זיינען דאך די פיהרער פון אייער יר־ניאן ניט ערגער, ווי די פון פיעלע אנדערע, טא ווארום קומען דארט ניט פאר די אלע שפאלטונגען און רייסערייען? זיכער זיי־נען דאך די מיטגליעדער פון אייער יוניאן ניט וועניגער אינטעליגענט, ווי די אין אנ־דערע יוניאנס, און אויך זיי פארשטעהען, אז א מענש קען ניט זיין פאלקאם, טא ווארום פיהרען זיי זיך אויף אזוי, אז זיי שטעלען אין געפאהר זייער אייניגקייט און אלץ, וואס איז כאך פיעלע יאהרען פון ארבייט אויפ־געבויט געווארען? איהר הויבט אן אייער בריעף מיט מליצה, איז מולא, מוחל, נאכהער קומט איהר און ערקלערט, אז איהר וועט ארויסקומען מיט די פ א ק ט ע ן. זיינען מיר געשפאנט זיי צו הערען. און האבען מיר שוין איבערגעלייענט אייער גאנצען בריעף, זעהען מיר, אז עס איז גארניט מיט גארניט. וואס איז, א קאמפליינט־קלוירק האט פארלארען די געדולד און האט ניט גוט אויסגעהערט א קלעגער אדער א קלעגערין. קען זיין, אז עס איז אמת, אבער זאל אט דערפאר ארויסקומען אט די גאנצע מלחמה? ניין, אייער בריעף ערקלערט גארניט, איהר וועט מוזען פראבירען נאך אמאל. אונזער מיינונג איז, אזוי ווייט, ווי מיר האבען בא־אבאכטעט די גאנצע געשיכטע, איז עס איינ־פאכע היסטעריע, וועלכע ווערט אויסגענוצט פון אייניגע קליינע מענשעלאך, וועלכע מיי־נען, אז זיי וואלטען געווען בעסערע פיהרער, ווען גאט העלפט זיי. און אזוי ווי גאט העלפט זיי ניט, טרייען זיי אליין עפעס צו טאן. אבער, ווי עס שיינט, מיט גאנץ קנא־פען ערפאלג... וואס איז צו טאן? דאס מוז איבערגעלאזען ווערען צו די, וועלכע טראגען די גרויסע פאראנטווארטליכקייט. זיי וועלען שוין וואהרשיינליך געפינען דאס סא־מע נויטיגע. אין דערזעלבערצייט, גלויבען מיר, וועלען זיי געווים, אויב עטוואס איז פעהלערהאפט, זעהן עס ווי ווייט מעגליך גוט צו מאכען. איבריגענס, דאס ארויפווארפען די שולד אויף די פיהרער האט ווירקליך א קנאפען זין. אין היינטיגע צייטען ווערען פיהרער אויף קיינעם ניט ארויסגעצוואונגען. ווען די מיטגליעדער פון א יוניאן ווילען ניט איינעם אדער אלע זייערע פיהרער, הא־בען זיי די בעסטע מעגליכקייטען פון זיי פטור צו ווערען, און אויסוועהלען נייע. און וואס פארשטענדיגער זיי זיינען, אלץ רוהי־גער און געלאסענער, אהן געוואלדען און אהן סקאנדאלען פיהרען זיי אוים אט די נויטי־גע אפעראציע.

ב. בעקעראוו — אייער פארשלאג אויפ־צועפענען א דעבאטע איבער דעם איז אונז ווילקאמען, אבער דער טראבעל איז, דאס דער אנדערער צד אדער ער וויל ניט, אדער ער קען ניט דעבאטירען. ער קען ניט, ער וויל ניט אויסהערען קיין מיינונג, וואס איז געגען זיינע. ער האלט ניט פון דעבאטען, ער האלט פון דיקטירען, און ארויפצווינגען מיט גע־וואלט. אך, ווען די מענשען וואלטען נאר געלאזט ריידען מיט זיך, וואלט דאך גאר, אמת גוט געווען. אדרבה, זעהט איינעם פון זייער זיים, וואס זאל אנשרייבען עפעס אן ארטיקעל, וואס מען זאל קענען לייענען, און אהן זידלערייען!

ל. פ. — דעמאקראטיע איז געווים ניט קיין אידעאל, פאר וועלכען דער אמת־פרייער גייסט קען זיין זעהר ענטוזיאסטיש, ווייל דער עצם פון דעמאקראטי — איז פארט הער־שאפט, די הערשאפט פון דעם פאלק, פון דער גרויסער מאסע, אבער זיכער איז דעמאקרא־טיע פיעל, פיעל העכער און בעסער, ווי די הערשאפט פון איינעם אדער פון א קליקע איבער אלע. געווים איז טיראניי שלעכט אין יעדער פארמע, אבער פונדעסטוועגען וועט יעדער מענש גיכער אויסקלייבען אט די „טי־ראניי" פון פאלק, ווי די טיראניי פון איי־נעם. און עס איז א גאנץ קנאפער אונטער־שיעד, אויב דער איינער איז א שלעכטער אדער גוטער, א רעאקציאנער, אדער א פראגרעסי־ווער מענש. די טיראניי ווערט דורך דעם אויף א האר ניט בעסער. איהר וועט געפי־נען אין באקונינ'ס ביכעל „גאט און דער שטאאט" אייניגע אויסגעצייכענטע זייטלאך איבער אט די הערשאפט פון די חכמים, פון די וויסענשאפטסליוט, פון די, וועלכע האל־טען זיך פאר בארופען צו הערשען איבער די מיליאנען. דארט איז באקונין דער שטארק־סטער פארטיידיגער פון דעמאקראטיע, — נא־טירליך אין דעם בעסטען זין פון ווארט, ווייל אמת'ע, קאנזעקווענטע דעמאקראטיע איז דאך די העכסטע פרייהייט, וואס איז מעגליך אין א מענשליכער געזעלשאפט. און דאס, וואס מאנכע מענשען און פעלקער האבען געמאכט איצט דאס ווארט דעמאקראטיע צום שפאט־ווארט, דאס איז דאך געווים ניט די שולד פון דער אידעע גופא. די שעהנסטע און ער־האבענסטע אידעאלען זיינען אפט אויסגענוצט געווארען פון אלערליי געוויסענלאזע דעמאגא־גען. דאס מאכט אבער ניט די אידעאלען אויף א האר וועניגער ווערטפול. אלעס, וואס איז נויטיג, איז, אז דאס פאלק זאל ווערען קליגער, און ניט לאזען זיך פארדרעהען א מח פון אלערליי שעהנע פראזען.

די יוניאן־קאאפעראטיוו סאסייעטי
לאקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאן
פערקויפט אויסשליסליך
וויט־לילי טהעע
קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי

אויפמערקזאם

לאזט ניט אייערע קרובים און פריינד אין פוילען הונגערן

שיקט זיי געלט

די פעראייניגטע שטאאטען שטרעקט אויס א בעהילפיגע האנד. אונזער רעגיערונג האלט אויף אן אפיס אין ווארשאו, סאנאטארסקא 37, אונטער דעם נאמען פון דער אמעריקאן רעליעף אדמיניסטריישאן. דער צוועק פון דיזען אפיס איז צו העלפען די איינצעלנע מענשען אין די פעראייניגטע שטאאטען צו שיקען געלד צו זייערע הונגעריגע קרובים און פריינד אין פוילען.

דאס איז אייער הייליגע פליכט.

העלפט זיי!

מיר וועלען שיקען אייער געלט דורך דיזען אפיס. איהר קענט זיין זיכער מיט גוטער בעהאנדלונג און נידריגע פרייזען אונטער אונזער גאראנטי

די סטייט באנק.

The State Bank

376-378 GRAND STREET, NEW YORK

BRANCHES:
100 Essex St.
7 West 26th Street
158th Street and Westchester Ave.
115th Street and Fifth Ave.
Graham Ave. and Varet St., B'klyn
Pitkin and Stone Aves., Brooklyn

וועכענטליכע דיוס אין דער טשילדרען דרעסמאכער יוניאן לאקאל 50 געהעכערט פון 20 סענט אויף

25 סענט

די טשילדרען דרעסמייקערס יוניאן לאקאל 50 א. ל. ג. וו. י. מאכט בעקאנט צו אלע איהרע מיטגליעדער, דאס

פון דעם ערשטען דזשולי 1919 וועט די דיוס זיין 25 סענט א וואך

צו אלע מעמבערס פון אונזער יוניאן:

איהר ווערט אויפגעפאדערט צו ווערען גוטשטעהענד ביז דעם 1טען דזשולי אידער דער נייער געזעץ געהט אריין אין קראפט. די יעניגע וועלכע וועלען ניט גוט־שטעהענד ווערען ביז דער צייט, וועלען מוזען באצאהלען די ריקשטעהענדע שולדען לויט דעם נייעם געזעץ 25 סענט א וואך.

ספעשעל נאטיס צו די טשערליידיעס

די איינטריטס געלד פאר נייע מיטגליעדער וועט פון דעם 1טען דזשולי געהעכערט ווערען פון 3.45 דאל. צו 5.50 דאלאר.

טשילדרען דרעסמייקערס יוניאן

צווישען די קלאוקמאכער אין באלטימאר

פון א. ד. גלושאקאוו. *)

פרעז. שלעזינגער אין באלטימאר.

ווען דער פרעזידענט פון אונזער אינ־טערנעשאנאל ב. שלעזינגער מאכט א ספעציעלען באזוך דארט, וואו עס געפי־נען זיך קלאוקמאכער, איז שוין דאס אליין א גוטער סימן, אז עפעס גרויסעס וועט דארט פארקומען, אז א נייע לעבען וועט דארט אריינטרעטען.

מיר האבען א לאנגע צייט געווארט אויף דער געלעגענהייט, דאס פרעזידענט שלעזינגער זאל פערזענליך באטראכטען די אלגעמיינע סיטואציע פון דער קלאוק־אינדוסטריע אין באלטימאר, אין וועלכער עס ווערען באשעפטיגט געגען 400 קלאוקמאכער, מיטגלידער פון לאקאל 4. און וועלכע, ווי זאגט מען דאס, „מאכען א לעבען", אפילו ניט קיין פיינעלדיגען, אבער דאך א לעבען.

די קלאוק־אינדוסטריע אין באלטימאר ליידט איצט פון דער זעלבער צרה, וואס די אינדוסטריע ליידט אין אנדערע שטעדט, נעמליך וואס עס זיינען דא אויס־געוואקסען (קיין בייז אויג זאל זיי ניט שאדען!) קליינינקע באסעלעך, קאנ־טראקטארלעך, סובמארינקעס און „מאנו־פעקטשורעלעך", וועלכע באשעפטיגען א 3—4 אפרייטארס. דיזע שאפקעס וואק־סען ווי שוועמלעך נאך א רעגען און זיי האבען זיך פארמאסטען צו „פייטען דער יוניאן"...

מיר האבען געהערט פון דעם גרויסען, וואונדערבארען ניו יארקער קלאוקמאכער זיג — וואך־ארבייט און 44 שטונדען מיט א מינימום־סקייל, וועלכער איז דער ערשטער פעסטער גרונד־שטיין פאר דער אינטערנעשאנאל יוניאן צו בויען און בויען דעם טעמפעל פון עקאנאמישער זי־כערהייט און סאציאלער גערעכטיגקייט.

מיר האבען אלע הארציג גראטולירט אונזערע בראווע קעמפפער, די ניו יארקער קלאוקמאכער, און נישט איינמאל האבען מיר מיט טיפער, הארציגער פרייד זיך געטראכט:

— ווען מיר דא אין באלטימאר אויך קענען אויסקעמפפען דאס זעלבע, וואס די ניו יארקער קלאוקמאכער?

איין ספעשעל מיטינג נאכ'ן צוויי־טען האבען מיר אפגעהאלטען און דיס־קוטירט און גרינדליך ארומגערעדט די רי־קאנסטראקשאן פראגע פון שטיק אויף וואך ארבייט. מיר האבען אויסערוועהלט א 17נער קאמיטע פון די פעהיגסטע, אק־טיווסטע יוניאן לייט און ארויפגעלעגט אויף זיי פליכטען, וועלכע די היינטיגע ריקאנסטראקשאן צייט פאדערט. די 17־נער קאמיטע האט אלזייטיג באדענקט און באשפראכען די פראגע, און האט באשלא־סען צו רופען א דזשענעראל ספעשעל מי־טינג פון אלע באלטימארער קלאוקמאכער אום זיך דורכצורעדען מיט די מיטגליע־דער פנים על פנים און אום פעסטער און זיכערער זיין מיט די איבערצייגונגען, די אייניגקייט, און אפפערוויליגקייט פון אלע אונזערע מיטגלידער. און עס פרעהט אונז צו מעלדען דאס אונזערע מיטגליע־דער האבען די פראווו פאלקאם אויסגע־האלטען! אלע ווי איינער האבען אויס־געשריען: צום קאמף פאר א פארבעסער־טען לעבען! פאר א 44 שטונדיגע אר־בייטס וואך און פאר א וואך־ארבייט סיס־טעם!

מיר האבען אבער נאך אלץ געפיהלט, אז עס פעהלט אונז יענער קלאהרער, אומ־באשטרייטבארער, לאגישער ארגומענט, וועלכער וועט אונזער קאמף געבען א שטארקערען אויסדרוק. מיר האבען איינ־געזעהן אז אונזער וועג צום קאמף און זיכערען ערפאלגרייכען זיעג וועט נאר דאן זיין מעגליך ווען מיר וועלען זיך בעפאר בעראטען מיט אונזער פרעזידענט פון די אינטערנעשיאנאל, ברודער ב. שלעזינ־גער.

און מיר האבען זיך געווענדעט צו פרע־זידענט שלעזינגער ער זאל קומען און באל־טימאר און אונז העלפען ענטשיידען די שווערע פראבלעמע, ער זאל אונז העלפען ארויפגעהן אויף דעם זעלבען זיעגרייכען וועג, אויף וועלכען אונזערע ניו יארקער שוועסטער און ברידער זיינען געגאנגען.

און פרעזידענט שלעזינגער האט גע־הערט אונזער רוף און איז געקומען אין באלטימאר דעם 10טען דזשון אין אבענד צו דעם גרויסען דזשענעראל מאסמיטינג פון אלע באלטימארער קלאוקמאכער און די קאטערס. און וואס זאל איך אייך זאגען? ער האט אויף דעם מיטינג גע־האלטען א וואונדערבארע אויפקלעהרונגס רעדע, מיט וועלכער ער האט פארניכטעט אפילו דעם מינדעסטען צווייפעל פון די עטליכע פעסימיסטען, וועלכע האבען גע־דענקט אז זיי זיינען גערעכט און פראק־טיש מיט זייערע ארגומענטען פאר שטיק ארבייט.

דער רעזולטאט איז געווען, דאס אלע פארזאמעלטע האבען ווי איין מענש מיט א הארציגער באגייסטערונג געשריען הור־רא און מיט אפלאדיסמענטען אויפגענו־מען דעם פארשלאג צו סטרייקען דיזען פאל סיזאן פאר א 44 שטונ־דיגער ארבייטס וואך און פאר וואך־ארבייט!

דעם 11טען דזשון, 10 אוהר אין דער פריה, האבען מיר שוין געהאט א קאנפע־רענץ מיט דער מאנופעקטשורערס אסאסי־איישאן וועגען דער גאנצער אנגעלעגענ־הייט. פרעזידענט שלעזינגער האט גע־פיהרט דעם קאנפערענץ און האט אויף זיין שטייגער, קלאהר און לאגיש באוויי־זען די בעלי בתים אז עס וועט זיי גאר ניט העלפען און זיי וועלען מוזען נאכגע־בען די גערעכטע פאדערונגען פון אונזע־רע ארבייטער.

דעם 15טען דזשון, זונטאג נאך מי־טאג, וועט בר. ב. שלעזינגער ווידער קו־מען צו אונז פון אטלאנטיק סיטי, צו קאנ־פערירען א צווייטען מאל מיט אונזערע קלאוקס באסעס פון דער אסאסיאיישאן, און לויט ווי די שטימונג איז יעצט ביי אונז קאן מען זאגען מיט זיכערהייט, דאס בר. שלעזינגער האט זעהר פיעל אויפגע־טאן פאר די קלאוקמאכער אין באלטימאר און ער וועט געוויס פארענדיגען זיין אר־בייט מיט א פאלשטענדיגען זיעג פאר אונז.

א. ל. גלושאקאוו,
סעק. לאק. 4 א. ל. ג. וו.

*) ווען מיר נעהען צום פרעס מיט דעם נומער הערען מיר דאס אין באלטי־מאר איז שוין גערופען געווארען א סטרייק פאר וואך־ארבייט, א. ז. וו. איינצעלהיי־טען וועגען דעם סטרייק וועלען מיר הא־בען אין נעקסטען נומער „גערעכטיגקייט".
רעדאקציע.

די פעטיקאוט מייקערס נעהמען זיך בעסער ארגאניזירען

די פעטיקאוט מייקערס יוניאן פון ניו יארק האט זיך ארגאניזירט אין 1917. עס איז דאן ארויסגערופען געווארען א דזשענעראל סטרייק, וועלכער האט צו־ליעב געוויסע אומשטענדען, געמוזט אויפ־געגעבען ווערען, און נאך דעם פארלאר־נעם סטרייק האט זיך די יוניאן אויפגע־לעזט. אבער דער פונק פון יוניאניזם איז געבליבען אין די הערצער פון איינצעלנע אר־בייטער פון דעם טרייד און דיזע ארביי־טער האבען זיך יעצט גענומען צו דער ארבייט ווידער אויפצובויען א יוניאן אין פעטיקאוט טרייד און זיי ארבייטען אונערמיעדליך זייער ציעל צו ערגרייכען.

זיי איז געלונגען צוריק צו ארגאניזי־רען די מעהר באוואוסטזיניגע ארבייטער פון טרייד, אונטער דעם זעלבען לאקאל־נומער וואס זיי האבען געהאט פריהער, נעמליך לאקאל נומער 36. זיי האלטען אפ רעגעלע מיטינגען אין אפיס פון דער יוניאן יעדע צוויי וואכען.

דער לאקאל 46 רופט איין א גרויסען מאס־מיטינג פאר דאנערשטאג, דעם 26טען דזשון, ביי [illegible] עס וועט גע־מאכט ווערען דער [illegible] גרויסער דרייוו ארייגצוקריגען [illegible] אין דער יוניאן. ווי די לאגע איז איצט, שיינט עס, אז ווען די אינטערנעשיאנעל זאל זיי איצט צוהעלפען ארגאניזירען דעם טרייד, וואלטען זיי זיכער געמאכט פראָ־גרעס אין זייער ארגאניזאציאנס־ארבייט. לאמיר האפען, אז די אינטערנעשא־נאל וועט העלפען דעם לאקאל קומען צו זיך ביז ער וועט קענען שטעהן פעסט אויף די אייגענע פיס.

מיט גרוס,
א. מ. [illegible], סעק.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

לינקער. — מיר זיינען נים קיין נביא, וואס די צוקונפט וועט ברענגען, וועלען מיר דאן זעהן. דערווייל אבער רעכענען מיר זיך מיט דער ווירקליכקייט, און די איז גענוג אייך. אגב אורחא, פראקטישקייט איז גאר־ניט אזא זאך, וואס מען זאל פאראכטען. דער ריכטיגער טייטש פון פראקטישקייט איז לע־בענס־ערפאהרונג. און דאס דארף ניט אונ־טערשעצט ווערען. א קינד, מעג עס זיין ווי קלוג, האט דאך פיעל צו לערנען פון דעם, וואס האט דורכגעמאכט כאטש נאר אביסעל דעם גרויסען און שווערען אוניווערסיטעט פון לעבען.

ב. זילבערמאן. — מיר וועלען נאכפרע־גען, אויב עס זיינען דא וועלכע בראשורען אדער קליינע ביכלעך אין אידיש איבער די טעאריע און פראקטיק פון טרייד־יוניאניזם. אין ענגליש איז דא א קלאסישעס ווערק איבער טרייד־יוניאניזם און זיין געשיכטע פון סידני וועבב. מיר הערען, אז דאס בוך וועט באלד זיין אין אידיש, ארויסגעגעבען פון דער קראפאטקין ליטעראטור געזעלשאפט. דאס וועט זיכער זיין א בוך, וואס יעדער ארבייטער וועט דארפען זיך פארשאפען. איבער סינדיקאליזם איז דא אין ענגליש א בוך פון דר. ל. לע־ווין, און דאן איז דא א ביכעל אין אידיש פון איהם איבער טרייד־יוניאניזם, ארויסגע־געבען פון ארבייטער רינג. זעהט צו קריגען דאס לעצטע ביכעל. איהר וועט זיך דערוויסען פיעל וויכטיגעס איבער טרייד־יוניאניזם פון איהם. פון אנדערע ווייסען מיר נים. ווייזט אויס, אז די טרייד־יוניאניסטישע ליטעראַ־טור אין אידיש איז ליידער נים קיין רייכע.

בעסי. — אין אזא פאל וועט איהר מאן גלייך, ווען איהר וועט זיך באהערשען און לאזען איהם לויפען. עס איז קלאר, אז איהר וועט מיט איהם שוין קיינמאל גליקליך ניט זיין. אין ליעבע איז די הויפטזאך די אי־לוזיאן. איהר האט אבער קיינע שוין. ער אליין האט איהר צושטערט, און ווידער א לעבען אהן ליעבע איז א גיהנום, בעסער אל־זא שניידט אפ וואס גיכער.

מ. ל—ן. — א זאך, וואס האט אן אינ־האלט, מוז אויך האבען א נאמען, סיידען מען שרייבט לכתחילה אזעלכעס, וואס איז אונקלאר, אונבאשטימט, עפוואס צווישעוואס־מע־נעס, מוז אויך דאס געהן אונטער דעם נא־מען „נאמענלאז". אייער זאך איז דאס נים. עס איז יע עפעס אן ערצעהלונג. אבער, וואס לאזט איהר אונז הערען? גאר ניש'ן א בחור האט געליעבט א מיידעל, א מיידעל א בחור, נאך זי האט חתונה געהאט מיט אן אנדערען, און ער בלייבט ביי זיסע ערינערונ־גען... איז אייגענטליך פון די ביידע דער גליקליכערער דער בחור, אויב די ערינערונ־גען זיינען זעהר שעהנע, אבער דאס איז דאך מאקע די פראגע: וועלכע זיינען עס די ער־ינערונגען? און אט פון דעם איז אין אייער זאך אפילו קיין וואונק ניטא. אויך איז עס אונז גאנץ אומבאגרייפליך, ווי אזוי קומט דא אריין דאס געפיהל פון נקמה, און פון וועמעס זייט? ניין, די זאך איז פון אלע שטאנדפונקטען נים דרוקבאר. אפשר וואלט געווען א סברא, איהר זאלט איבערלאזען „פיקשאן" פאר אנדערע, און אליין שרייבען מכח פשוט'ע זאכען, וואס האבען צו טאן מיט אייער יוניאן און די פיעלע טעטיגקייטען איהרע? ווייל די מלאכה פון שרייבען קענט איהר, און זי קומט זעהר גוט צונוץ צו זא־כען, צו וועלכע מען דארף נים קיין באזונ־דערע פארשטעלונגס־קראפט.

ש. ק—סק. — יע, מיר האבען אויף אייך געווארט מיט אונגעדולד, מעהר נאך, געזוכט אייך מיט ליכט, נאר אז עס איז ניט באשערט, העלפט קיין טאמער ניט. שטעלט זיך פאר, אז איהר זיינט, ווי מיר האבען שפעטער אויסגעפונען, געווען די גאנצע צייט אין דעמזעלבען פלאץ, וואוהין, ווען מיר קו־מען נאר מיט א פאר מינוט פריהער, וואלטען מיר אייך געזעהן, און אויף אזא אופן אויס־געהערט די גאנצע וואונדערבארע וויכטיגע געשיכטע. נאר איצט איז דאך שוין פאר־פאלען, און מיר האפען, אז איידער איהר וועט נאך לייענען דעם ענטפער, וועט איהר שוין האבען געפונען צייט צו דערצעהלען אונז אויפ'ן פאפיר, און נאכהער דורך די צוי־טונג, אלעס, וואס איז און מוז זיין פון גרויסען אינטערעס פאר אונזערע לעזער אין דער דאזיגער אנגעלעגענהייט.

ל. ע. — מיר קענען נים איינשטימען מיט אייער שעהנער האפנונג: פון פיעלע, פיעלע צרות וועט אונז די סאציאלע רעוואלוציע פריי מאכען. עס איז אבער שווער זיך פאר־צושטעלען, אז מען זאל קענען פטור ווערען פון דעם רעדאקטאר. דאס איז אן איבעל, וועלכער, מיר האבען מורא, וועט אויך מו־זען בלייבען נאך דער רעוואלוציע, ווייל מען־טען, וואס זיי וועלען שרייבען אבער קענען נים און מענשען, וואס קענען שרייבען און ווי־לען נים, וועלען איבער זיין, און עס וועט אימער זיין נויטיג צו האבען אזא גזלן א איד, וועלכער זאל די ערשטע ענטמוטיגען און די צווייטע פשוט צווינגען ארויסצואווארפען פון זיך זייערע פוילקייט, זייער נאכלעסיגקייט און געבען עפוואס פון זייערע פעהיגקייטען צו די, וועלכע לייענען. עס קען אבער דאך קומען א צייט, ווען מען זאל פון דער צייט־טונג, ווי זי איז איצט, אין גאנצען קענען פטור ווערען. איצט באשטעהט א ציימונג פון פאלגענדע דעפארטמענטען: נייעס, די באלייכ־טונג פון נייעס, „פיקשאן" און אדווערטייז־מענטס. נון, נאטירליך, נייעס וועט אימער זיין נייע, און אזוי לאנג, ווי דער מענש וועט לעבען, וועט ער וועלען וויסען, וואס טוט, וואס מאכט, ווי עס לעבט זיין שכן. די באַ־לייכטונג פון נייעס, דאס איז שוין א זאך, וואס מען קען זיך פארשטעלען, וועט ווע־רען טויט. דעם מענשליכען פארשטאנד אלץ וועניגער און וועניגער, אז דער מענש וועט איבער אלץ זיך קענען מאכען זיין אייגענע מיינונג, און ער וועט געוויס ניט נעהמען קיין פארטיגע מיינונג פון דער ציימונג. „פיק־שאן", געדיכטע, פעליעטאנען, דאס וועט זיין נים מעהר נויטיג, ווען אין יעדען מענשענס הויז וועט זיין א ליבערערי פול מיט די בעס־טע ביכער פון די בעסטע שריפטשטעלער פון אלע ציימען אויף די געביטען. די אדווער־טייזמענטס וועלען, נאטירליך, אויך ביז צו א געוויסען גראד ארויספאלען, ווייל דאן וועט אויפהערען דער האנדעל מיט זאכען. וואס איינער וועט נאר וועלען, און אויב עס וועט נאר זיין, וועט ער עס קענען קריגען פריי. פארגעסט נים, אז מיר ריידען דא פון דער צייט נאך דער רעוואלוציע, ווען קאפיטאליזם וועט זיין בלויז א שלעכטע ערינערונג. אט פאר אזא ציימונג וועט מען, קען זיין, נים דארפען קיין רעדאקטאר. די ציימונג וועט זיין בלויז א פלאץ פאר נייעס פון אלערליי סארטען, און די צוזאמענשטעלונג פון די נייעס וועט מען קענען, אפשר, פריי איבער־לאזען צום בחור הזעצער ווייל נאך דער רעוואלוציע וועט אויך אט דער חברה־מאן זיין א געבילדעטער מענש, א מאן מיט גע־שמאק, און כאטש ער וועט פארנעהמען דעם פלאץ פון א רעדאקטאר, וועט ער אבער זיך ענטזאגען פון דעם נאמען. איהר זעהט, אז ווי עס זאל נים זיין, אבער מיר גלויבען נים, אז איהר זאלט אמאל האבען די געלעגענהייט זיך אפצורעכענען מיט אונז, ווי איהר רעדט זיך עס איין. עס איז א שלעכטע, א שעדלי־כע איינבילדונג אין אזעלכע היצען, וועלכע האלטען אין קומען. גלייבער, איהר זאלט זעהן זיך פריי מאכען פון איהר באציעטען.

ה. נ. — עס האט אונז ווירקליך לייד גע־טאן צו הערען פון אייערע צרות, אבער מיט אייער געלדענעם אפטימיזם, וועלכער איז א טייל פון אייער נאטור, וועט איהר אויך זיי בייקומען.

טרייד־יוניאניסט. — די סינדיקאליסטען אין פראנקרייך האבען קיינמאל נים אויפגע־הערט צו פיהרען זייערע טאג־טעגליכע קעמ־פע צוליעב דעם „גרויסען סטרייק", וואס וועט אמאל קומען, און אין וועמעס אונפאר־מיידליכקייט זיי זיינען געווען מיט רעכט איבערצייגט. אויב איהר פארשטעהט אזוי דעם סינדיקאליזם, פארשטעהט איהר איהם שלעכט. פארקעהרט, זיי האבען געפיהרט א מאסע קעמפע פאר מאמענטאלע געווינסען, און זיי פיהרען נאך איצט אן דעמזעלבען קאמף מיט דערזעלבער ענערגיע און דעם שטארקען גלויבען, אז אט די אלע אויסגעקעמפטע קעמ־פע מוזען פיהרען סוף כל סוף צו אן ענדלי־כען זיעג. איהר וועט דערפון זעהן, אז איי־גענטליך אין דער אונטערשייד צווישען א ד ע נ ק ע נ ד ע ן טרייד־יוניאניסט און א דענקענדען סינדיקאליסט גארניט אזוי גרויס, ווייל אויך דער דענקענדער טרייד־יוניאניסט ווייס, אז ביז עס וועט אפגעשאפט ווערען די לוין־סיסטעם אין גאנצען, ביז דער ארביי־טער וועט מוזען זיין א לוין־ארבייטער, קען מען נים ריידען פון א נ י י ע ם לעבען פאר דעם ארבייטער.

לעזער. — אלץ מעהר און מעהר ווערט די קאאפעראטיווע באוועגונג א טייל, וואס איז ענג פארבונדען מיט דער גאנצער אר־בייטער באוועגונג. אין ענגלאנד, אין רוס־לאנד און אין פיעלע אנדערע לענדער, האט די קאאפעראטיווע טעטיגקייט זיך ארויס־געוויזען אלס גרויסער ערפאלג, און אלס א רעטער פון דער סיטואציע אין די לעצטע עט־ליכע שווערע יאהרען, וואס מיר האבען דורכ־געמאכט.

ס. סאנדלער. — עס קען זיין, אז עס איז דאך עפוואס אמת אין אלץ, וואס איהר זאגט וועגען די פיהרער פון דער יוניאן, מעגליך, די פיהרער זיינען נים אזוי, ווי זיי האבען, לויט אייער מיינונג, באדארפט זיין: הונדערט פראצענט פערפעקט — דער־פאר די אונצופריעדענהייט. אבער דאס קען נים זיין די גאנצע און די איינציגע אורזא־

דער

ארבייטער רינג

איז דער מעכטיגסטער און גרעסטער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

דער **ארבייטער רינג** איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מעמבערס.

דער **ארבייטער רינג** איז ניט בלויז אן ארדען, נאר אויך א געזעל־שאפטליכער צענטער אין דער ארבייטער באוועגונג.

די יוניאן שטיצט אייך אין אייער עקאנאמישען קאמפף. — דער ארבייטער רינג איז א פריינד צו זיינע מעמ־בערס אין נויט און אין פרייד.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין דער עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

די ארבייטער באוועגונג איז דער פעלז אויף וועלכען דער טעמ־פעל פון דער צוקונפט וועט געבויט ווערען.

דער ארבייטער רינג איז איינער פון די פעלזען.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מעמבער, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE, 175 E. B'WAY, N. Y.

קריגט אייערע דיווידענדס.

ציין ווערען געהיילט פריי אין דעם

יוניאן דענטאל קליניק

31 יוניאן סקווער — אריינגאנג דורך 23 איסט 16 טע סטריט.

דורך די לעצטע פאר מאנאטען, זינט דער יוניאן דענטאל קליניק איז גע־ווארען דאס אייגענטום פון די לאקאלס פון אונזער אינטערנעשיאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, האט דער קליניק געהאט א קליינעם איבערשוס און מיר דענקען, דאס דער בעסטער וועג ווי צו פארטאן דעם איבערשוס איז, — דאס אוועקצוגעבען צו די מיטגליעדער אין דיווידענדס, טאקע דורכ'ן קליניק.

פון מאנטאג אן, דעם 16טען דזשון, וועלען אלע אנגעשטעלטע אין די פארשיעדענע אפיסעס פון די לאקאלס פון דער אינטערנעשיאנאל ליידיס גאר־מענט ווארקערס יוניאן; אלע שאפ־טשערליים און שאפ־טשערליידיס, שאפ סאניטיישאן קאמיטעס, און אלע גוטשטעהענדע מיטגליעדער פון די לאקאלס, זיין בארעכטיגט זיך צו לאזען אונטערזוכען און קלינען די ציין פריי, ביי די קאמפעטענטע דענטיסטען אין דעם יוניאן דענטאל קליניק. דערביי איז פאראן איין באדינגונג, דיזע פערזאנען דארפען בעפאר קומען אין קליניק־אפיס פער־זענליך, אדער שרייבען, אום צו מאכען אן אפאינטמענט פאר דער בא־שטימטער צייט ווען צו קומען קלינען די ציין.

דאס קלינען די ציין איז זעהר נויטיג פאר'ן געזונט און דער יוניאן דענטאל קליניק טוט זעהר א ניצליכע ארבייט ווען ער נעמט זיך לערנען די ארבייטער ווי נויטיג עס איז פאר'ן געזונד צו האלטען ריין זייערע ציין.

דער אפיס פון דעם קליניק איז אין 31 יוניאן סקווער (אריינגאנג דורך 23 איסט 16טע סטריט). דער אפיס איז אפען יעדען טאג, א חוץ זונטאג, פון 10 אין דער פריה ביז 8 אוהר אבענד. שבת פון 10 אין דער פריה ביז 6 פאר נאכט.

מאכט אייערע אפאינטמענטס וואס גיכער און האלט זיי.

עס פארשטעהט זיך, דאס אונזער יוניאן דענטאל קליניק געהט אן מיט זיין געוועהנליכער ארבייט ווי בעפאר, מען ציהט ציין, מען מאכט פילונגען, און אלע אנדערע ארבייטען צו גאנץ מעסיגע פרייזען, לויט דעם וויפיעל די ארבייט קאסט זיך אליין.

מיטגליעדער פון דער אינטערנעשיאנאל ליידיס גאר־מענט ווארקערס יוניאן זאלען אויך ניט פארגעסען דאס פאל־גענדע:

1. דער דזשענעראל מעדיקאל קליניק פאר עקזאמינייישאנס און טריטמענט פאר מעמבערס איז אפען יעדען דינסטאג און דאנערשטאג 1 אזייגער מיטאג צייט. דאנערשטאגס איז ער אויך אפען 6 א זייגער פארנאכט.
2. פרויען מיטגליעדער ווערען עקזאמינירט און געטריט יעדען דינסטאג 6 אזייגער פארנאכט.
3. דער נאז און האלז דאקטאר (ער רעכענט בלויז איין דאלאר) איז דא אין קליניק שבת 2 אזייגער נאך מיטאג.
4. דער מאגען־ספעציאליסט איז דא אין קליניק מיטוואך, 1 א זייגער מיטאג צייט.

בארנעט ל. בעקער

אפטאמעטריסט און אפטישען

215 East Broadway — 100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn — 895 Prospect Ave., Bronx

גרויסארטיגע פייערונג פון דער יוניטי הויז ערעפנונג

די ערעפנונג פון דער

„יוניטי הויז"

פון דער

ליידיס וויסט און דרעסמאכער יוניאן

וועט געפייערט ווערען

דעם 4טען, 5טען און 6טען דזשולײ, אין פארעסט פארק, פענסילוויניא.

רייכער קאנצערט, אונטערהאלטונגען און רעדנער

פלאץ איז צוגעגרייט געווארען אין דער יוניטי הויז פאר הונדערט שאפ־טשערלידים, אויף א ספעשעל־רייט פון $5.00 פאר די דריי טעג: פרייטאג, שבת און זונטאג, דזשולאי דעם 4טען, 5טען און 6טען.

טשערלידים, וואס ווילען זיין צווישען די גליקליכע הונדערט, מוזען באלד אנגעבען זייערע נעמען אין די העדקווא־רטערס פון דער יוניטי הויז, אין אפיס פון דער יוניאן, 16 וועסט 21טע סטריט.

קויפט א יוניטי באנד! רעגיסטרירט זיך איצט פאר אייער וואקעישאן אין דער יוניטי הויז!

4 וואכען מוזט איהר האבען
אום הנאה צו האבען פון אייער וואקיישאן

גוטע, געזונטע לופט, שעהנע געגענד, גוטע, פרישע און געשמאקע עסענס, באקאנטע און אנגענעהמע געזעל־שאפט.

דאס אלעס זיינט איהר זיכער צו האבען ווען איהר פארט אויף אייער וואקיישאן צו אייער באקאנטען

A. ELLNER & M.WANGEL'S FLEISCHER HOUSE

דער פלאץ געפינט זיך אין שעהנסטע און העכסטע מאונטיין געגענד. די הויז און קאטעדזשעס זיינען איינגעפיקסט מיט אלע מאדערנע אימפּרואוומענטס, געפינט זיך בלויז 10 מינוטען גאנג פון סטיישאן, איינענע קיה טשיקענס און גארטען וואס סופּלייט אין גאנצען דאס מילכיגע, פלייש, אייער און וועדזשע־טייבעלס. די עסענס ווערען געקאכט פון אן עקספּערט שעף. פיעלע אמיוז־מענטס, בייטהינג און פישינג, דענס האל, פּול און ביליארד קאסינא, מיוזיק ביי די מאהלצייטען, טעניס קאורט, לייברערי, א. ז. וו.

פאר פאלשטענדיגע צופריעדענהייט גאראנטירט דער מענעדזשינג פּראפּ־רייעטאר, א. עללנער. פאר מעהר איינצעלהייטען אדרעסירט צו

A. ELLNER, FERNDALE, SULLIVAN COUNTY, BOX B.

...ועקומייו באארדס פון אלע לאקאלס צו־זאמען מיט אלע שאפּ־טשערליים, און עס איז באשלאסען געווארען אז יעדער אייד־שער ארבייטער, מאן און פרוי, אין דעם קלאוק, סקוירט און דרעס טרייד פון קליוולאנד זאל אוועקגעבען א האלבען טאג שכירות פאר אונזערע אונגליקליכע מלחמה ליידענדע אויף יענער זייט ים.

דער טאג זאל זיין מיטוואך, דזשון 18טען, 1919, פון 1 ביז 5 אוהר נאכ־מיטאג.

יעדער קלאוק־ארבייטער ווערט דאַ־רום אויפגעפאדערט צו טאן זיין פליכט, זיין היילינע פליכט, צו אונזער עלטערנס פריינד, פארוואנדטע, באקאנטע, אונזע־רע שוועסטער און ברידער, אונזער פלייש און בלוט אויף יענער זייט ים.

מענער, פרויען און קינדער געהען דארט אוים פון הונגער און דורשט!

יעדער סענט מוז אריינקומען אין דער יוניאן, און פון דאנען וועט דאס איבער־געגעבען ווערען צו דער פּיפּעלס רעליעף קאמיטע.

מיט גרוס,

די קלאוק און סקוירט מאכער יוניאן פון קליוולאנד, לאקאלס 26, 27, 29, 37, 42, 94 א. ל. ג. וו. יוניאן.״

קלאוקמאכער יוניאן פון קליוו־לאנד גרייט צו א סטרייק!

(שלוס פון זייטע 1).

רען און האט אין זיך א מאסע לעבען, באווייזט דער פאקט, וואס גראדע איצט, ווען די יוניאן גרייט זיך צו א קאמפף און דארף האבען די גאנצע ענערגיע פאר זיך, האט זי זיך אונטערנומען דורכצו־פיהרען א זעהר גרויסע, נאבעלע טאט פאר די אומגליקליכע אידען פון אייראַ־פא. די יוניאן האט נעמליך באשלאסען, אז לעצטען מיטוואך, דעם 18טען יוני, זאל יעדער קלאוקמאכער, מאן אדער פרוי, וואס איז באשעפטיגט אין דער קלאוק־אינדוסטריע פון קליוולאנד, אפּגע־געבען א האלבען טאג שכירות פאר די אומגליקליכע קינדער פון׳ם אידישען פאלק פון יענער זייט ים. אזא נאבעלע טאט וואלט אימער געווען שטארק לויבענס־ווערט, און איבערהויפּט נאך איצט, ווען די יוניאן געפינט זיך דארט אין אזא ערנסטען צושטאנד.

אט איז דער אויפרוף, וואס די יוני־אן האט צו דער געלעגענהייט ארויסגע־געבען אין א צירקולאר:

״שוועסטער און ברידער קלאוקמא־כער!

די הראנע פון אונזערע אונגליקליכע שוועסטער און ברידער אויף יענער זייט ים איז אויפגענומען געווארען פון די עק־...

וואס יעדער מעמבער פון לאקאל 23 דארף וויסען און געדענקען ווענען קראנקען בענעפיט.

1. ווען איהר ווערט קראנק מעל־דעט זיך גלייך אין אפיס, 231 איסט 14טע סטריט. גיט אן אייער ריכטי־גען אדרעס, דעם פלאר און רום וואו איהר וואוינט. אויב איהר וואוינט אין בארד, גיט אן דעם נאמען ביי וועמען איהר וואוינט.

2. שיקט גלייך אייער יוניאן בוך אין אפיס מיט יעמאנדען אדער דורך א רעדזשיסטרירטען לעטער.

3. ווען איהר געפינט זיך אין א האספּיטאל גיט אן דעם נאמען פון האספּיטאל. ווען איהר קומט ארויס מעלדעט זיך גלייך אין אפיס פון דער יוניאן.

4. די צייט רעכענט זיך פון דעם טאג וואס איהר האט זיך אפיציעל גע־מאלדען אין אפיס און איבערגעגעבען אייער יוניאן בוך.

5. אום צו קריגען בענעפיט מוז דער קראנקער עקזאמינירט ווערען ביי דעם יוניאן דאקטאר.

6. קיינע אטעסטען פון אנדערע דאקטוירים, סערטיפיקייטס פון לאַ־דזשען אדער פאראיינען וועלען פּאזי־טיוו נישט אנערקענט ווערען.

7. קראנקע וועלכע ליגען נישט אין בעט דארפען עקזאמינירט ווערען אין דאקטאר׳ס אפיס, און דארפען זיך מעלדען 3 מאל אין וואך אין אפיס פון יוניאן.

8. צו בענעפיט זיינען בלויז בא־רעכטיגט די וועלכע האבען איינגע־צאלט אמווינציגסטען פאר איין מא־נאט בעפאר ער אדער זי האט זיך גע־מאלדען קראנק.

9. ווען איהר זייט ריקשטענדיג איבער 3 מאנאטען, ווערט איהר פאר־רעכענט פאר נישט גוטשטעהענד.

10. די ערשטע וואך בענעפיט ווערט געצאהלט אויף׳ן 10טען טאג. די איבריגע וואכען רעגולער יעדע 7 טעג.

ה. וואנדער, מענעדזשער.

ווטכענטליכע דיוס אין דער וויסט און דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 25

געהעכערט אויף 25 סענט

די וויסט און דרעס מאכער יוניאן לאקאל 25, א. ל. ג. וו. י., מאכט באקאנט צו אלע איהרע מיטגליעדער אז פון דעם 23טען דזשון, 1919, וועלען די דיוס זיין 25 סענט א וואך.

איינטריטס געלדער $10.50

מיטגליעדער, ווערט גוטשטעהענד ביז דעם 23טען דזשון, איידער דער נייער געזעץ געהט אריין אין קראפט. די יעניגע וועלכע וועלען ניט גוטשטעהענד ווערען ביז דעם דייט, וועלען מוזען באצאהלען די ריקשטענדיגע שולדען לויט דעם נייעם געזעץ 25 סענט פער סטעמפּ.

לידיס וויסט און דרעס מאכער יוניאן, לאקאל 25.

י. שעהנהאלץ, סעקרעטער.

י. קראוז

בעדזשעס און בענערס

פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פּ. בר. סטריקטלי יוניאן ארבייט.

134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

A. DELBON



פיקסט און שארפט שערס.

484־90 6טע עווענו, ניו יארק.

צווישען 29טע און 30טע סטריט.

טשאטהאש פּרינטינג קא.

2 איסט בראדוויי

קריגט אונזער עסטימייט.

טעלעפאן גרעמערסי 2441

די לענארד פּרעס

42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפּלאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. I. No. 24 New York, Friday, June 27, 1919. 1919 פרייטאג, דעם 27טען דזשון, PRICE 3 CENTS

דער וואונדערבארער אויפטו און דער גרויסער ביי־שפּיעל פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין ניו יארק.

איצט, אז דער גרויסער קלאוק מאכער סטרייק איז שוין פאקטיש געענדיגט, איצט, אז די גאנצע קלאוק אינדוסטריע איז אזוי ארגאניזירט, אז כמעט אלע איבלען און צרות פון וועלכער דער קלאוק מאכער האט געליטען, זינט עס איז געווען א קלאוק-אינדוסטריע, זיינען ווי מיט'ן ווארצעל אויסגעריסען געווארען; איצט ערשט דערמאנען מיר זיך אן א געפיהל, וואס האט אונז באהערשט אויף דעם מיטינג אין קופער יוניאן, וואס לאקאל 1 האט איינבערופען אום פארצולייגען פאר די קלאוק מאכער דעם אגרימענט, וועלכען די יוניאן-פארשטעהער האבען אויסגעארבייט.

מיר געדענקען גענוי, וואס מיר האבען דאן געטראכט, כאטש מיר האבען ניט געגעבען קיין אויסדרוק דעם געדאנק. און געטראכט האבען מיר:

„זיינען די מענשען משוגע געווארען? ווי קענען זיי נאר ערווארטען דאס אלעס איינצופיהרען? ווי קענען זיי ערווארטען אז די באסעס זאלען זיי דאס נאכגעבען? און ווידער, אויב זיי דיינקען פיעלע פון די געשטעלטע פאדערונגען שפעטער אויפצוגעבען אין גאנצען אדער שטארק אראפלאזען פון זיי, טו וואס פאר א זין האט עס צו געבען די ארבייטער פאלשע האפנונגען, וועלכע קענען קיינמאל ניט ערפילט ווערען, און וועלכע קענען איהם שפעטער מאכען פיהלען ביטער ענטוישט?"

אבער וואס האט פאסירט אין דער ווירקליכקייט? קיין איינציגע פון די עקסטראוואגאנטע — ווי עס האט אויסגעזעהען אונז — פאדערונגען איז ניט איינגעגעבען געווארען. פון קיין איינציגער פאדערונג איז גארניט אפגעדונגען געווארען. דער אגרימענט, ווי ער איז אויסגעארבייט געווארען פון דער יוניאן, איז געווארען א ווירקליכקייט, א פאקט אין לעבען. פריהער די פראטעקטיוו אסס'ן, דאן די סאב-מאנופעקטשורערס אסס'ן, דאן די דזשאבערס אסס'ן, האבען אט דעם עקסטראוואגאנטען אגרימענט א ו נ ט ע ר ש ר י ב ע ן, און איצט שטעהט די קלאוק מאכער אינדוסטריע אויף דעם אייבערשטען שטאפעל פון אלע אינדוסטריען אין לאנד. ווענינע זיינען די אינדוסטריען, אין וועלכע די ארבייטער האבען איינגעפיהרט א 44 שטונדיגע ארבייטס-וואך, ווענינע זיינען די אינדוסטריען, אין וועלכע די ארבייטער קריגען אזעלכע וויידזשעס; נאך ווענינער זיינען די אינדוסטריען, אין וועלכע די יוניאן זאל קריגען אזא קאנטראלע איבער די גאנצע אינדוסטריע.

וועלכע ווייטזיכטיגקייט, וועלכער טאקט עס האבען זיך געפאדערט, אום דאס אלץ איינצופיהרען. און אין דעם משך פון אזא קורצער צייט! ווירקליך געבענשט איז אזא יוניאן וואס האט אזעלכע פיהרער ווי ב. שלעזינגער, מ. זיגמאן, י. פיינבערג, ס. מעטץ, לעפקאוויטש, לאנגער, קאפלאוויטש, וואנדער, העללער, און נאך און נאך.

ווירקליך געבענשט איז אזא יוניאן וואס האט אזא מיטגלידערשאפט, אזוי טאקטפול און אין דערזעלבער צייט אזוי קאמפּפלוסטיג, אזוי ענטשלאסען און אזוי דיסציפּלינירט.

א מוסטער פון א יוניאן! און ווי גיך קריגט עס אזא מוסטער-יוניאן איהרע נאכפאלגער. דער זיעג פון די קלאוק מאכער אין ניו יארק האט שוין געפיהרט צו נייע גלענצענדע זיעגע אין באלטימאר, אין באסטאן, וואו די קלאוק מאכער האבען שוין אויסגעפיהרט דיזעלבע באדינגונגען וואס די קלאוק מאכער אין ניו-יארק.

דער לעזער וועט געפינען די בעריכטען פון באלטימאר און באסטאן אויף אן אנדער פלאץ אין דעם נומער, און ער וועט זיך איבערצייגען, אז מיר איבערטרייבען ווירקליך ניט, ווען מיר זאגען, אז אין דעם פאל איז דער ניו יארקער קלאוק מאכער סטרייק געווען, ווי א ליכט-שטראהל, וועלכער האט געוויזען דעם וועג פון קאמף און זיעג די קלאוקמאכער פון אנדערע שטעדט.

און אויך די זיינען נאר אן אנפאנג.

די נעקסטע אויף דער רייהע שטעהט איצט קליוולאנד.

אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" איז שוין באריכטעט געווארען, ווי אלעס איז דארט ערב קאמף, און עס איז נאר א פראגע פון טעג, אנו דער קאמף וועט דארט אויסברעכען. דארט האבען די באסעס געוואלט זיין חכמים און האבען זיך אויפגעבויט זייער אייגענע יוניאן פאר די ארבייטער: איהר ווילט א יוניאן, נאט אייך!

מאדנע ברואים די באסעס פון קליוולאנד. זיי מוזען נאך שטאמען פון דער צייט פון פאר'ן מבול. זיי הייבען ניט אן צו וויסען אין וועלכער צייט מיר לעבען; זיי פארשטעהען ניט, אז די צייט, ווען מען קען נארען די ארבייטער מיט אזעלכע באבקעס, איז שוין לאנג פארביי.

פרעזידענט שלעזינגער וועט זיין די טעג אין קליוולאנד, און איהר קענט זיך פארלאזען, ער וועט פאר זיי קלאר מאכען דעם ענין. נאר אויב דאס וועט ניט העלפען, וועט אבער זיכער העלפען דער סטרייק. קליוולאנד קען ניט, וועט ניט בלייבען הינטערשטעליג. זי מוז שטעהן אין רייהע און גליעד מיט אלע אנדערע קלאוק-צענטערן וואו די יוניאן האט די פולסטע קאנטראלע, און זי וועט עס אויך, אויף צו להכעיס אלע בלעקס און אנדערע אזעלכע בריות.

נאטירליך, אז שיקאגא, טאראנטא, מאנטרעאל, לאס אנדזשעלעס, סאן פראנציסקא וועלען באלד נאכפאלגען, אויב זיי האבען שוין ניט נאכגעפאלגט. און דאס אלץ איז די גרויסע וואונדערבארע ווירקונג פון דעם גרויסען קאמף און זיעג פון די קלאוק מאכער פון ניו יארק.

פערטער דזשולײ יום טוב אין יוניטי הויז.

נעקסטען פרייטאג, דעם 4טען דזשולײ, וועט זיין אן אמת'ער יום טוב, אן אמת'ער פרייהייטס יום טוב פאר די לײדיס ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן.

אין דעם טאג ווערט געעפענט דער נייער, וואונדערשעהנער, פרעכטיגער זומער פלאץ, וואס די יוניאן האט געקויפט אין פארעסט פארק, פענסילווייניע.

אין דעם טאג ווערט באמת געפייערט דער גרויסער יום טוב פון אונאבהענגיגקייט פון דער יוניאן פון אלערליי לענדלארדס, פון דאס אייביגע נע ונד זיין. ענדליך, ענדליך האט די יוניאן אויסגעפיהרט צו האבען א היים, וואס זי, די יוניאן, קען רופען איהר אייגענס; וואו זי אליין איז די איינציגע באלעבאסטע, די איינציגע דעה-זאגערין, וואו זי קען אלעס טאן, לויט איהרע באגריפען פון אנשטענדיגקייט, פון פערגעניגען און פון ווירקליכען אפרוה.

אזא יום טוב איז צו גרויס, צו וויכטיג, אז מען זאל איהם קענען אפּפטר'ען מיט א ביליגער, מיט א גאנץ וואכעדיגע פייערונג. ער וועט געפייערט ווערען אזוי פרעכטיג, אזוי שעהן, ווי ער האט עס פארדיענט. דאס וועט זיין א טאג פול מיט פראכט און גלאנץ, דאס וועט זיין א טאג פול מיט שעהנע געדאנקען און געפיהלען, וואס וועלען ארויסגעזאגט ווערען סיי פון די, וועלכע האבען אוועקגעלייגט אזוי פיעל כוחות אויף די דאזיגע אונטערנעמונג, סיי פון די פיעלע געסט, וואס וועלען דארט זיין, און סיי פון די וועלכע וועלען זיין די צוקינפטיגע איינוואוינער פון דעם פרעכטיגען פאלאץ.

עס איז זעלבסט-פארשטענדליך, אז עס וועלען דארט זיין מיס דזשוליעט סטוארט פּאיניז, פרעזידענט שלעזינגער, אב. באראף, עליאס ליעבערמאן, ב. זיידמאן, ש. יאנאווסקי, שלום אש, אלגין, סקאט ניערינג, פראפעסאר ביערד, דר. גאלדענווייזער און נאך און נאך פיעלע אנדערע פראמינענטע טוער אין דער באוועגונג.

עס איז אויך גאנץ זעלבסטפארשטענדליך, אז די הערשענדע אלגעמיינע שטימונג וועט זיין אין דעם שענסטען זין פון ווארט א יום טוב'דיגע. עס וועט זיין אן ערעפנונג פון דער יוניטי הויז, וואס מען וועט ווירקליך געדענקען.

די פייערליכע שטימונג וועט באדייטענד פארגרעסערט ווערען דורך א גרויסען שעהנעם קאנצערט, אין וועלכען עס וועלען זיך באטייליגען אלערליי ערשטקלאסיגע ארטיסטען.

נעהמט די לאקאוואנא רייל־ראוד פון ניו יארק און פילאדעלפיא צו סטראדסבורג. דארט וועט די געסט באגעגענען א „באס" פון דער יוניטי הויז.

אינהאלט-פארצייכנים
נומער 24 „גערעכטיגקייט".

זייט 2. — די וואך — ש. י.
זייט 3. בריעף פון אטלאנטיק סיטי — דזשיי. העללער.
זייט 4. קלאוקמאכער פון טאראנטא שטעלען ארויס פאדערונגען. א בריעף וועגען קלאוקמאכער סטרייק — בערנארד גאלוב.
זייט 5. רות — דר. אסתר לוריע. ווענינ געסטרייקט און פיעל געוואונען — א. ד. גלושאקאוו.
זייט 6. די שווערע ארבייט פון דער רעליעף קאמיטע — ל. פינקעלשטיין.
זייט 7. אין דער טשילדרענס דרעססמאכער יוניאן — ה. גרינבערג. די קלאוק סיטואציע אין באסטאן — א. ראטשטיין און ב. קורלאנד. א טאג אויף דער קאנווענשאן פון דער א. פ. ל. — עליאס ליעבערמאן.
זייט 8. איינגעבארג (ראמאן) — ב. קעטערמאן.
זייט 9. די פרויען־וועלט — ראזע בעדריק־בלינדער. ראמאן.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל.
זייט 11. טרייד יוניאניזם און בילדונג — דזשוליעט סטוארט פאינטז.
זייט 12. נעהמט זיך די פוילישע אידישע לאגע אויסלייטערען? — א. גלאנץ. ווי דערהאלט זיך די געשיכטע? (פעליעטאן). א. וואהלינער.
זייט 13. „דער אונשטערבליכער פייער" — ס. דיננאל.
זייט 14. די פארביטענע דרעס (ערצעהלונג). ל. באראדולין. ער נעהמט וואקיישאן (הומארעסקע) — באנקיר פאן יאסעל דארף.
זייט 15. אין אוועניו (געדיכט) — ל. וואלפסאן.
זייט 16. דער מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 25 — י. שעהנהאלץ. די עפענונג פון דער ווייסט-מאכער יוניטי הויז אין פילאדעלפיא.
זייט 17. קורצע שמועסען. זומער-קלאסען אין די ארבייטער רינג-שולען.
זייטען 18 און 19. אדווערטייזמענטס.
זייט 20. העכסט באגייסטערענדע בריעף פון די ערשטע באָרדערס אין דער יוניטי זומער היים פון לאקאל 25.

א דזשענעראל סטרייק פון קלאוקמאכער אין וואוסטער. מאסס.

ארום 12 אזייגער מיטאג-צייט, מיטוואך, דעם 25טען יוני, האט פרעזידענט שלעזינגער באקומען פון וואוסטער, מאס., די פאלגענדע טעלעגראמע:

„א דזשענעראל סטרייק פון אלע קלאוקמאכער אין וואוסטער איז ערקלערט געווארען היינט (מיטוואך) 10 אזייגער אין דער פריה. עס איז געווען אונמעגליך דעם סטרייק צו פארמיידען. ענטפערט גלייך!

פרעזידענט שלעזינגער האט באלד געשיקט א טעלעגראמע צום דזשאינט באארד פון באסטאן, דאס ענטוועדער ברודער דזש. ווהייט, דער מענעדזשער פון דער באסטאנער קלאוקמאכער יוניאן, אדער ברודער הורוויטש, דער געוועזענער מענעדזשער, זאל גלייך צופאהרען אין וואוסטער אויסהעלפען דעם סטרייק.

ווען מיר שרייבען דיעזע שורות, האבען מיר נאך ניט ערהאלטען קיינע איינצעלהייטען וועגען דעם וואוסטער קלאוקמאכער סטרייק. מיר האפען, אז פאר דעם נעקסטען נומער „גערעכטיגקייט" וועלען די סטרייק-פיהרער פון וואוסטער אונז צושיקען א פולען באריכט. מיר שטויסען זיך אבער אן, אז אין וואוסטער מוז זיין דאס זעלביגע ווי אין א סך אנדערע שטעט, ווי די לעזער וועלען עס זעהן אין דער היינטיגער צייטונג. אומעדום, וואו עס ווערען נאר געמאכט קלאוקס, האבען די ארבייטער ערוואכט! די קלאוקמאכער פון אלע קלאוק-צענטערן אין אמעריקא און קאנאדע זיינען ענטשלאסען צו קעמפפען פאר די זעלביגע ארבייטס - באדינגונגען, וואס אונזערע בראווע קלאוקמאכער אין ניו יארק האבען שוין אויסגעקעמפפט.

מיר ווינשען זיי אלע דעמזעלבען, גרויסען ערפאלג, וואס אונזערע קלאוקמאכער אין ניו יארק האבען געהאט.

די יוניטי הויז פון לאק. 25 עפענט זיך מיט א גרויסארטיגער 4טער דזשוליי פייערונג

שאפ טשערלייט און אקטיווע יוניאן מעמבערס פון דער ניו יארקער ווייסט און דרעס אינדוסטריע וועלען זיך באטייליגען אין דער פייערונג פון'ם ערשטען געבורטסטאג פון זייער אייגענער יוניטי הויז. די פייערונג וועט געמאכט ווערען דעם 4טען דזשוליי. אזוי ווי דער 4טער דזשוליי געפאלט היינטיגען יאהר אין א פרייטאג, ווערט ערוואַרטעט, אז די פייערונג זאל אנהאלטען די גאנצע ענד פון דער וואך, אריינגעמענדיג אויף שבת און זונטאג. אויסער די געוועהנליכע געסט, וואס האבען זיך רעגיסטרירט פאר יענער וואך אין דער יוניטי הויז, ווערען אויף די דריי טעג ערוואַרטעט א סך אנדערע געסט פון צווישען דער גרויסער צאהל פריינד און אקטיווע ארבייטער פון אונזער יוניאן. א „ספעציעל רעיט" פון 5 דאלער פאר די דריי טעג איז באשטימט געווארען פאר אלע געסט, וואס ווילען ארויסקומען אין דער יוניטי הויז אויף די דריי פייערונגס-טעג. מיט דעם ווערט באצוועקט צו געבען א געלעגענהייט צו זעהן און זיך באקאנען מיט דער יוניטי הויז, צו אלע יענע מעמבערס פון דער יוניאן, וועלכע האבען מיטגעהאלפען אין דער גרויסער ארבייט פון פארווירקליכען דעם געדאנק פון אן אייגענער יוניטי הויז פאר די ווייסט מאכער.

אלץ איז שוין צוגעגרייט צו דער דאזיגער גרויסער פייערונג. די „רעקריאיישאן"-הויז איז אויסגעשטאטעט געווארען אזוי, אז ס'איז דארט פאראן גענוג פרייער פלאץ פאר קאנצערטען, פארזאמלונגען און אלערליי אונטערהאלטונגען. עס איז א זעלטענער פארגניגען אריינצוקומען אין'ם גרויסען, פרייען און לופטיגען זאאל. מען קען זיך פארשטעלען די באגייסטערונג וואס אט דער איינער זאאל וועט ארויסרופען ביי די פארזאמעלטע. דער גרויסער טייך, אויף וועלכען די פענסטער פון'ם זאאל קוקען ארויס, פילט אן דעם גאנצען זאאל מיט א ליבטיג-גרינעם אפשיין, וואס שפיגעלט זיך אפ אויף דעם פאלירטען פלאר און אין די גרויסע שפיגלען אויף די ווענט פון'ם זאאל. אויף דער צווייטער זייט פון דער רעקריאיישאן-הויז איז דער זומער-גארטען, מיט די ביימער, בלומען און שפאציר-אלעען. דער דאזיגער גארטען קען גאנץ באקוועם אריינגעמען די גאנצע יוניטי הויז מיטגלידערשאפט.

אין פראנט פון דער הויז געפינען זיך צוויי גרויסע קיהלע צימערען מיט א ספעציעל איינגעריכטעטער באד. דארט וועט זיין א מיניאטור-האספיטאל און נוירס-צימער. אויב אימיצער וועט זיך פיהלען קראנק אדער שוואך, וועט ער דארט קריגען מעדיצינישע ראט און באהאנדלונג. דורכשפרייזענדיג דעם קארידאר אין דער זעלבער הויז קומט מען אריין אין דער לייברערי און לעזע-צימער וואו מען געפינט די בעסטע צייטונגען און זשורנאלען. דאס צימער איז אויסגעשטאטעט מיט גראמע און באקוועמע שטולען און טישען, און עס שטעלט מיט זיך פאר א זעלטען אנציהענדען רוה-ווינקעל.

אין דער הויפט געביידע, אדער — מוטער-הויז, געפינט זיך דאס עס-צימער. דאס איז א גרויסער זאאל, איבער הונדערט פוס לאנג, מיט שורות פענסטער, וועלכע געהען ארויס אויף די קיהלע וועראנדעס און אויפ'ן טייך פון דער ווייטענס. די ווייסע טישטיכער אויף די ברייטע טישען, און די ווענט, פעכלענדיג מיט זייער זויבערקייט, וועלען נאך מעהר פארשטארקערען דעם אפעטיט צו די מאהלצייטען. און די מאהלצייטען אליין! די שפייז, וואס ווערט דארט סערווירט! אלע, וואס האבען דארט געגעסען א מאלצייט, זיינען מיט דער מיינונג, אז דאס עסען דארט האט בלויז צוויי „חסרונות": עס איז צו-גוט און צו-פיעל. ווען מען האט אין זינען, אז אין אנדערע לענדער געהען היינט מענשען בוכשטעבליך אויס פון הונגער, איז אפשר א צו גרויסער און צו גוטער מאלצייט טאקע א חסרון, אבער קיין אנדערע חסרונות האבען די מאלצייטען אין דער יוניטי הויז זיכער נים.

מר. שעהן, דער הויפט פארוואלטער איבער דער קיך און אלע קיך-אנגעלעגענהייטען, איז אליין א ריעז. פון דעם איז געדרונגען, אז ער איז א גוטער מבין אויף אכילה, און, בכלל, אן עקספערט אין אלע גוטע זאכען, וואס האבען א שייכות צום גומען און צום מאגען. היינט די קעלנערינס! די זיינען טאקע אונזערע אייגענע יוניטי-מיידלעך, וועלכע פיהלען זיך שטאלץ און גליקליך מיט זייער זעהר דאנקבארער אויפגאבע פון באדעווען דעם עולם.

צוריקגעהענדיג פון עס-צימער געהט מען פארביי מעהרערע גרויסע צימערען און מען קומט צו צו איין צימער וואס ווערט גערופען דעם „אפיס". אבער דאס איז נים קיין געוועהנליכער אפיס. דאס איז זיך א גאנץ היבשער אפארטמענט, פופציג פוס אין קוואדראט, געדעקט מיט שעהנע קארפעטען, דארטען געפינען זיך שרייב-טישען, לייכטע שטולען און א שעהנער קאמין. דארט זיצט די פאסט-מייסטערין, וועלכע פארוואלטעט דעם יוניטי הויז ברענטש פון דער רעגירונגס פאסט אפיס. אונזער יוניטי הויז, מוזט איהר וויסען, איז גרוים גענוג צו זיין א פאסט אפיס סטיישאן, און מיר זיינען ביי „אנקעל סעם" א גאנץ חשוב'ער קאסטאמער. דארט זיצט אויך די יוניטי-הויז קאמיטע, וועלכע איז די הויפט-פארוואלטערין איבער דער גאנצער יוניטי הויז. איהר געפינט דארט רעבעקא סילווער, וועלכע איז טשערמאן פון דער קאמיטע, און איהר ארויסהעלפערין, מיס קלארא פרידמאן. פיעלע און וויכטיגע ענטשיידונגען אין דער יוניטי-הויז פארוואלטונג שטאמען פון יענעם צענטער.

פון'ם אפיס קומט מען ארויס אויף דער אפענער וועראנדע, וועלכע איז ארומגערינגעלט פון ברייטע גרינע לאנקעס. די בלומען זיינען אין זייער פולער בליהונג, און באצויבערען אלעמען מיט זייער שענקייט און דופט. די אנדערע קאטעדזשעס קוקען שטיל ארויס פון צווישען די פיין-ביימער, און ציהען צו זיך יעדען'ס בליק. אלע צימערען אין די קאטעדזשעס זיינען אין בעסטער ארדנונג. פריש אויסגעוואשענע דילען און ווענט, שנעע-ווייסע בעטציינג אויף די בעטען, און ארום-און-ארום הערט זיך דער אונאויפהערליכער טריל פון די ארומשוועבענדע זארגלאזע פויגעלעך.

איינער פון די שענסטע איינדרוקען פון דער יוניטי הויז באקומט זיך, ווען מען וואנדערט ארום דעם טייך אין'ם האלב-טונקעלען בין-השמשות, און מען הערט זיך איין אין דעם שטילען בענקענדיגען זיפצען פון די טויזענדער פויגלען אין די ארומיגע וועלדער. א מערקווירדיגע רוהיגקייט און צופרידענהייט גיסט אט דאס זיך אריין אין'ם מענשענס נשמה.

* * *

פיעלע פון אונזערע מעמבערס געפינען זיך שוין איצט אין דער יוניטי-הויז און פארברענגען זייער צייט אויפ'ן שוים פון דער מוטער-נאטור. באלד וועט די גאנצע יוניטי-הויז ווערען פול מיט פרעהליכען געלעכטער און געזאנג, און דער אלטער יוניטי-גייסט וועט זיך פיהלען אין אלע ווינקעלעך. גרויסע צאהלען מעמבערס האבען זיך שוין רעגיסטרירט פאר די מאנאטען יולי און אויגוסט. אבער עס איז נאך דא גענוג פלאץ. דאך, איז עס זעהר ראטזאם, אז אלע, וואס ווילען פאהרען אין דער יוניטי הויז, זאלען נים אפלעגען זייער רעגיסטרירען זיך אויף דער לעצטער מינוט, נאר דאס זאל באצייטענס. וואס פריהער אלץ בעסער.

אויפמערקזאמקייט ווערט געצויגען אויף דער נויטיגקייט צו האבען וואס מעהר ביכער אין דער יוניטי הויז לייברערי. אלע שאפ-טשערלייט און אקטיווע מעמבערס ווערען געבעטען אויסצואיבען זייער גאנצען איינפלוס אויף די ארבייטער אין זייערע שעפער, אז יעדער פון זיי, וועלכער פארמאגט ביכער, וועלכע ער אדער זי וואלט געקאנט אוועקשענקען אדער אויסלייהען ביז איבער'ן זומער צו דער יוניטי הויז זאל אזוי גוט זיין און ברענגען די ביכער אין אפיס פון דער יוניאן, פון וואנען זיי וועלען באלד אריבערגעשיקט ווערען צו דער יוניטי הויז.

דאס איינציגע וואס פעהלט נאך אז אונזער יוניטי הויז זאל כשר און עהרליך פארדינען איהר נאמען, איז ע כ ט ע און א מ ת'ע א י י נ י נ ק י י ט! איינינקייט אין שטרעבונג און איינינקייט אין האנדלונג צווישען אלע ארבייטער און אויך צווישען אונזערע אייגענע מעמבערס. „איינינקייט" וועט זיין דער אנגעלעגנסטער גאסט אין „פארעסט פארק" און וועט דארט קריגען די ווארימסטע אויפנאהמע.

ווי די יוניטי ווילא זעהט אויס ביים אריינפאהר.

די לאגע פון קלאוקמאכער סטרייק אין בראנזוויל

אלס א כלל האט מען אלע מאל פאררעכענט די בראנזווילער ארבייטער פאר ערגערע יוניאן לייט ווי די ניו יארקער. און איבערהויפט אין צייט פון א סטרייק פלעגט מען גאר דערצעהלען וואונדערליכע געשיכטען פון בראנזווילער קלאוק-מאכער, וועגען סטרייקען, סקעבען, שפיעלען פינאקעל, טרינקען בראנפען, און עהנליכעס.

עס פארשטעהט זיך, אז דאס זיינען געווען פוסטע באבע מעשות, וואריום די בראנזווילער ארבייטער זיינען נים ערגער פון די ניו יארקער ארבייטער. מען האט אויף די בראנזווילער ארבייטער אויסגעטראכט א שם רע.

אמבעסטען ווייזט זיך דאס ארויס אין דעם איצטיגען סטרייק. די בראנזווילער ארבייטער, אין צייט פון דעם סטרייק, פארהאלטען זיך א סך רוהיגער און בעסער ווי מאנכע פון די ניו יארקער סטרייקער. נאטירליך, מען רעדט נים פון די עטליכע פראפעסיאנעלע סקעבס, וועלכע סקעבען אפילו אין יענע צייטען, ווען קיין סטרייק איז נישא. דיעזע בראנזווילער סקעבס סקעבען אבער נים אין בראנזוויל. אין דער היים זיינען זיי צדיקים. נאר אין דזשוירזי, אדער ערגעץ אנדערש ציינען זיי ארוים זייער ריכטיגען קאליר. אבער זייער צאהל איז אן אונבאדייטענדע און זיי שפיעלען א קליינע ראלע אין'ם גאנג פון דעם סטרייק, אדער אין דעם טרייד אין אלגעמיין.

אבער רעדענדיג וועגען בראנזוויל אין אלגעמיין, איז די לאגע דארט פיעל בעסער ווי מען האט זיך פריהער פארגעשטעלט. ווען די יוניאן האט ארויסגעשטעלט די פאדערונג פון 14 מאשינען פאר סאב-מאנופעקטשורערס און 10 פאר קאנטראקטארס, האט מען געדענקט אז בראנזוויל וועט פארליערען איהר גרויסע „אינדוסטריעלע באדייטונג" אלס קלאוק-מאנופעקטשורינג דיסטריקט. אבער עס ציינט זיך ארויס אז די בראנזווילער סאב-מאנופעקטשורערס און קאנטראקטארס ווייסען דעם טעם פון באסעריי און ווילען דאס נים אויפגעבען. זיי שטרענגען זיך אן און קומען נאך די פאדערונגען פון דער יוניאן, און איינער נאך דעם צווייטען קומען זיי און סעטלען. ביז יעצט האבען שוין געסעטעלט אלע סטארס, ביי א 15 אין צאהל האבען איינגעלייגט סעקיוריטים און געסיינט אגרימענטס מיט א פארזיכערונג פאר א צייט ארבייט פאר די ארבייטער.

עס האבען שוין אפגעסעטעלט כמעט אלע סקוירט קאנטראקטארס, וועלכע זיינען רעדזשיסטרירט פאר אסאסיאיישאן שעפער, אויך ביי א 15 אין צאהל. און עס האבען שוין אויך געסעטעלט ביי א 10 סאב-מאנופעקטשורערס. זיי האבען נאכגעגעבען אלע פאדערונגען פון דער יוניאן. א 20 אדער מעהר סאב מאנופעקטשורערס אונטערהאנדלען יעצט וועגען סעטעלמענטס און וואהרשיינליך וועט מען זיך מיט זיי דורכקומען. און מיט דער אויסנאהמע פון א געוויסער צאהל קארפאריישאן שעפער, און אזוי קליינע שאפקעס, וועלכע זיינען געצוואונגען זיך צו צומאכען און ארויס פון ביזנעס, וועלען אלע מעהר-ווייניגער אנשטענדיגע באסעס פון בראנזוויל האבען געסעטעלט מיט דער יוניאן און ארבייטען אונטער יוניאן קאנדישאנס.

איינינע הונדערט ארבייטער ארבייטען שוין אין בראנזוויל און די איבריגע וועלען אין א גאנץ קורצער צייט געוויס אויך זיין ביי דער ארבייט. קיינער וועט חלילה נים בלייבען אויפ'ן גאס. דער פאקט איז, אז סקוירט אפרייטארס און פינישערס פעהלען שוין יעצט אין בראנזוויל. אויב עס איז דא ארבייטער פון דער לייין וואס ארבייטען ביי אנדערע טריידס זיינען זיי געבעטען זיך צו מעלדען אין אפיס פון דער יוניאן.

די ספיקערס' קאמיטע באריכטעט אז די שעהנסטע און רוהיגסטע מיטינגען און קאנצערטען ווערען אפגעהאלטען אין בראנזוויל.

צום שלוס וויל איך זאגען א ווארט צו די סטרייקער פון בראנזוויל:

1) עס איז וויכטיג, אז אלע סטרייקערס זאלען זיך אומבאדינגט געפינען אין זייערע האלס, ווייל איצטער קומען פאר די סעטעלמענטס מיט די באסעס, און אויב די ארבייטער פון א געוויסען שאפ וועלען זיך נים געפינען אין האל, ווען מען רופט זיי אויס, וועט מען מוזען סעטלען אהן זיי.

2) אלע בראנזווילער קלאוק מאכער וואס זיינען אוועק צו אנדערע טריידס, קענען זיך מעלדען איצט אין דעם אפיס פון דער יוניאן, וואו עס איז דא ארבייט פאר זיי.

א. באביטש,
מענעדזשער בראנזוויל דיסטריקט.

די פאריערס קאנווענשאן אין שיקאגא

די פערטע קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל פאר ווארקערס יוניאן האט אנגעהאלטען זעקס טעג אין האטעל מאריסאן, שיקאגא. און די מעהר וויכטיגע באשליסע, וואס זיינען אנגענומען געווארען, זיינען:

אנצופיהרען א קאמפיין פאר א פינף טעגיגער ארבייטס-וואך, וואס זאל באשטעהן פון פערציג שטונדען, אין דער גאנצער פאר-אינדוסטריע.

די איינפיהרונג פון דעם יוניאן-לייבעל אין אלע ברענטשעס פון טרייד.

די אפשאפונג פון קאנטראקטינג-ארבייט, אינסייד און אויטסייד.

די ווידזש סקייל פאר פרויען זאל זיין די זעלבע ווי פאר מענער.

די קאנווענשאן אינסטרואירט דער ניי-ערוועהלטער עקזקוטיוו באארד צו באשעפטיגען ארגאנייזערס און אנפיהרען א העפטיגען ארגאניזאציאנס-קאמפיין אין די אונארגאניזירטע שטעדט, ווי דעטראיט, סט. לואיס א. ז. וו., און אויך צו ארגאניזירען פאריער-לאקאלס אין דער ווייטער וועסט.

אום צו מאכען מעגליך די געפלאנטע ארגאניזאציאנס-ארבייט, האט די קאנווענשאן באשלאסען צו העכערען די פער קאפיטא פאר דער אינטערנעשאנאל צו 10 סענט א וואך פאר א מעמבער. די פראגע געהט צו א רעפערענדום און אלע מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל פאר ווארקערס יוניאן וועלען האבען א געלעגענהייט אויסצודריקען זייער מיינונג.

א ריהע רעזאלוציאנען איבער אלגעמיינע געזעלשאפטליכע און פאליטישע פראגען זיינען אויף דער קאנווענשאן אנגענומען געווארען איינשטימיג.